STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00414

HUMOR UN SATIRE

Permanent preservation of this book was made possible by
Virginia & Harry Brill
in honor of
their children

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הומאָר און סאַטירע

צווייטער באנד

ערצעהלונגען, סקיצען און פעליעטאָנען

רעדאַגירט פון

י. מאַרינאָוו און אַ. וואַהלינער

Hebrew Publishing Company
632-34 BROADWAY
NEW YORK
1928

Copyright, 1911,
by Ramal Publishing Co.,
New York

אינהאלטס־פערצייכניס:

ערצעהלונגען, סקיצען און פעליעטאָנען.

י. אדלער

1) דער צודרעהטער..... 3
2) ליעבט ניט צו שטאַרק 6
3) דער לעקטשורער..... 9
4) דער נאַרישער דיכטער 12
5) דער אַנאַרכיסט...... 15

מ. אדערשלעגער

אונטערוועגענס.......... 21

י. אָסמאַן

חסידישע מעשה'לעך:

א) ראש השנה ביי דער גרויסער מחלוקת.... 29
ב) עשרת ימי תשובה און יום כפור......... 32
ג) פון מוצאי יום כפור ביז שמחת תורה.... 36
ד) מלקות............ 40
ה) די אושפיזין....... 42
ו) די סעודת פורים..... 45
ז) דער סדר........... 48
ח) זיין לעצטער ל"ג בעומר 49
ט) שבועות פאַר זיין פטירה 51
י) די פיש........... 54
יא) קדוש לבנה......... 56
יב) די לבנה.......... 58

דוד אפּאַטהעקער

1) קיידי'ס הגדה....... 61
2) דער ווע־גע־טאַר־יאַ־נאַר 68

בעריל חסיד

פאָלקסטימליכע מעשה'לעך:

א) מלוה מלכה........ 77
ב) דריי עבירות........ 79

ראובן ברייניך

חכמת הבלאָף.......... 87

פ. גאָסין

פלאַץ פאַר אַ סוכה....... 93

יעקב גאָרדין

1) די נייע קאָאָפּעריישאָן 99
2) אַרונטער מיט די פּאַ־טעס............ 104
3) ניט פּיק און ניט ניק 108
4) דאָס גרויסע געווינס.. 112

מאָריס ווינטשעווסקי

1) תמוז............ 121
2) אַ דרשה פאַר פערד.... 124
3) אַ איד פון קוינסקער גו־בערניע.......... 128
4) נאָך מיין טויט...... 134

מ. זייפערט

טאָגעבוך פון אַ „גרינעם“ 143

ג. זעליקאָוויטש

1) לעבען אָדער שטאַרבען? 159
2) די לעצטע מעשים טובים פון אַ יונגער טאָמויטאָ 165
3) צוויי געגזענע גבורים 170

4) פּנים - רעפאָרם - אינ־סטיטוט........... 176
5) טויזענד און איין סע־קונדע........... 181

חבצלת

1) וואָס דער גרויסער מאַן האָט געטראַכט....... 189
2) בעשערט אַן אונגליק.. 193
3) דאָס פּאָר.......... 196

י. טונקעל

אין אַ שניט־קראָם....... 201

לאַמיט אַ ספּאַדיק

אין דער פינסטער........ 207

י. מארינאָוו

1) צו זכור ברית...... 213
2) דער מחיה־מתים־דאָק־טאָר............ 220

מ. מלמד

איבער'ן וועג............ 229

ב. צביון

מעטשעס.............. 235

מ. ציפּין

עס סוויסטשעט.......... 243

ל. ק.

מיין ווייב'ס גליקען...... 255

מ. קאַפּלאַן

אַ צעטעל.............. 263

א. רייזען

1) דער באַהן־בילעט...... 271
2) דער הייליגער....... 275

י. רייז

1) אַן אינטערוויו מיט מיין ווייב......... 281
2) מאַנדלען........... 284
3) גיט איהם פינפערלעך! 288
4) לאַפּטאַש........... 292
5) 35 צו 1.......... 296
6) סעמעטערי......... 300
7) האַלט אָב די פּרעס!... 305
8) איך און נאָך אימיצער 309
9) סצענקעס אין אַ צייטונגס - אָפּיס....... 313
10) פערפעלשלינגער...... 317
11) מיין רעגען - מאַנטעל 321
12) די מויד.......... 324
13) די מוהמע רישע..... 328

י. אַדלער

דער צודרעהטער

געלעגען בין איך מיר אויף מיין אלטער פּלושענער סאָפאַ און געלעזען זעהר א שפּאַנענדען קאפּיטעל פון א שונד־ראָמאן. פּלוצים עפענט זיך די טהיר און א מאַן מיט צופודרעלטע האָר און ווילדע, גרויסע אויגען קומט אריין און פרעגט: „וואָהנט דאָ דער שרייבער פון „לץ“ ?“

— יא, — האָב איך געענטפערט — וואָס דאַרפט איהר און ווער זייט איהר ?

— איך בין געקומען אייך געבען שטאָף פאַר אייער זשורנאַל.

— אויב אזוי, טאָ זעצט זיך אנידער און דערלאַנגט מיר אלעס וואָס איהר האָט.

ער הויבט אָן :

— איך בין א פערהייראַטהער מענש און האָב 6 מיידלעך, 5 אינגלעך און גלאַט אזוי דריי קינדער... א חוץ דעם האָב איך א ווייב וואָס האָט קיין מאַן ניט און, איך — האָב קיין ווייב ניט...

— ווי איהר זעהט אויס, זייט איהר עפּעס ניט מיט אלעמען — האָב איך בעמערקט — ווי איז מען דאָס פערהייראַט און מען האָט קיין ווייב ניט ? סיידען איהר וואָהנט ניט מיט איהר.

— ניין, איהר האָט ניט געטראָפען. איך בין א קרבן פון א פערפּלאָנטערטען פאַמיליענלעבען און אויב איהר האָט א ביסעל געדולד וועל איך אייך בעקאַנט מאַכען מיט מיין פּלאָנטער.

— אָל־ראַיט, דערצעהלט.

— איך בין בעקאַנט געוואָרען מיט אן אלמנה, וועלכע האָט געוואוינט צוזאַמען מיט איהר שטיעפּטאָכטער — האָט ער אָנגעפאַנגען — איך האָב חתונה געהאַט מיט דער אלמנה און מיט א מאָנאַט שפּעטער האָט זיך מיין פאָטער פערליעבט אין מיין ווייב'ס שטיעפּטאָכטער און מיט איהר געהייראַט. מיין ווייב איז אלזאָ געוואָרען מיין פאָטער'ס שוויגער און שנור. מיין ווייב'ס שטיעפּ־

טאָכטער ווידער איז געוואָרען מיין שטיעפמוטער, און דיזע שטיעפמוטער איז מיין ווייב'ס שטיעפטאָכטער...

— דאן האט מיין פאָטער'ס ווייב געהאט א אינגעל, ביי וועמען איך בין געוועזן קוואטער. דיזער אינגעל איז דאָך געוואָרען מיין שטיעפברודער, דען ער איז דאָך דער זוהן פון מיין פאָטער און מיין שטיעפמוטער, און צו דערזעלבער צייט איז ער אויך דער זוהן פון מיין ווייב'ס שטיעפטאָכטער, בכן איז מיין ווייב די באָבע פון דיעזען אינגעלע און איך בין דער זיידע פון מיין שטיעפברודער...

— געוואלד! — האָב איך דערלאַנגט א געשריי — איהר זייט דאָך טאקע באמת א צודולטער.

אָבער ער רעדט ווייטער:

—עס האט ניט לאנג גענומען און אויך מיין ווייב האט געבוירען א זוהן. מיין שטיעפמוטער איז אלזא איצט געוואָרען מיין זוהן'ס שטיעפשוועסטער און מיין שטיעפמוטער איז אויך אין דער זעלבער צייט מיין קינד'ס באָבע, ווייל ער איז דאָך איהר זוהן'ס א קינד. מיין פאָטער איז ווידער געוואָרען דער ריכטיגער שוואָגער פון מיין זוהן, ווייל מיין פאָטער האט דאָך מיין קינד'ס שטיעפשוועסטער פאר א ווייב... קומט אויס נאָך דיעזען חשבון אז מיין זוהן איז דער אייניקעל פון מיין פאָטער און איך בין געוואָרען א זיידע צו זיך אליין, און מיין ווייב איז געוואָרען א...

— אָבער אום גאָטעס ווילען! ווי לעגט זיך דאָס אויפ'ן שכל?

— אָט ווי אזוי:

— ווען מיין פאָטער'ס ווייב האט געהאט א אינגעל איז דאָך דיעזער אינגעל געוואָרען מיין שטיעפברודער, ווייל ער איז דאָך דער זוהן פון מיין פאָטער און מיין שטיעפמוטער. צו דערזעלבער צייט איז ער דאָך אויך דער זוהן פון מיין ווייב'ס שטיעפטאָכטער, קומט דאָך אויס אז מיין ווייב איז די באָבע צו דיזען אינגעלע און איך בין א זיידע צו מיין שטיעפברודער...

— אָבער איך פערשטעה אייך נאָך אלץ ניט.

— רבונו של עולם! וואָס פערשטעהט איהר דאָ ניט?! ווען מיין ווייב האט געבאָרען א זוהן, איז מיין שטיעפמוטער געוואָרען מיין זוהן'ס א שטיעפשוועסטער און מיין שטיעפמוטער איז צו דער-

זעלבער צייט געוואָרען מיין קינד'ס באָבע, ווייל ער איז דאָך איהר שטיעפזוהנ'ס א קינד... מיין פאטער איז ווידער געוואָרען דער ריכטיגער שוואָגער פון מיין זוהן, ווייל מיין פאטער האָט דאָך מיין קינד'ס שטיעפשוועסטער פאַר א ווייב... נו, קומט ניט אויס אַז מיין זוהן איז דער אייניקעל פון מיין פאטער און איך בין א זיידע צו זיך אַליין ?...

— געגוג ! געגוג ! — האָב איך אויסגעשריען — געגוג !

ער האָט מאָדנע א שמייכעל געטהאָן און איז אַרויס פון הויז.

ליעבט ניט צו שטאַרק!

(אַ מעשה׳לע)

עס ווערט דערצעהלט אַ וואונדערשעהנע מעשה׳לע.

דאָס מעשה׳לע דערצעהלט זיך אַט אַזוי:

אַמאָל האָט אין מאָרגענלאַנד געלעבט אַ יונגער העלד, וועלכער איז געווען שטערבליך פערליעבט אין דער וואונדערשעהנער מיידעל פלאָרא. זי איז געווען די שעהנסטע טאָכטער פון מאָרגענלאַנד.

און דער יונגער העלד, וועלכער איז געווען אין פלאָרא׳ן שטערבליך פערליעבט, האָט זיך געוואָלט בעוואָרענען, אַז קיין אַנדער העלד זאָל זיך ניט צושאַרען צו זיין געליעבטער פלאָרא, איז ער געפאַלען אויף אַ פּלאַן:

אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען איז דער פערליעבטער העלד געקומען צו זיין געליעבטער פלאָרא אין איהר קליין, וויים, ציכטיג שטיבעלע און האָט צו איהר אַזוי געזאָגט: „טהייערע, האַרציגע פלאָרא מיינע! אַזוי ווי דיינע גרויסע שוואַרצע כשוף׳דיגע אויגען קענען צוציהען צו זיך פרעמדע מענער, דאַרום מוז איך דיר, מיין טהייערע, דיינע אויגען אויסשטעכען...“

און ער האָט זיי אויסגעשטאָכען.

„דאָס איז נאָך ניט אַלץ — האָט ער ווייטער געזאָגט — אַזוי ווי דיינע שוואַרצע סאַמעט־לאָקען ווערען פון אַלעמען בעוואונדערט און זיי זיינען אַ גוטער מיטעל אַז פרעמדע מאַנסבילען זאָלען זיך אין דיר פערליעבען, דאַרום מוז איך דיר דיינע שעהנע לאָקען אָבשערען.“

און ער האָט זיי אָבגעשוירען...

ווייטער: „אויך דיינע ווייסע פּעריל־ציין זיינען שעהן און קענען מיט זייער ווייסקייט צוציהען פרעמדע מענער — דאַרום מוז איך דיר דיינע ציין אַרויסנעהמען.“

און ער האָט זיי אַרויסגענומען...

ווייטער: „אַזוי ווי דו בעזיצסט אַ וואונדערשעהנע שטימע און ווען דו זינגסט דאַכט זיך אוים אַז דאָס טרילערט אַ סאָלאָוויי

אין א ווארימער פריהלינגס־נאכט; און אז פרעמדע מענער זאלען דערהערען דיין זיס געזאנג, קענען זיי דיך נאך צונעהמען פון מיר — דארום, מיין ליעבע פלארא, מוז איך דיר דיין צונג ארויס־רייסען...“

און ער האט דעם צונג ארויסגעריסען.

וויטער: „ליעבע, זיסע, טהייערע פלארא! דיינע יונגע בריסט זיינען ליעב און ווייס און צארט און ריין ווי די שעהנסטע ליליען פון מארגענלאנד; זיי קענען בעצויבערן מיט זייער צארט־קייט פיעלע, פיעלע יונגע לייט — דארום מוז איך דיר דיינע יונגע בריסט אבשניידען...“

און ער האט זיי אבגעשניטען.

„ביזט נאך ניט פארטיג, מיין ליעבע, טהייערע פלארא! איצטער וועל איך דיר דיינע הענד ארונטערהאקען, ווייל זיי זיינען ווארם, ווייך, זאנפט און קלאר ווי זילבער... ווען א פרעמדער מאן זאל דיין האנד בעריהרען, וואלט זיך איהם אויסגעדאכט, אז ער האלט א הויפען פוך פון א יונגע ווייסע טויב און איך וויל ניט, מיין טהייערסטע, אז א פרעמדער מאן זאל דיינע הענד אנריהרען, דארום מוז איך דיר דיינע הענד ארונטערשניידען.“

און ער האט זיי ארונטערגעשניטען...

„מיר זיינען באלד צו ענדע“ — האט דער פערליעבטער העלד פארטגעזעצט — „ווען דו, מיין טהייערסטע, זאלסט זיצען אין א געזעלשאפט פון מענער ביי א טיש קענסט דו דאך מיט דיינע פיס זעהר גרינג אנריהרען א פוס פון א פרעמדען מאנסביל — און דאס וואלט איך ניט געקענט איבערטראגען; ווייל צו שטארק און צו היים איז מיין ליעבע צו דיר, דארום מוז איך דיר, מיין טהייערסטע, אבזעגעןביידע פיס...“

און ער האט זיי אבגעזעגט...

„איצט — זאגט דער פערליעבטער העלד — בין איך שוין בערוהיגט... איצט בין איך זיכער מיט דיר, מיין טהייערע! קיינער, קיינער וועט דיך שוין ביי מיר ניט צונעהמען! מיר וועלען זיך לעבען ווי אדם מיט חוה'ן אין גן־עדן. קיינער וועט אונז דאס גליק ניט פערשטערען. דו בלייבסט אויף אייביג מיינע!...“

און ער האָט זיך מיט איהר פריינדליך געזעגענט און איז אַרויס פון איהר שטיבעלע א צופריעדענער, א גליקליכער.

ווען ער איז דעם זעלבען פאַרנאַכט געקומען בעזוכען זיין ליעבע טהייערע פלאָרא, האָט ער צו זיין גרעסטען שטוינען געפונען איהר צימער לעדיג.

זיין געליעבטע פלאָרא איז ניט געווען...

נאָכפרעגענדיג ביי אַלע אַרומיגע שכנים האָט ער אויסגעפונען, אַז עפּעס א צירקוס מאַן האָט זי אָבגעקויפט און ער איז מיט איהר אַוועק וואַנדערן איבער דער וועלט.

דער לעקטשורער

(א רעדע־מאָנאָלאָג)

„אידען, שרייבער און מענשען! מיט גרויס פרייד לאָזען מיר איך וויסען, אז דער בעליעבטער לעקטשורער יאָקעל (א גאַליציאַנער ביים טרייד) וועט לעקטשורען איינע פון זיינע לעקטשורס, מיט וועלכע ער האָט זיך אזוי בעריהמט געמאַכט אין דער שטאדט חעלם. די טהעמא וועט זיין: „דאָס עסען ביי פערשיעדענע פעלקער".

„אראַנזשירט פון דער חעלם'ער „חולי נופלים", ביי וועמען דער לעקטשורער איז אויך דער טשערמאַן.

„קומט אין מאָסען היינט ביינאַכט, אין פּיפּיץ האָל, צווישען ריט און פּיט אין דער מיט. איינטריט: גאָר ניט."

דעם דאָזיגען סירקולאַר האָט מיר דערלאַנגט אַן אַלטער איד אין פּיט סטריט פּאַרק.

איך האָב זיך קוים דערוואַרט דער טאָג זאָל אוועק. אז ס'איז נאַכט געוואָרען, בין איך אוועק הערען דעם „בעליעבטען יאָקעל, וואָס איז אַ גאַליציאַנער ביים טרייד און איינטריט איז גאָר ניט..."

ארום 8 אוהר איז שוין די פּיפּיץ האָל „צווישען ריט און פּיט אין דער מיט" געווען געפּאַקט.

אַ פערטעל נאָך 8 האָט זיך בעוויזען דער „בעליעבטער יאָקעל" און אָנגעהויבען בזה הלשון:

„חברים און חבר'טעס! דער גרויסער גריכישער פילאָזאָף לאַפּאַצאָנוס האָט נאָך מיט טויזענד יאָהר צוריק בעהויפּטעט, אַז אין דער וועלט זיינען פאַראַן מעהר נאַראָנים ווי מענשען...

„איצט, אז מיר זיינען שוין בעקאַנט מיט די גריכען, וועלען מיר איך איבערגעבען זייערע עסענס:

„די גריכען זיינען געווען די ערשטע מענשען אין דער וועלט, וואָס האָבען אויסגעטראַכט אַזעלכע אכילות ווי: אָקסענע קעפּ,

קאַלבם־צונגען, שאָפענע געהירן, געגזענע פּופּיקלעך און היהנער־אויגען...

„חברים און חבר'טעם! וואָס הירזשעט איהר ווי די פערד, וואָס כאָכאָטשעט איהר ווי די עזלען? קאַטשקעס, וואָס איהר זייט, לאָזט אויסרעדען אַ וואָרט!...

„די גאַליציאַנער זיינען געוועזן — — —

„ליעבע חברים און חבר'טעם! מאַכט ניט קיין געוואַלדען, שרייט ניט, הוסט ניט, פייפט ניט! אַז איהר וועט פייפען און הוסטען און שרייען, וועל איך מוזען סטאָפּען...

„וואָס, איהר פייפט נאָך?... אָלל־ראַיט, פייפט, ווער לאָזט אייך ניט פייפען? אָבער צו וואָס דאַרפט איהר נאָך וואַרפען אויף מיר שאָלעכץ פון באַנאַנעס און שטיקער וואָטער מעלאָן?...

„חברים און חבר'טעם! אויב איהר ווילט דוקא אויף מיר וואַרפען שאָלעכץ פון באַנאַנעס און שטיקער וואָטערמעלאָן — קען איך אייך ניט פערוועהרען. אָבער צו וואָס, זאָלט איהר מיר לעבען, דאַרפט איהר נאָך וואַרפען אויף מיר פלעשער פון סעלצער־וואַסער און בענקלעך? איהר קענט דאָך אזוי נאָך צו'פּטר'ן די גאַנצע פּאַרניטשור?...

„חברים און חבר'טעם! זאָגט מיר, אדרבה, וואו איז אייער שכל? אַט געהט מען שוין וואַרפען אויף מיר דעם טיש אויך!...

„פע, איך האָב פיינט אַזעלכע קאַטאָוועסלעך. ס'איז גוט אַ מאָל אַ וויץ, אַ שטיפעריי, אָבער וואַרפען אויף מענשען באַטעלס פון סעלצער־וואַסער און טישען מיט בענק — איז שוין אַ ביסעל צו־פיעל!...

„עה, איהר סטאָפּט טאַקע ניט? זייט איהר דאָך שוין אמת'ע רוצחים, גראָבע יונגען! איהר קענט דאָך מיך אַט אזוי אוועק־הרג'ענען! וואו איז אייער יושר, אייער מענשליכקייט? איך בין דאָך עפּעס אַ טאַטע פון 5 קינדער.

„וואָס, איהר ווילט מיך טאַקע ניט הערען?... אויב אזוי, הייסט דאָס, אַז איהר ווילט, אַז איך זאָל ניט פאָרטזעצען מיין לעקטשור... זעהר שעהן!... אָבער — — —

„ליעבע חברים און חבר'טעם! צו זיינט איהר היינט משוגע

געוואָרען, צו וואָס? וואָס צוהאַקט איהר עפּעס די פּלאַטפאָרמע אונטער מיר?... וואו האָט איהר דאָס געקראָגען אַזעלכע שאַרפע העקלעך? וואָס שלעפּט איהר מיך פאַר די הויזען?...

„גראָביאַנעס! וואָס שלאָגט איהר זיך, וואָס? פאַר וואָס קומט מיך צו שלאָגען?...

„הינט־שלעגער! אַ קרענק אין אייערע ביינער אריין!... איהר ווילט מיך נית הערען, אַלל־ראַיט! אָבער נאָך וואָס, זאָלט איהר מיר געזונד זיין, דאַרפט איהר צונעהמען די פּלאַטפאָרמע אין שטיקער?

„ניטע, שלעפּט ניט! שלעפּט ניט ארויס פון אונטער מיינע פיס דאָס לעצטע ברעט, איך'ל פאַלען!...

„טשעפּעט ניט, הערט!... וואָס, איהר שלעפּט טאַקע דאָס לעצטע ברעט אויך?... שעהנע מענשען! וואָס האָט איהר אויס־געפיהרט? גאָר נישט!... אַט האָט איהר פונאַנדערגענומען די גאַנצע פּלאַטפאָרמע!... איהר האָט געלד אויף אַנדערע פּלאַט־פאָרמעס? און אז יאַ... הערט! שלעפּט מיך ניט ביים קאָלנער!... וואָס בין איך עפּעס אייערער?... שטופּט מיך ניט אזוי!... איהר'ט מיך ארונטערוואַרפען פון די טרעפּ!... הערט! הערט מיך אויף בריקענען אין פּאַטילניצע, סטאַפּט!... איך האָב פיינט קאַטאָוועס־לעך!... פּע, איך וועל שוין פאַר אייך מעהר ניט לעקטשורען, אַ מכה!...“

דער נאַרישער דיכטער

(אַ מעשה'לע)

עס איז אַמאָל געווען אַ נאַרישער דיכטער. און דער נאַרישער דיכטער האָט זיך איינגערעדט, אַז אָהן איהם קען דער פריהלינג ניט קומען. ער מוז פריהער זיין פריהלינגס־ליעד שרייבען...

זאָל ער עפּעס ניט זיין „מיט אַלעמען", און קיין פריהלינגס־ליעד ניט שרייבען, וועט דער פריהלינג ניט קומען...

און בעלאַנגט האָט דער נאַרישער דיכטער צו די אַלטע, צו די זקנים... און אַלס אַ זקן האָט ער דעם ווינטער געליעבט.

ווינטער פלעגט ער ליעגען אין זיין בעטעל איינגעקאָרטשעט און זיך וואַרעמען אונטער די פוכענע קאָלדרעס...

ער האָט קיינמאָל ניט געזעהן ווי די יונגע ווייסע שנעעלעך פלאַטערען שטיל און טרוימעריש אין דער ווייסער לופט, ווי בליטהען־רעיונות פון יונגע נביאים...

ער האָט געליעבט די קעלט, אָבער קיינמאָל ניט די שעהנהייט.

איינמאָל האָט דער נאַרישער דיכטער דערשפּירט, אַז אַלץ לעבט אויף.

האָט ער פון זיין פענסטערל אַרויסגעקוקט און דערזעהן, אַז די ערד ווערט גרין... אַז די בוימער האָבען שוין אַרויסגעשטעלט דער וועלט זייערע גרינע צינגעלעך...

און בלייך איז דער דיכטער געוואָרען.

און צוזאַמענגערופען האָט ער עטליכע קלוגע מענשען און געפרעגט ביי זיי וואָס דאָ קומט פאָר.

„ס'איז פריהלינג", האָבען די עטליכע קלוגע מענשען געענטפערט.

דער נאַרישער דיכטער האָט אַ טופע געטהאָן מיט'ן פוס.

„פריהלינג"? — וואָס רעדט איהר! איך האָב דאָך נאָך קיין פריהלינגס־ליעד ניט געשריבען..."

קאטשען זיך די עטליכע מענשען פון געלעכטער.
שרייט דער דיכטער: „ברענגט מיר שוין אהער דעם לוח!“
אום צו האבען שפאס, האט מען איהם א לוח דערלאנגט.
האט דער נארישער דיכטער פון דעם לוח דעם חודש מאי אויסגעמעקט...

האבען זיך די מענשען נאך שטארקער צולאכט.

איז דער נארישער דיכטער אין כעס געווארען, און געהאלטען פאר די עטליכע מענשען די דאזיגע דרשה:

„אזוי ווי די זון קען ניט אויפגעהן ביז דער האהן קרעהט ניט, אזוי קען דער פריהלינג ניט קומען, ביז איך שרייב ניט קיין פריהלינגס־ליעד...

„מיין פריהלינגס־ליעד רופט דעם פריהלינג ארויס.

„אי, וואס די לופט איז מילד און ווארעם און דער הימעל לויטער־בלוי און די ערד מיט גרינס בעציערט — איז דאס טאקע ניט נאטירליך!... דאס האבען מיר די שונאים מיינע, די יונגע צוציקעס, די ניט־פערגינערס — א בראנד אויף זיי — אזוי אב־געטהאן!

„זיי ווילען מיך ערגערן!...

„ליעבע מענשען, דער פריהלינג וואס איהר זעהט, איז א געמאכטער, א פאלשער פריהלינג! דאס האבען די ווייסע חברה, די פיפיגע יונגען אומישנע פאבריצירט! זיי ווילען מיך בעזייטי־גען... אומברענגען; אין מיין גלאנץ ווערען זיי פערדונקעלט... זיי שטעהט ניט אן, אז איך זאל זיין די זון, און זיי די פלעקען...

„מיינע לעצטע ליעדער האבען דאס בעוויזען...“

דערווייל איז אין דרויסען געווארען גוט ווארעם, און דער דיכטער האט געגומען שוויצען ווי א ביבער...

ער האט דעם שוויים פון שטערען געווישט און ווייטער גערעדט:

„אז איך וועל קיין פריהלינגס־ליעד ניט שרייבען, וועט דער פריהלינג ניט קומען; וועלען קיין גראזען ניט וואקסען; וועלען בהמות קיין פאשע ניט האבען...“

און אין דרויסען איז דער יונגער פריהלינג געשטאנען א פער־

נאָנדערגעבליהטער און געשמייכעלט...

און זומער איז געוואָרען...

און דער דיכטער האָט שוין ניט געקענט די היץ אריבער־טראָגען, און ער האָט אָרונטערגעוואָרפען פון זיך זיין קאַפּעליוש און זיינע קליידער, ווי ס׳וואָלט געווען אין מיטען תמוז...

און פּאָכענדיג מיט דער נשמה האָט דער נארישער דיכטער געזאָגט:

„איך וואָלט ווייטער געוואָלט רעדען, איך בעווייזען, אז אָהן מיר קען דער פריהלינג ניט קומען, נור ס׳איז שרעקליך היים...“

און די עטליכע קלוגע מענשען האָבען זיך געהאַלטען ביי די זייטען פון געלעכטער...

דער אנארכיסט

(אַ מאָנאָלאָג)

קאָמפּראָמיסעווען איז ביי מיר ניטאָ! נאָ, סער! איך בין מיר אַ מענש, וואָס גלייך אויף אַלעם צו פייפען.

איך פייף אויף די ציצית, אויף די תפילין, אויף די רבנים, אויף דער סיסטעמע, אויף דעם קאַפּיטאַליזמוס, אויף מילה, אויפ'ן שטים־קעסטעל און אפילו אויף דעם הייליגען יום כפור!...

נור מעהר פון אַלעם פייף איך אויף די שבתים!...

אַ גאַנצע וואָך זיץ איך מיר אין הויז און טהו ניט אַ פינגער אין קאַלטען וואַסער, אָבער טאַקע לחלוטין גאָר ניט! פון וואַנען לעב איך? איז דער תירוץ: מיין ווייבעל! זי געהט זיך ארבייטען און דאַטס־אָל!...

פאַר דערפאַר, אַז עס קומט דער הייליגער שבת, איז געהאָרע־וועט דעם גאַנצען טאָג.

איך הייץ איין דעם אויוון, שטעל צו דינער, פערריכט מיר די הויזען, סמוק אַ סיגאַרעטעל, האַק אָן אַ ביסעל האָלץ, פאַליש מיר אָב די שיך, זיפּ אויס די אַשעס, שלאָג טשוועקעס אין די ווענד, פיינט אָב דעם פלאָר, וואַש וועש און שפּיעל מיר אויף מיין הארמאָניקעל!...

שבת בין איך ביזי ווי אַ ביהן... אַזאַ מענש בין איך מיר.

מען מוז דאָך מאַכען אַביסעל פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם אידעאַל!

אי, די שכנים בורטשענען? — פייף איך אויף זיי אויך!...

וואָס טויג איך מעהר: אַז מיין זעליגע מאַמע איז געלעגען אויפ'ן טויטען־בעט, האָט זי געשיקט נאָך מיר — „זי וויל מיך זעהן איידער זי שטאַרבט“. מילא, בין איך אַוועק. צוגעקומען צום קראַנקען־בעט, נעהמט די מאַמע מיין האַנד אין איהרע און הויבט אָן צו וויינען... „וואָס ווילסטו, מאַמע?“ „איך וויל דיך בעטען: אַז נאָך מיין טויט זאָלסטו נאָך מיר קדיש זאָגען. אויב ניט דאָס גאַנצע יאהר, זאָל כאָטש זיין איבער די שלשים...“

און זי כליפּעט מיט ביטערע טהרערען!

מאַמע, זאָג איך, איך האַלט ניט פון די אַלטע זאַבובאָנעס...
איך פייף אויפ'ן קדיש!

וויינט זי נאָך מעהר!...

זאָג איך: מאַמע, דיין וויינען וועט דיר גאָר ניט העלפען. דאָס האָט צו טהון מיט א פּרינציפּ...

זאָגט זי: „אויב ניט איבער שלשים, זאָל כאָטש זיין איבער דער שבעה..."

מאַמע, זאָג איך, מאַך זיך ניט לעכערליך... דאָס קדיש־זאָגען איז אַן איבערבלייבענים נאָך פון די אַלטע פּרימיטיווע פעלקער... פון די אוראַלטע, פערשימעלטע דורות, בעת דער מענש האָט נאָך געלעבט ווי א מאַנקי, ניט געוואוסט פון קיין פּאַרטשריט, פּראָגרעס, סאַלידאַריטעט און קאָמוניזמוס...

ווען דו, מאַמע, וואָלסט געלעזען יאָהאַן מאָסט'ס „גאָט און די פּעסט", וואָלסטו ניט געפּלוידערט קיין דומהייטען...

און זי — די מאַמע הייסט דאָס — וויינט און גיסט מיט טרערען, און טענה'ט זיך אַלץ איהר אַלטע טענה: „איך שטאַרב... איך שטאַרב... פערזיס מיר די לעצטע מינוטען פון מיין לעבען... זאָג מיר כאָטש איין־איינציגען קדיש, בעת מען וועט מיך מקבר זיין... כאָטש איין קדיש ביים קבר... כאָטש איין קדיש..."

מאַמע, זאָג איך, איך האָב פיינט אַז אַ מענש מאַכט זיך לעכערליך!... איצטער זעה איך טאַקע, אַז יאָהאַן מאָסט האָט געהאַט רעכט, ווען ער האָט געזאָגט: „אַז די רעליגיאָן איז אַ רעגע־לע פּעסט"...

דער סוף איז געווען, אַז מיין מאַמע איז געשטאָרבען און איך בין אפילו צו דער לויה ניט געווען...

מיט מיין ווייב האָב איך אויך צו זינגען און צו זאָגען: א רענגעלע חיה! פאַנאַטיש, אַז גאָט זאָל אָבהיטען!... איך האָב זי שוין פיעלע מאָל מכבד געווען פאַר איהר פאַנאַטיזמוס. ערשט מיט א וואָך צוריק האָט זי פון מיר אַריינגעכאַפּט א היבשע פּאָרציע.

וואָס איז? זי האָט זיך איינגעשפּאַרט איך זאָל לאָזען מל זיין אונזער זוהן. איהר הערט כאָטש אַן איינפאַל? דער זוהן איז שוין

אלט פינף מאנאט, זאל איך איהם יעצט געהן מל זיין! געהן געגען מיין אידעאל...

נו, האט זי אריינגעכאפט א פארציע, אז זי וועט מיך האבען צו געדענקען!...

הערט־זשע מיך ווייטער: דא, אייערנעכטען, ווען איך בין ארונטער מיט מיין אידענע אויסרייניגען דעם סעלער (מיר זיינען די הויזקיפערס) האבען מיר דעם זוהן אונזערען געלאזען שלאפען אין וויגעל.

אז מיר קומען ארויף, ערשט דאס קינד וויינט און וויינט, אז מען הערט איבער׳ן גאנצען הויז. זייט מיר האבען דאס קינד האט עס נאך ניט געמאכט אזעלכע קולות. מיין אידענע נעהמט עס אויפ׳ן האנד, טרייסעלט עס הין און הער, גיט איהם די ברוסט, זינגט איהם א ליעדעל — עס העלפט ניט! עס וויינט און עס וויינט!

אפשר, זאג איך, שטעכט איהם א דייפער־פין?

נעהמט זי דאס קינד, לעגט עס אוועק אויפ׳ן טיש, טהוט עס אויס נאקעט און... מיר גיבען א קוק, דאס קינד איז עפעס פער־בלוטיגט... מיר קוקען ווייטער — די האאר שטעלען זיך אונז אויף פאר שרעק! עס ווארפט מיט אונז דאס ניין־יעהריגע קדחת!

איז וואס מיינט איהר האט פאסירט? גאר א קלייניגקייט: בעת איך מיט מיין אידענע זיינען ארונטער אויסרייניגען דעם סעלער, האבען זיך דערווייל אריינגעכאפט ביי מיר אין הויז חברה, און האבען מיר מל געוועזן דאס קינד!...

ווי איהר זעהט מיך א אידען, גענומען און מל געוועזן! — —

מעג ניט קומען אן אונגליק אויף גאנץ אמעריקא?!

א קינד ליעגט זיך שטיל און רוהיג אין וויגעל און טשעפעט ניט א פליג אויפ׳ן וואנד, געהט מען און מען בעשניידט דאס!...

גערעכט איז געוועזן יאהאן מאסט, ווען ער האט געזאגט, אז רעליגיאן איז א פעסט. און דעריבער טאקע זאג איך: מען מוז פראפאגאנדירען! קיין קאמפראמיסוועון! נא, סער!

מ. אַדערשלעגער

אונטערוועגנס

(אַ שמועס פון אַ יונגער אלמנה פאָהרענדיג פון אַ יריד)

— געלויבט איז גאָט, אבי איך זיץ שוין אויף דער פוהר. ס'זאָל דיר נאָר אָקעגענקומען וואָס דו האָסט מיר געטהאָן.

הער אָן אָבטהו פון אָן עשיו גנב! איך בעט איהם, וואַרט אוים נאָך איין מינוט, איך געה מיר נור צוברענגען אַ פּעקעל סחורה, וואָס איך האָב פערגעסען מיטצונעהמען, לאָזט ער מיך איבער און פאָהרט אוועק! אַז אַלע בייזע חלומות זאָלען אויסגעהן צו זיין קאָפּ, צו זיינע הענד און פים! אַ מערכה וואָס איך האָב נאָך דיך געטראָפען. צום טהייערען יריד וואָס איך האָב היינט געהאַט, מישטיינס געזאָגט, געה וואַלגער זיך נאָך אַ נאַכט אין אַ פרעמדער שטאָדט! אפשר איז מיר חלילה בעשערט געווען אַן אונגליק, זאָל דאָס זיין אַן אָבקומעניש.

אויב דו ווילסט, הערש, רוק זיך, זיי מוחל, אביסעל אַרויף. ס'האָט דיך אַזוי אַראָבגערוקט פונ'ם געזעס, אַז ס'דריקט מיר אָב די פים. — אַזוי, נאָך אביסעלע, אָט אַזוי! הונדערט יאָהר זאָלסטו לעבען! מיט די ערלים איז קיין מאָל ניט אויסצוקומען: אָדער זיי קריכען מיט די פערד ווי פוילע קעץ, אַז ניט טראַמאָסעט עס אַזוי, אַז ס'זעצט פּשוט די קישקעס אַרוים!

איך זאָל זיך זעצען נעבען דיר, זאָגסטו, וועט מיר זיין בעסער צו זיצען? אַ שעהנעם דאַנק. נאָך דאָס פעהלט מיר! נעבען אַ בחור „פאָדבאָקום" פעהלט מיר נאָך צו זיצען...

ווי־זשע געהט עס דיר פאָרט אַזוי, הערש? האָסט זיך אַזוי אויף קאָטאָוועס אריינגעלאָזט אין די ירידים, און יאַקאָש דרעהסטו זיך. לייזט זיך כאָטש עפּעס? נו, געלויבט איז גאָט דערפאַר! קיין גליקען איז היינט אין ערגעץ ניטאָ. וויפיעל דער אויבערשטער בעשערט, דאַרף זיין צוקער זים. כ'לעבען, דער גרויסער בעדאַרפער וואָס דו ביזט! אָהן דיין שאָדען אויף מיר געזאָגט! אוודאי, אַז

דער אויבערשטער העלפט אַז מען קען זיך האָבען פּרנסה און זיך ניט וואַלגערען אויף ירידים איז אודאי בעסער. וואָס קלערסטו, מיר איז גוט? אויף אַלע מיינע שונאים געזאָגט! איך זאָל קענען, וואָלט איך מיר אודאי בעסער געמאַכט. וואָס זאָל איך אָבער טהון, אַז דער וואָס איך בין ניט ווערטה צו דערמאָנען, האָט מיר אָבגעשניטען מיינע יונגע יאָהר?...

ס'איז דיר אַ חדוש, זאָגסטו, וואָס איך טהו קיין שדוך ניט? וואָס איז דאָ דאָס חדוש? איך ווייס? גאָר נישט! ס'איז אַ ספק צו דערצעהלען. מילא מיט מיר, ווי מיט מיר. נאָר אויף דיר, זעהסטו, חדוש'ט מיך טאַקע. אמת, עס פעהלט דיר גאָר נישט; ביזט ביים טאַטען, איך ווייס, מען קען זאָגען, דער גאַנצער בעל־הבית! פונדעסטוועגען וויפיעל איז דער שיעור צו וואַרטען? וואָס איז, אַ ווייב וועט חלילה ביי דיר קיין ברויט ניט האָבען? אַי ווּעסטו זאָגען, אַז חתונה האָבען איז נאָך ניט דאָס גאַנצע גליק? קען טאַקע זיין אַז דו האָסט רעכט; וואָרים, מען זאָל ניט וויסען דערפון, ווער פיהלט נאָך אַזוי דעם ביטערען טעם ווי איך, מישטיינס געזאָגט? אָבגעלעבט אין גאַנצען קאַרגע דריי יאָהר מיט אַ מאַן, שונאי ציון... איצט דאַרף איך זיך מוטשען אויפ'ן טויט, מיינע שונאים! — הימעל און ערד האָבען דאָך אויף מיין בראָך געוויינט.

דו שטעהסט שוין, זאָגסטו, יאָ עפּעס אין אַ שדוך? נו, זאָל דיר דער אויבערשטער העלפען ס'זאָל אויסגעפיהרט ווערען. מיט וועמען? איך האָב אפילו יאָ עפּעס געהערט מורמלען, איך ווייס אָבער ניט צי עס איז אמת.

פון וועמען איך האָב געהערט פרעגסטו? איך וועל דיר דער־צעהלען, איך וויל אָבער ניט ס'זאָל אַרויסקומען.

יענע וואָך שטעה איך אַזוי ביי מיר אין געוועלב, קומט אַריין שפּרינצע די קצב'טע.

— האָסט געהערט נייעס? — פרעגט זיך מיך.

— וואָס פאַר אַ נייעס? — פרעג איך.

— צווישען אונז זאָל עס בלייבען — מאַכט זי — ס'הערט זיך, אַז הערש חיים בער דעם שוסטער'ס געהט אַ חתן ווערען פאַרביילע דעם סטאָליאַר'ס".

געטראָפען, זאָגסטו? ווער זאָל אזוי לעבען? טאַקע? נו? ס'וועט, זאָגסטו, גאָר נישט זיין דערפון? פאַרוואָס, זי געפעלט דיר ניט?...

זעהסטו, ווער ס'איז שעהן, איך בין טאַקע קלוג! מיר זאָלעןביידע אזוי לעבען און געזונד זיין, ווי איך האָב שפּרינצע'ן באַלד געענטפערט די אייגענע ווערטער! און לאָמיר זיך ניט נאַרען, — וואָס פאַר א מציאה וואָלסטו טאַקע געכאַפּט אין איהר?... ערשטענס, איז זי אַן אָרימע און נאַקעטע, וואָס האָט ניט, איך בעט איבער דיין כבוד, אפילו א לייטיש קליידעל אויפ'ן לייב... און צווייטענס, צווישען אונז געשמועסט, ווי קומט זי טאַקע צו דיר?... וואָס איז, ביזט חלילה, א שטומער, א בלינדער? כ'לעבען, זאָג אליין, האָב איך רעכט צי ניין? — הער־זשע, זאָג איך אזוי צו שפּרינצע'ן: געדענק, שפּרינצע, מיינע רייד, אז פון דעם קאָרן וועט קיין ברויט ניט זיין. פרעגט זי: פאַרוואָס? זאָג איך: ווייל אזוי! ווייל דער קרבן פּאַסט ניט צו דעם מזבח!... זאָגט זי ווידער, אז לויט מען האָט איהר דערצעהלט, איז מען שוין פון דיין זייט כמעט אין גאַנצען פאַרטיג. וואָס־זשע דען? פון יענעם צד קרימט מען זיך נאָך אביסעל... ווייל איך דאַרף אָבער וויסען דעם תוך... און ביי שפּרינצע'ן צו דערגעהן א תוך ווייסטו דאָך ווי שווער עס איז... הכלל, א וואָרט פאַר א וואָרט, זי דערצעהלט מיר. וואָס איז? — בעשווערט זי מיך קודם, למען השם איך זאָל חלילה אויף איהר קיין פאַראיבעל ניט האָבען און דער עיקר עס זאָל חלילה ווייטער ניט קומען. זאָג איך איהר צו. מאַכט זי אזוי בנעימות, ווי זי רעדט זיך: „וואָס וויים איך? וואָס כ'האָב געקויפט, דאָס פערקויף איך. זי זאָגט — די מויד הייסט עס — אז ס'געהט אַרום א קלאַנג אין שטעדטעל, אז מען זעהט הערש'ען אלעמאָל אריינקומען צו דיר אין געוועלב אריין"...

גיט דאָס מיר שוין א שטאָך אין דער זיבעטער ריפּ, און איך בלייב שטעהן, אז דאָס בלוט מישט זיך אזש אין מיר.

וואָס הייסט, זאָג איך, ער קומט אריין? ס'איז אַן אָפענע טהיר, קומט מען. מען קען עפּעס יענעם פערשטעלען דעם וועג? און צווייטענס זאָג איך, ניט צו דיר גערעדט, זאָלען מיינע שונאים

כאָטש אַזוי לאַנג ליגען אויף איין זייט און זיך ניט קענען איבער־קעהרען, וויפיעל וואַכען עס געהט אַוועק, וואָס איך זעה דיך אפילו פאַר די אויגען ניט אָן! זאָג אַליין, מעג זיי ניט אויסגעקרימט ווערען די מיילער?...

ס'דאַרף מיך, זאָגסטו, ניט אַרגען וואָס מען רעדט? גלויב מיר, ס'אַרט מיך פּונקט ווי דעם פאַר־אַ־יאָהריגען שנעע... נאָר גאָר נישט; אַמאָל פּערדריסט עס, וואָס איז? ביי אַזאַ סטערוועדאַרף איך אויך זיין אין מויל?...

וואָס? צו אַ שעהן ווייבעל זאָגסטו מעג מען קומען? מענגסטו שוין אויך פּערשטומט ווערען! ער הויבט שוין אָן מיט זיינע חכמה'לעך... האָסט שוין ניט פון וועמען חוזק צו מאַכען? רוק זיך בעסער אַביסעל אַרויף, האָסט זיך שוין אַזוי אַראָבגערוקט אַז די פיס זיינען מיר אַזש אָבגענומען געוואָרען.

איך מוז זיך, זאָגסטו, זעצען נעבען דיר? וואָס קלערסטו, אָט לויף איך שוין! היים בעסער דעם גוי אַביסעל אונטערטרייבען די פערד. זעה נאָר ווי פּאַוואָליע מען האָט זיך אָנגעהויבען צו שלעפּען.

וואָס? דער גוי, זאָגסטו, איז גאָר אַנשלאָפען געוואָרען? אַ וויסטער חלום אויף זיין קאָפּ! לאָז נאָר, איך וועל איהם געבען אַ שלעפּ אַז דער רוח זאָל איהם כאַפּען! העי קומו! העי!... ביזט אַ מבין? שלאָפט ווי אַ געהרג'עטער.

ס'איז, זאָגסטו, אַ שעהנע נאַכט, מאַכט ניט אויס אַז מען וועט פאָהרען לענגער אַביסעל? וואָס דיר פעלט אַלץ איין פאַר נאַרישקייטען!

וואָס זאָגסטו!? אַלע בייזע חלומות צו מיינע שונאים'ס קעפּ! נישטאָ ווער ס'זאָל לאַכען! ביזט משוגע געוואָרען? וואָס הייסט דו ווילסט מיר אַ קוש טהון?... געה, געה, שלאָג דיר אַרויס די נאַרישקייטען פון קאָפּ. וואָס מיינסטו, ס'איז מיידעלוויז הינטער'ן בארג?...

ס'וועט מיר ניט העלפען, זאָגסטו? הער איך דיך ווי די קאַץ! ווייסט דאָך, אַז אויף „דוקא" קען מען ביי מיר ניט פועל'ן...

הער אויף, זאָג איך דיר!... אוי, אוי, אַ כאָלעריע דיר אין די ביינער אַריין! זעה ווי געזונד ער איז געוואָרען! ס'זאָל דיר נאָר זיין צום טויט! דו ביסט נאַר?... משוגענער, זאָל שוין זיין גענוג!... חזיר, וויפיעל איז דער שיעור?... ווילסט מיך דערשטיקען צו אַל־די רוחות?... פּע, הערש, איך זאָל אַזוי לעבען ווי ס'איז אַ מיאוס'ע זאַך... דער גוי וועט זיך נאָך אויפכאַפּען, וועט זיין אַ חרפּה און אַ שאַנדע... לאָז מיך אָב, זאָג איך דיר, הערש!... האָסטו געזעהן אַן אָנשיקעניש! אָנגעטשעפּעט זיך ווי אַ קלישטש און ניט אָבצורייסען איהם! ביזט משוגע געוואָרען, צי וועלכע גוטע יאָהר?... ווער איז מיר — הערש!...

י. אָסמאַן

חסידישע מעשה׳לעך

(נסים ונפלאות אַלאַ פּרץ)

א.

ראש השנה ביי דער גרויסער מחלוקה.

איז דאָס געווען אַ יאָהר, האָר און נעגעל, מויל און אויערען אויפצושטעלען!... אַלטע חסידים געדענקען דאָס נאָך. ער זאָל לעבען, שפּאַרט זיך איין: ער מוז משיח׳ן אַראָבברענגען. נעהמט מרדכי יוסף, דער רעכטער מקורב זיינער, דער לייב־מענש ממש — און מאַכט אַלץ צו־נישט... נעהמט ביי איהם צו דעם עולם, און די גרויסע מחלוקה האָט זיך אָנגעהויבען און פערפאַלען, דער גואל צדק האָט נ י ט געקענט קומען... מחלוקות...

מילא, מ׳ווייסט אַז דאָס איז קיינעמס אַרבייט ניט געווען נאָר דעם ב ע ל ד ב ר ׳ס, קיין אַנדערער האָט זיך מיט איהם ניט געקענט אָנהויבען ווי דער „סם“ אַליין... און אין אַזאַ קורצער צייט, פון די ערשטע סליחות ביז „זכור ברית“... און חסידים וואָס זיינען געגאַנגען צו־פּוס קיין קאָצק און האָבען פון גאָרניט געוואוסט, האָבען פערבלאָנדזשעט צו איהם קיין איזשביצע... אוי, וועה, ס׳איז נאָך אַזוינס ניט געהערט געוואָרען, פּשוט, טאַקע מויל און אויערען...

ביי זכור ברית האָט מען שוין געזעהן אַז ס׳איז עפּעס נישט ווי ס׳דאַרף צו זיין, ע ר האָט מרגיש געווען און מען האָט שוין געזעהן אַז ער ווערט פול מיט עצבות. נאָר ער האָט זיך פאָרט מתגבר געווען און גענומען זאָגען „זכור ברית“ מיט׳ן אַלטען נגון. נאָר אין מיטען האָט ע ר אַ בליק געוואָרפען אויפ׳ן עולם און אַלע האָבען שוין געזעהן אַז ז י י ן פּנים איז געווען חושך׳דיג, ממש צרות כל ישראל דערין געווען... ווערען אַלע, אַלע אויפגעציטערט און מ׳נעהמט זיך אַרויסרוקען...

וואָס זאָל איך אייך מאריך זיין, ראש השנה ביי נאַכט, מ׳האָט

זיך אַרומגעקוקט — ניטאָ קיין מנין !... ס'זיינען מעהר ניט געבליבען ווי ר' הירש טאָמאַשאָווער, רבי הירש פּאַרציוער און ר' יחיאל מאיר גאָסטינער, און זיי, די ליכטיגע אידען, געהען אַרום פערכמאַרעט ווי תשעה באב: גוואַלד, ניט דערלאָזט !... זיין אַרבייט... גלגול „רבי יוסף דילה רינה"...

מילא, לויפט רבי הירש טאָמאַשאָווער אַריין צו א י ה ם : „גוואַלד, רבי, נישטאָ קיין מנין !" זאָגט ער: „איך וויס, ס'איז זיין מלאכה... און פונדעסטוועגען דאַרף אַ איד ניט אַראָבפאַלען, מי לנו גדול מדוד מלך ישראל, און איהם האָט'ס אויך געטראָפען. הני מקים עליך, ווי דער נביא האָט געזאָגט, פון די אייגענע בני בית..." זאָגט ער איהם ווייטער: „גוואַלד, אַ מנין !... ראש השנה !..." הויבט ער שוין אויף די אויגען און זאָגט: „אי, אַ איד דאַרף האָבען בטחון, ס'וועט זיין..." געהט רבי הירש צוריק אַרויס...

און תיכף האָט ער די ווייסע זשופּיצע אָנגעטהאָן און אין בית המדרש אַריין. אַ קוק געטהאָן אויפ'ן עצבות, וואָס ליעגט אויף די ליידיגע ווענד און דעם חשך וואָס שלאָגט פון די מנורות און די מרה-שחורה אויף די פּנים'ער פון די דריי איבערגעבליבענע חסידים, שרייט ער אויס: „חס ושלום, עצבות חלול שבת ! ס'וועט זיין אַ מנין. געהט רופט מענשען פון גאַס..."

מילא, לאָזט זיך רבי הירש טאָמאַשאָווער מיט ר' יחיאל מאיר'ן אַרויס זוכען אַ מנין, רבי הירש פּאַרציוער נעהמט מאַכען הכנות צום דאַוונען, און ער שטעהט און קוקט גלייך אין הימעל אַריין... טענה'ט מיט'ן רבונו של עולם...

נו, אַז ער פערנעהמט זיך, וועט ניט זיין ? ער האָט'ך דאָרט פּאָרט מעהר דעה געהאַט ווי דער בעל דבר, געשעהט אַ נס און ס'בעווייזען זיך אידען אין גאַס און מ'פיהרט זיי אַריין אין בית המדרש, און מ'שטעלט זיך דאַוונען...

נו, האָט מען געדאַוונט, ניט אפילו ווי אימער, נאָר מ'האָט זיך פּאָרט מתגבר געווען איבער'ן עצבות...

און ביים זאָגען זיך לשנה טובה הערשט אַן עצבות, אַז ס'איז ניט איבערצוטראָגען. אַ קליינינקייט: אין קאָצק נישטאָ קיין מנין חסידים, און מ'מוז זוכען פרעמדע !...

נאָר ער האָט די עצבות פערטריבען... ס'מאַכט ניט אויס: די גאולה וועט קומען דורך די אידען...

און אַ שמחה האָט זיך פערשפּרייט איבער'ן בית המדרש, און מ'האָט עפּעס דערפיהלט ווי דער בית המדרש איז פול גע־וואָרען... „פּמליא של מעלה" איז אַראָבגעקומען איהם טרייסטען....

אין דער־פריה, מ'נעהמט זיך מכין זיין צום דאַוונען, און גוואלד! עצבות, ער יאָגט כסדר... די פערמדע אידען ליעגען אַלע קראַנק... ווייטער נישטאָ קיין מנין...

הייסט ער אריינברענגען אַ פּאָר שוסטערס און שניידערס. „איך וועל זיי אוועקגעבען די מדרגות פון מיינע גרעסטע חסידים און מ'וועט דאַוונען..."

מילא, געהט מען זוכען... און ער שטעלט זיך אוועק, הויבט אויף די אויגען צום הימעל: רבונו של עולם, מענדעל'ן טהוסטו דאָס? !....

קומען זיי שוין אריין מיט אידען און מ'שטעלט זיך דאַוונען... ווי מיינט איהר? רבי הירש פּאַרציוועט ווערט הייזעריג און קען ניט ארויסזאָגען קיין וואָרט...

שרייט ער אויס: „רבי הירש, מסירת נפש!" דאַוונט שוין רבי הירש מיט אַלע כחות...

ס'קומט צו תקיעות, ווי, ס'געהט ניט... אַלע שופרות אויסגע־פּרובט... נישטאָ קיין בעל תוקע... זאָגט ער צו רבי טאָמאַשאָווער: „הירש, בלאָז!"

זאָגט ער: „רבי, כ'וועל פּרובען..." פּרובט ער, ווי, ס'געהט נישט, די ליפּען זיינען שוין געשוואָלען און קיין קול שופר הערט מען נישט...

רופט ער זיך שוין אָן: „ער וועט אַ שוואַרץ יאָהר האָבען, דער רשע מרושע, זיך פערנומען, גלגול ירבעם בן נבט און יוסף דילה רינה... ווער ס'האָט אָנגעריהרט מיין קליאַמקע און וועט שטאַרבען אָהן תשובה, וועל איך איהם דאָרט אַ שוואַרץ יאָהר אויסריכטען... און דו, הירש, געה צו תקיעות..."

מילא, ער שטעלט זיך שוין אַליין אוועק מסדר התקיעות זיין. רבי הירש האַקט מיט די ציצית אין שופר אריין, ס'געהט ניט...

האָט ער זיך שוין פונאַנדערגעוויינט, און אַלע זיינען נאָך איהם פערגאַנגגען אין אַ בכיה אָהן אַ שיעור. מ׳האָט געזעהן ווי ער יאָגט כסדר...

מאַכט דאָס געוויין אָן אַ רושם דאָרט... און מ׳האָט זיך מרחם געוועזן, דער שופר האָט גענומען געהן ביסלעכווייז...

און מיט מסירת נפש האָט מען מאה קולות אָבגעבלאָזען און מוסף אָבגעדאַווענט...

מילא, אַ ראש השנה געוועזן, ס׳איז ניט געהערט געוואָרען... מ׳האָט שוין געוואוסט אַז ער וועט ניט שוויינען. קנאת ה׳ צבאות — אַ קאַטאַוועס! ער איז דאָך עפּעס געוועזן גלגול פּנחס... ער האָט מנצח געוועזן, באַלד דעם צווייטען טאָג האָט מען זיך שוין גענומען פון איזשביצע צולויפען...

די תקיעות האָבען דאָרט אין הימעל אַ גרויסען רעש געמאַכט...

און ווייטער איז געשעהן, אַ יאָהר מ׳זאָל אָבגעהיט ווערען, עקיצתן עקיצת עקרב, ער האָט מעניש געוועזן באַלד...

נו, מ׳געהט שוין דאַווענען... כ׳וועל אייך שוין דערצעהלען אויף יום כפור וואָס ס׳האָט זיך פון מוצאי ראש השנה ביז יום כפור אָבגעטהאָן....

ב.

עשרת ימי תשובה און יום כפור פון דער גרויסער מחלוקה.

אַז דו קומסט אַריין קיין קאָצק דורך דעם וועג וואָס געהט קיין איזשביצע — הויב אויף דיינע אויגען, ועסטו זעהן דעם נייעם „בית עולם“. אַ שרעקליכער בית עולם, מצבות אָהן אַ שיעור און אַלע פון איין יאָהר, איין חודש, איין לפ״ק... דאָס זיינען די קרבנות פון דער גרויסער מחלוקה. וואָרים ער, זאָל לעבען, זכרונו לברכה, האָט נוקם ונוטר געוועזן כנחש...

און נאָך ווי אַזוי!... מויל און אויערען, האָר און נעגעל...

צום ערשטען זיינען געגאַנגען די רעכטע בעלי־מחלוקה. מרדכי יוסף אַליין איז ר״ל מצורע געוואָרען, ממש אזוי ווי עוזיהו המלך, וועןער האָט געוואָלט ווערען כהן גדול... נו, נעהמען זיך די חסידים צולויפען...

מילא, דער ערשטער איז געווען שמואל פּייוועל, איינער פון די גרעסטע חסידים — אמאָל די רעכטע האנד ממש, און טאקע איינער פון די ערשטע וואָס האָבען דעם עולם אוועקגענומען, ער נעהמט חרטה קריגען, צוריק פאָהרען, און ווי מיינט איהר? — באַלד אויפ'ן וועג, אויף דער פוהר געשטאָרבען...

און יעקב יצחק משה מענדעלע'ס, געווען דער פּ ע ר אמאָל, חוטר מגזע ישרים — ער איז אפילו געקומען צולויפען מחילה בעטען, נאָר ער האָט איהם צומאָל אין די אויגען ניט געוואָלט קוקען; „אסור להסתכל" האָט ער געזאָגט, ניט געלאָזט איהם קיין וואָרט אויסריידען. און זאָגט איהם: געה און ווער גע'הרג'עט! און ווי מיינט איהר? באַלד, אָראָבגעגאַנגען ממש פון צוויי טרעפּ־לעך, גליטשט ער זיך אוים און, ר״ל, פאַלט אַ טוידטער...

און בעריל ר' שמואל יונה'ס, די גאָלדענע פאָהן, דעם „יום הקדוש'ס" אַן אייניקעל — און דאָס האָט אויך נישט געהאָלפען... „איך בין מקנא קנאת ה' צבאות פאַר דיין הייליגען זיידען", האָט ער געזאָגט, אַ קוק געגעבען און מאַכט פון איהם אַ גל של עצמות... שרייט: „נישט גוט, נישט גוט!"... מען האָט איהם ארויסגענומען אין אַן אַנדער חדר און ר״ל — טוידט...

מילא, אזוי זיינען אַ שעהן ביסעל אויסגעשטאָרבען, געפאַלען ווי די פליגען ממש. אַ יאָהר — בעהיט און בעשירעמט זאָל מען ווערען...

מילא, מען נעהמט אויסמיידען קאָצק, נאָר ס'העלפט ניט, ס'טרעפט אהיים אויך... פאַר איהם איז זיך דען געווען אויסצו־בעהאַלטען?... ס'פאַלען אוועק טאַטעס פון קינדער, ווייבער, קינדער, אַ מגפה ר״ל...

און ער פערשליסט זיך אין חדר, רויכערט די לולקע־ציבוק און לאָזט קיינעם נישט אריין...

און אז מ׳זעהט איהם ארויסגעהן, זעהט מען ווי זיין ליכטיג פּנים איז פערכמורעט, צרות כל ישראל דערינען דאָ.

ווייסט מען אז אין להרהר אחרי מדותיו, מ׳טאָר איהם ניט נאָכקלערען, עס וויים מן הסתם וואָס ער טהוט... מן השמים... ובערת הרע מקרבך — אַ מצוה...

און דאָ הערט מען ווי ר״ל די מגפה שטאַרקט זיך און שטאַרקט זיך, און יעדער קומט אָב פאַר זיין חלק...

און די חסידים וואָס זיינען נעבעך אונשולדיג אריבער צו איהם האָט׳ס ניט אזוי געשאַדט, אָבער דאָך נענש געוואָרען: ביים פּריץ אויסגעדונגען, אָבגעברענט... לויפט מען צו איהם, און ער וויל ניט עפענען...

נאָר ערב יום כפּור איז ער אריינגעקומען אין בית המדרש אריין, די אויגען פול מיט טרערען, דאָס קול פערשטיקט און אויס־געשריען: ענו! מילא, אלע זיינען דערשראָקען געוואָרען. נור מ׳האָט דאָך געוואוסט, אז ס׳געהט שוין אַ ישועה...

און ער געהט צו צום שלחן, שרייט אויס: „עטץ מיינט — פאַר מיר קענט עטץ זיך בעהאַלטען? איך וויים אפילו וואָס יעדער פון אייך טהוט בחדרי חדרים, ממש ביינאַכט אונטער דער אויבער־בעט אפילו!“

פאַלט אַ שרעקליכע אימה אויף אַלעמען...

און ער דרעהט זיך אוים צום ארון קודש, און זאָגט: „רבונו של עולם, דו זעהסט׳ך, זיי האָבען ניט דערלאָזט... האָב רחמנות... וואָס האָסטו געוואָלט פון מיר? „פּיהר“ — האָסטו געזאָגט. וואָס האָסטו פון מענדל׳ען געוואָלט?! דיינע קינדער, געה, שטראָף... און אפילו ווען די גרעסטע עבירות? קינדער, ניט זייער שולד... אזוי פיעל קליפּות ר״ל...“

און באַלד איז ער אין אַ שרעקליכע בכיה פערגאַנגען, געפאַלען צו דער ערד...

און די אימה ווערט שרעקליך, ניט אריבערצוטראָגען, ס׳שווידערט ממש...

און ער כאַפּט זיך אויף פּלוצלינג, וויל געהן, אנטלויפען, נאָר ער קעהרט זיך צוריק אום, פאַלט אריין אין ארון קודש...

און דער עולם איז ווי טויט, ממש פרחה נשמתם... אַ קאַטאַ־וועס!... ער...

און פּלוצלינג כאַפּט ער זיך אויף פון געוויין און שרייט אויס: „עולם, צופּאַהרט אייך! איך בין אַ פּראָסטער איד... איך קען ניט פיהרען!..."

ווערט אַ געוויין... די וועלט וועט חלילה פער׳יתום׳ט ווערען...

און אַלע האָבען מורא אַ וואָרט ארויסצורעדען, און אַלע אויגען קוקען צו רבי איטשע מאיר׳ן, ער זאָל נעהמען בעטען ביי איהם...

און רבי איטשע מאיר איז צו צו איהם, אָנגענומען ביים גאַרטעל און אריין מיט איהם אין שלום־שטיבעל, זיך פערמאַכט און גענומען טענה׳ן מיט איהם, וויינען, בעטען...

וואַרטען אַלע טאַקע בכליון עינים, מ׳וויל הערען וואָס ס׳וועט זיין...

און דאָס דויערט און דויערט, שעה׳ן דאַרט געוועןּ און אַלע שטעהען מיט אויפגעשטעלטע אויערען און דאָס האַרץ ציטערט...

און רבי הירש טאָמאַשאָווער, רבי הירש פּאַרציווער, מיט רבי יחיאל מאיר באַסטיניגער געהען ארום היין און צוריק איבער׳ן בית־המדרש, צורודערט, די יאַרמולקעס אויף די שפּיץ קעפּ און פער־זאָרגט...

נאָר אין מיטען עפענט זיך דאָס שלום־שטיבעל, רב איטשע מאיר איז ארויסגעקומען... לויפען אַלע צו הערען, און די הערצער ציטערען... און ער שרייט אויס: „ס׳וועט זיין אַ גוט יאהר, גע׳פּועל׳ט... און געהט׳ס, עולם, דאַווענען..."

כאַפּען זיך אַלע מכין זיין, און נסי נסים, כהרף עין, אַלע פאַרטיג און מען האָט שוין אָבגעדאַווענט...

נעהמט ר׳ איטשע מאיר ארויס אַ פלאַש בראַנפען און מ׳נעהמט צו קאַפּעצקעס... מ׳ווינשט זיך אַ גמר חתימה טובה...

און דאָס ווינשען געהט אזוי מעומקא דלבא, אז עס האָט אַ גרויסען רושם דאָרט געמאַכט... צוריק שלום ביי אידען...

און מ׳איז זיך צוגאַנגען אין אַ שטייגער ביז אַ רקידה׳לע...

קומט ער אריין, און פּלאי פּלאים, ער טאַנצט מיט...

מליא, די טענץ האָבען די מגפה אָבגעשטעלט...

און מ׳טאַנצט, און מ׳טאַנצט, אַלץ אין בית המדרש טאַנצט מיט, די ביינק, די טישען, די מנורות, די ספרי תורות און כביכול מיט די פמליא של מעלה — אַלע טאַנצען מיט אין איין טאַנץ... —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און דערנאָך א יום כפור געווען א געוואלד... ער האָט גענומען לייטערען דעם עולם, מתקן זיין די אַלע פגמים...

און איך זאָג אייך, אז דער יום כפור איז געווען א, א... גאָר, גאָר..

אשרי עין ראתה...

נאָר מוצאי יום־כפור איז ווייטער געשעהן עפעס...

ג.

פון מוצאי יום כפור ביז שמחת תורה.

...מוצאי יום כפור, האָב איך אייך געזאָגט, האָט זיך ווייטער עפעס געטראָפען. מילא, ס׳איז געווען אַלץ דעם בעל דבר׳ס מלאכה. ער האָט די גאולה ניט צוגעלאָזען... מ׳האָט שוין געמיינט, אז דאָס געהען צוריק די אַלטע יאָהרען, ער וועט אַלץ צוריק מתקן זיין און... די גאולה... וואָרים ער האָט׳ך שוין געהאַט מכרית את הקוצים געווען, ארומגערייניגט די אַלע דערנער וואָס רינגלען ארום דעם שושנה העליונה; צוגעגרייט אַלץ און ס׳איז דאָך ידוע געווען אז ער האָט געהאַט נשמת משיח בן דוד...

מילא, דער יום כפור איז דאָך געווען לעילא ולעילא, מ׳האָט אזעלכעס גאָר ניט געהאַט געזעהן. און באַלד מוצאי יום כפור אַלע צו זיין טיש און מ׳נעהמט זיך משמח זיין. מ׳ווייסט, אז ס׳געהט א גוט יאָהר. מילא, זיצט מען און מ׳עסט כדרך הטבע. זאָגט ער תורה ביים טיש: א שטאַרקען ענין עמוק, טיעף אזוי ווי ער האָט געקענט. ניט אַלע זיינען דאָך געהאַט צוגעקומען צו זיין מדרגה, נעהמען עפעס אייניגע לערנען א פאַלשען פשט אין זיינע

הייליגע דבורים... דערשפּירט ער זייער מחשבה און זיין שטערען פערקנייטשט זיך, דאָס פּנים ווערט פערוואָלקענט, הויבט זיך אויף אין מיטען און שרייט אויס: „רבונו של עולם, מסתמא איז דאָך אזוי דיין רצון, נו, איז מענדעל אויס רבי!..." און כאַפּט, לויפט ארויס און פערשליסט זיך אין זיין חדר.

מילא, אַלע זיינען געבליבען אָהן אַ רוח חיים. זיי האָבען פּשוט ניט געוואוסט וואָס ס'איז געוואָרען... און אז מ'איז אַ ביסעל צו זיך געקומען, קוקט מען צו ר' איטשע מאיר'ן, מ'זוכט ביי איהם אין די אויגען אַ שטיקעל טרייסט — נאָר זיין פּנים איז אויך פינסטער...

נעהמט מען זיך סוד'ען, מ'געהט פער'דאגה'ט, פער'חושב'ט אהין און צוריק איבער'ן בית המדרש גאַנצע רעדלעך, יעדער דריקט זיך צו צום אנדערן, עפּעס אַ מורא פאַלט אויף יעדען איינעם, און מ'וויל זיין כאַטש אַלע בייזאַמען...

און ר' איטשע מאיר געהט ארויס אויף אַ מינוט פון בית־המדרש, מיינען דאָך אַלע אז דאָס געהט ער צו איהם; צינדט זיך אָן אַ פונק מיט האָפנונג אין די הערצער; דער אש תמיד ווערט פאַרט ניט אויסגעהן... האָפט מען אַ פּאָר מינוט...

נאָר דאָ זעהט מען שוין ר' איטשע מאיר'ן אריינקומען רויכערנדיג די גרויסע ליולקע־ציבוק און דעם שטערען פערקנייטשט. און ער מאַכט גאַנצע זיילען רויך, פּשוט והבית ימלא עשן, דאָס גאַנצע בית־המדרש ווערט פול מיט רויך. ווייסט מען, אז דאָס פיהרט ר' איטשע מאיר אַ מלחמה מיט די קליפּות, וואָרים מ'האָט שוין געקענט ר' איטשע מאיר'ן גאַנץ גוט... נעהמען איהם אַלע ארויסהעלפען מיט זייערע כונות.

און ער דרעהט זיך ארום איבער'ן בית־המדרש און רויכערט און רויכערט, און אַלע מאָל ווערט זיין ארומדרעהען זיך שנעלער און אונרוהיגער... און פּלוצלינג שטעלט ער זיך אָב אין מיטען בית־המדרש און זאָגט: „אונזערע עונות האָבען דאָס גורם געווען... די מחשבות זיינען ניט ריין געווען און די שכינה האָט צוריק געמוזט אין גלות אריינגעהן ... ווערה, וועה, גלות השכינה... דור יתום..."

ברעכען אַלע אויס אין אַ געוויין.

מילא, איז מען אזוי ארומגעגאַנגען פער׳חושב׳ט א גאַנצע נאַכט...

און די נאַכט איז געווען א נאַכט, א שרעק, מ׳האָט אַלע מאָל געהערט קולות פון זיין חדר, בכיות, אז דאָס האַרץ איז צוגאַנגען...

און ר׳ איטשע מאיר געהט נאָך אַלץ ארום איבער׳ן בית־המדרש און רויכערט די ליולקע, און גיט יעדעס מאָל א זיפץ, אז דאָס האַרץ ווערט צוריסען. ווייסט מען שוין ווי מ׳האַלט אין דער וועלט...

און אז ס׳איז טאָג געוואָרען און די זון האָט אריינגעשיינט, האָט מען איצט דערזעהן ר׳ איטשע מאיר׳ס חושך׳דיגען פנים, און אַן עצבות איז געוואָרען אז ס׳איז ניט געווען אריבערצוטראָגען...

נאָר דעמאָלט האָבען זיך שוין איינגעשטעלט ר׳ הירש טאָמאַשאָווער מיט ר׳ יחיאל מאיר גאָסטענינער און זיינען צוגעגאַנגען צו איהם, גענומען רעדען מיט איהם וועגען אריינגעהן צו איהם, פּרובען, אפשר וועט פּאָרט א ישועה קומען, רעדען זיי א צייט, א צייט... און אַלע וואַרטען ס׳זאָל עפּעס געשעהן, א קליינינקייט, ער האָט אפילו זיין אייביגען מנהג פון אריינקלאַפּען דאָס ערשטע ברעטעל צו דער סוכה מבטל געווען...

נאָר אין מיטען עפּענט זיך דאָס שלום־שטיבעל און ער לויפט אריין אין בית־המדרש, די יאַרמולקע פערררוקט און דאָס פנים פינסטער און פערוויינט, און לויפט דורך, קוקט זיך צומאָל ניט אום און געהט צו צום ארון קודש, עפּענט דאָס טהירעל און פאַלט אריין מיט א שטאַרקער בכיה אין ארון קודש אריין און בלייבט אזוי א לאַנגע צייט...

און אין בית־המדרש ווערט א שטילקייט, אַלע בלייבען ווי פערגליווערט, די נשמות זיינען זיי ארויס פון פחד, און יעדער קאַרטשעט זיך איין פאַר מורא...

און פּלוצלינג פערמאַכט ער דאָס ארון קודש, דרעהט זיך אוים צום עולם און שרייט אוים: „עולם, צופּאַהרט אייך, איך בין שוין ניט מעהר אייער רבי!...“ און ברעכט אוים אין א געוויין...

נעהמען אַלע וויינען: „גוואַלד, רבי, אויף וועמען פערלאָזט איהר די וועלט? האָט רחמנות!“

ענטפערט ער גאָר נישט, נאָר ער לויפט אַרויס, פארשליסט זיך אין שלום־שטיבעל, און שווייגט...

ווייל ר' איטשע מאיר אַריינלויפט, לאָזט ער איהם ניט אַריין...

ציטערט דער גאַנצער עולם, אַ קליינינקייט קאַצק...

מילא, די טעג זיינען געווען שרעקליך. קיינער איז ניט אוועק. אדרבא, מ'האָט געגעבען אַ ידיעה און חסידים האָבען זיך גענומען צוזאַמענפאָהרען, אָבקאָלפּען די טהירען, און ער עפענט ניט...

לויפט מען צו דער רבי'צין, אפשר וועט זי פּועל'ן ביי איהם. דערזעהט מען, אַז איהר פּנים איז אויך חושכ'דיג, קען מען שוין ניט רעדען קיין וואָרט...

ליעגען אַלע אין בית־המדרש ווי אבלים...

און ס'איז שוין ערב סכות און קיין סימן פון קיין סוכה איז נאָך אַלץ ניטאָ, — און דאָס טהירעל איז נאָך אַלץ פערהאַקט...

און דער עולם איז נאָך אַלץ צורודערט, זיי האָבען געוואוסט שוין, אַז מן השמים האָט מען זיי מנדה געווען, נדוי, נזיפה...

נאָר אין מיטען הערט מען קלאַפּען אין טהירעל, לויפט צו ר' הירש טאָמאַשאָווער, פרעגט: „וואָס איז?“

הייסט ער איהם, ר' איטשע מאיר'ן אויסזוכען.

מילא, קומט שוין ר' איטשע מאיר אַריין.

נעהמט טענה'ן מיט איהם, וועגען אַ סוכה, שמחת יום טוב, זמן שמחתנו, אַ קליינינקייט!...

מילא, וואָס זיי האָבען דאָרט גערעדט, ווייסט מען נאָך עד היום ניט. נאָר אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ער זיך געהייסען נעהמען צו דער סוכה און געהן זוכען אַ „חדר“ פאַר איהם.

האָט מען זיך גענומען, און ס'איז באַלד פערטיג געוואָרען אַ גרויסע סוכה.

נאָר דער סכות איז שוין ניט געווען ווי אַמאָל. שמחת בית השואבה, נאָר ער איז שוין ניט אַריינגעקומען... מ'וויל הויבען די פיס און ס'טאַנצט זיך ניט...

האָט ר' איטשע מאיר גענומען טרייסטען דעם עולם און מ'האָט מיט אייזערנע צוואַנגען די שמחת יום טוב דערהאַלטען...

און שמחת תורה צו הקפות איז ער אַריינגעקומען, וויטער

עפּעס געפּיהרט, געטאַנצט, נאָר זיין התלהבות, האָט מען געזעהן, איז עפּעס ניט ווי געוועזן.

און מוצאי שמחת תורה האָט ער צויאָגט דעם עולם, און זיך פערשלאָסען אויף דריי־און־צוואַנציג יאָהר...

ד.

מלקות.

..און דאָס איז געוועזן ערב יום כפּור בייטאָג נאָך חצות. באַלד „שנה הראשונה למלכו", אינ'ם ערשטען יאהר, וואָס מען האָט זיך, ווי ידוע, קוים, קוים איינגעבעטען ביי איהם ער זאָל אָננעהמען דעם עולם. און מענדעל משמש שטעהט פערנומען — אַ קליינינ־קייט אזוי פיעל חסידים אָהן „עין הרע" מלקות צו שלאָגען... מילא, שטעהט ער ביים גרויסען טיש, האלט די „רצועה של עגל" אין האנד און בסדר לעגט זיך אַ ישיש נאָך אַ ישיש, אַ חסיד נאָך אַ חסיד, און ער צעהלט אחת, שתים און שמייסט, שלאָגט מלקות...

ער האָט שוין געהאַט אַזוי ווי געענדיגט מלקות־שלאָגען, ווערט אַ גערודער אין בית־המדרש'ל: ע ר איז פּלוצלינג אריינגעקומען... און אלע ווערען ערשטוינט ווי ע ר געהט צו, לעגט זיך בעצמו וכבודו אוועק אויפ'ן טיש און וואַרט מענדעל זאָל צוגעהן איהם מלקות־שלאָגען... נו, וועט מענדעל צוגעהן? איהר דאַרפט וויסען, אַז מענדעל איז געוועזן אַ איד אַ בן־תורה, איינער פון די לומדים ביי א י ה ם, און ער ווייסט מיט וואָס דאָס שמעקט. טאָ, איהר ווייסט'ך — מי שלח ידו — ווער ריהרט זיך צו צו א י ה ם, און זאָל ניט געשטראָפט ווערען ר"ל — רוקט ער זיך אָב. פרעגט ע ר: „נו, וואָס געדרויערט'ס?" בלייבט מענדעל שטעהן. וואָס וועט ער ענטפערן? שווייגט ער... שטויסט ע ר זיך שוין אליין אָן, וואָס דאָ איז... זאָגט ע ר: „מענדעל, געה צו, ס'מאַכט ניט אויס, איך בין אַ איד ווי אַלע אידען..."

זאָגט מענדעל: „הייליגער רבי, כ'האָב מורא פאַר אַ פּסק ווי ירבעם מלך ישראל מיט עדו הנביא ותיבש ידו, די האַנד איז איהם אָבגענומען געוואָרען ר"ל, ווי דער זהר הקדוש זאָגט דאָרט: „על דאושיט ידיה" ווייל ער האָט אַ האַנד אויפגעהויבען אויפ'ן נביא...

זאָגט ער: „מוחל!"

ענטפערט מענדעל: „רבי, אַ בפירוש'ע גמרא: „הרב שמחל על כבודו, אין כבודו מוחל", קיין רבי קען ניט מוחל זיין אויף „כבוד הרב"...

נעהמט ער שוין אַ ביסעל מתרעם זיין, און זאָגט: „רבונו של עולם, וואָס האָסטו פון מיר געוואָלט, אַ רבי זיין, מ'לאָזט מיר צו־מאָל ניט מקיים זיין אַ מנהג ישראל וואָס אַ קל שבקלים איז איהם מקיים..."

ווערט מענדעל אויפגעציטערט און נעהמט וויינען: „הייליגער רבי, איך האָב אַ ווייב מיט קינדער..."

זאָגט ער: „שוטה, ניט איצט איז די צייט גאָר פאַר בני בית צו קלערען, עס וועט אָם ירצה השם גאָר ניט זיין. אידען זיינען איצט אין אַן עת צרה, אַ קטרוג, רחמנא לצלן... מי יודע, ער קען נאָך חלילה וחס גובר זיין, מ'קען נאָך חס ושלום ש"ם ברענען, מקואות פער'חתמ'ענען, בתי־מדרשים און חדרים פערמאַכען..."

וויל שוין מענדעל געהן, געהט זיך אָבער ניט: אַ קלייניגקייט, פאַרט איהם שמייסען, כבוד הרב...

זאָגט ער: „איך בין גוזר!"

זאָגט מענדעל: „הייליגער רבי, גיט מיר צו נאָך צוויי לכל הפחות, צוויי פון די ישישים, אפשר אין זייער זכות וועט מען מיך ניט מעניש זיין..."

הייסט ער ר' הירש טאָמאַשאָווער און ר' יחיאל מאיר'ן צוגעהן העלפען. מילא, אַז ער הייסט, געהן זיי אפילו כאלו כפאו שד, ווי אַ שד וואָלט געשטאַנען איבער'ן קאַרק און וואָלט געטריבען, אָבער מ'געהט פאָרט.

ליעגט ער, און זיי נעהמען, בעל כרחם, משנס את מתניו זיין, פערשאַרען אַ ביסעל די זשופּיצע, בעטען איהם מחילה, און מענדעל

נעהמט די רצועה של עגל, איז מוסר מודעה, אז ער מיינט לשם שמים, דאָס האַרץ קלאַפּט...

מילא, דערפיהלען זיי אַז אמת'ן ריח גן עדן פון זיינע מלבושים, אַ קליינינקייט זיינע מלבושים, וירח את ריח בגדיו, ווי אין פּסוק שטעהט... און זיי זיינען נאָך ניט געקומען צו דער מדרגה, אז דער ריח זאָל ניט זיין צו שטאַרק פאַר זיי, קענען איהם איבערטראָגען, זיי האָבען ניט די זכיה, און מענדעל אודאי און אודאי ניט... קוים אָבגעצעהלט, און פון יוצא וועגען איהם אָבגע'פּטר'ט, האָט ער נעגעבען משקה, מען האָט געטרונקען לחיים, און ער האָט זיי צוגעוואונשען אַ גמר חתימה טובה...

נאָר נענש זיינען זיי פאַרט געוואָרען: דער ריח גן עדן איז, ווי געזאָגט, געווען צו שטאַרק פאַר זיי, זיי האָבען ניט אַזאַ זכיה געהאַט, און יעדען איז פערבליבען אין נאָז אַ מיחוש אויף כל ימי חייו...

ה.

די אושפּיזין.

... סכות, ווייסט איהר דאָך, — איז ביי א י ה ם געווען דער גרעסטער יום טוב — זמן שמחתנו. און אנשי שלומנו האָבען אייביג געוואָלט זיין סכות ביי א י ה ם; וואָרום דאָס איז מען בטוח, אז ווער ס'איז געווען ביי א י ה ם דעם ערשטען טאָג סכות און האָט א י ה ם געזעהן מאַכען די „נענועים" מיט לולב און אתרוג — דעם וועט אַ גאַנץ יאהר ניט שאַדען קיין ווינד און קיין קעלט. בלייבט טאַקע איבער ווער ס'קען זיין ביי א י ה ם פון ראש השנה ביז נאָך די ערשטע טעג סכות. ווען ע ר זאָל לאָזען, וואָלט מען די אַנדערע טעג אויך איבערגעבליבען. איז ער דאָך אַ מוזג טוב, זאָגט ע ר, אַז ס'איז דאָך אַ בפירוש'ער פּסוק: ושמח את אשתו — מ'דאַרף די בני בית משמח זיין בשמחת החג; און ווער ס'איז

געווען ביי אים די ערשטע טעג, דער האָט געמוזט באַלד חול־המועד אהיים פאָהרען.

און דאָס האָט מען אַ קימאַ־לן, אַז ביי זיין טיש זיינען דאָ די אושפּיזין, און דעריבער געהט ער די ערשטע נאַכט סכּות שפּעט צום טיש, די אושפּיזין זאָלען שוין האָבען אָבגעפּאַרטיגט כּל ישׂראל, און — זאָלען טאַקע קענען בלייבען ביי אים ביז נאָכ'ן טיש. און דערינען קענען שוין היינט אפילו די גרעסטע אפּיקורסים, רחמנא יצילנו, ניט לייקענען, ס'איז דאָך אַ מעשה, וואָס מ'האָט געזעהן בחוש באַלד בשנה הראשונה למלכו. און הערט, מעשה שהיה כּך היה:

דאָס ווייסט איהר דאָך, אַז דאָס יאָהר וואָס ער האָט גענומען פיהרען דעם עולם, איז דאָך געווען דאָס יאָהר פון די גזרת השטריימלעך ופּיאות, ניט היינט געדאַכט, ווען מ'האָט געשניטען בערד, מ'האָט געזעצט תּפוס פאַר לאַנגע קאַפּאָטעס. מילא, ווייסט איהר דאָך, זיצט מען ביי איהם אין הויף, און דאָרט האָבען די שרי יון ניט קיין שליטה אריינצוקומען און טשעפּען. און דעמאָלט איז אויסגעקומען דער ערשטער טאָג סכּות שבּת. מילא, הערט זיך בייטאָג גאָר ניט וועגען קיין שום זאַכען, אַלע חסידים זיינען פאַר־נומען מיט פאַרטיג מאַכען די סוכּה, ס'איז דאָך ניט געווען קיין סוכּה'לע! היינט וואָס איז מכח אַ לולב און אַן אתרוג, און מכח געהן אין מקוה אריין לכבוד החג?... הערט מען גאָר ניט, בפרט אַז ער האָט ניט געהייסען ארומדרעהען זיך, ביז די גזרה וועט בטל ווערען, געהט מען ניט אין גאַס און מען ווייסט גאָר ניט.

ביינאַכט, מ'האָט אָבגעדאַווענט מעריב און מ'וואַרט ביז וואַנען ער וועט געהן צום טיש. וואַרט מען. איין שעה, אַ צווייטע, אַ דריטע, ס'איז שוין באַלד חצות און ער געהט אַלץ ניט צום טיש. ווערט אַ פּלא ביים עולם, נאָר אויף אים פרעגט מען קיין קשיות ניט: מסתמא ווייסט ער וואָס ער טהוט. בינו לבינו איז מען אריין אין בית המדרש מיט אַ געוואַלד: מ'האָט זיבען אידען אין שטריימלעך געכאַפּט געהענדיג צום טיש, און מ'האָט זיי אַוועק־געזעצט תּפוס... לויפט מען דאָך אריין צו אים, קריגט ער אפילו אין אָנהויב אַ שנוי אינ'ם פּנים, נאָר דערנאָך זאָגט ער:

„אפשר איז עס קראַנטער, זאָלען זיי אַליין זעהען." און זאָגט זיי: „זאָרגט ניט, מ'וועט זיי אַרויסלאָזען, און מיר וועלען צוזאַמען עסען ביים טיש נאָך היינט..." פערשטעהט מען, אז ע ר האָט דאָס געוואוסט, און מ'נעהמט מרגיש זיין, אז דאָ איז ניט פּראָסט...

מילא, ס'געהט נישט אוים קיין פינף מינוט, מ'קומט שוין קלאַפּען ביי א י ה ם — וואָס איז? דער שר העיר איז פּלוצלינג אוועקגעפאַלען... זאָגט ע ר: „זאָל ער זיך מיט מיר ניט אָנהויבען נאָך אמאָל." קומט מען באַלד צולויפען און מ'זאָגט, אז ער גיט זיך אונטער — סכנות נפשות... זאָגט ע ר: „זאָל ער נאָר תיכף ארויסלאָזען די זיעבען חסידים, וואָס ער האָט תפוס אוועקגעזעצט, און זאָל זעהן מבטל זיין די גזרה." נו, ווי מיינט איהר, ער האָט זיך לאַנג געשפּאַרט מכח דעם? מ'האָט זיי אָבגעפיהרט בכבוד גדול צו איהם אין בית־המדרש'ל.

און דאַן האָט ער געזאָגט: „צייט געהן אין סוכה אריין." און מ'איז געגאַנגען, אָבגעזאָגט אושפיזין, קידוש, און ער האָט אויס־געזעצט די זיעבען חסידים נעבען זיך, און אַלע זיינען געזעסען אין ווייסע זשופּיצעס און זיך משמח געווען בשמחת החג און תורה געזאָגט ביז טאָג. און דאַן האָט מען געהערט אזא תורה, דברים שלא שמעתן אוזן, טאַקע גאָר הפלא ופלא... און קיינער האָט גאָר ניט געהאַט קיין מינוט און קיין לעדיג אָרט איג'ם מח צו געהן קלערען עפּעס וועגען די זיעבען...

אין דער פריה, ביי קריאת התורה, האָבען זיי געקראָגען אַלע עליות, און מ'האָט זיי אויפגערופען טאַקע מיט די נעמען פון די שבעת הרועים. האָבען דאָך שוין אַלע געזעהען, ווער דאָס איז, און זיי זיינען פּלוצלינג נעלם געוואָרען און מיט זיי אַלע כלי כסף וזהב, וואָס ס'איז געווען ביי א י ה ם...

דאָס ווייסט מען, אז ע ר איז נישט נתפּעל געוואָרען דערפון. אנשי שלומנו האָבען איהם אָבגעקויפט שעהנערע... אמאָל האָט ער גאָר מגלה געווען, אז מען דאַרף ניט מהרהר זיין, וואָרום ס'האָט אזוי געדאַרפט זיין...

און עד היום הזה איז פאַראַן וועגען דעם א מחלוקה ביי אנשי שלומנו. טהייל זאָגען, אז זיי האָבען צוגענומען די כלים לשחד

את שר של עשיו, פשוט אויף לא יחרץ... און טהייל זאָגען פשוט, ווייל אין די כלים, וואָס זיי האָבען געטרונקען, טאָרען קיין היינטיגע מענשען ניט טרינקען, די כלים זיינען צוגענומען געוואָרען פאַר די צדיקים אין גן־עדן אריין...

ס'לאָזט זיך רעדען, אַ שטיק סברא...

ו.

די סעודת פורים.

און דאָס איז געווען ביי סעודת פורים אין דעם לעצטען יאהר פאַר זיין הסתלקות. זיצט ער ביים טיש מיט אַלע מקורבים, די „רואי פני המלך“, די טיש־זיצער און אויף די אָנלעהנען פון די בענק שטעהט אָהן עין הרע אַ גרויסער עולם, און אַלע געהען אוים, ווילען הערען אַ וואָרט לכבוד פורים, עפּעס אַ קליינינקייט פורים־דיגע תורה! וויפיעל פון די גרויסע חסידים פלעגען קומען פון מרחקים טאַקע ניט מעהר ווי צוליעב זיין פורים'דיגע תורה, און נאָר גרויסע חסידים פלעגען זיך מתלחש זיין, אַז אין איהם איז נשמת מרדכי. געהען אַלע אוים נאָך אַ וואָרט תורה, אַלע שווייגען און ער שווייגט אויך...

און דאַן זעהט מען בחוש, אַז ס'איז ניט ווי אַלע יאָהר, עפּעס די שמחת פורים איז עפּעס ניט אַזוי, וואָרט מען טאַקע ממש בכליון עינים אויף זיין תורה.

און פּלוצלינג דערזעהט מען, ווי איבער זיין ליכטיג פּנים פערשפּרייט זיך ווי אַ וואָלקען, און זיינע ליכטיגע אויגען נעהמען עפּעס קוקען און זוכען אין אַלע ארבע פינות... פאַלט אַ שרעק אויפ'ן גאַנצען עולם. שטעהט מען שוין מיט נאָך מעהר אונגעדולד און די נשמה געהט אוים נאָך זיינס אַ וואָרט...

און אַלע נשמות ציהען זיך צו איהם, און אַלע הערצער בענקען נאָך זיינס אַ וואָרט, און די אויגען ציהען זיך צו איהם, נאָר מ'האָט

מורא אויף זיין פערכמאַרעט הייליג פּנים א קוק צו טהון... און די הערצער זאָגען שוין מי יודע וואָס... שלעכטס, צרות אויף כלל ישראל... גזרות רעות ר"ל...

און אין מיטען ווערט ליכטיג אין גאַנצען „בית המדרש". זיין ווייסע זשופּיצע, דערזעהט מען, הויבט זיך, און אָט שטעהט ער שוין און דערלאַנגט א געשריי גאָר נישט ווי געוועהנליך: „רשע מרושע, אַרוים מיט דיין גאַנץ ביסעל רשעים!" מילא, פאַלען אַלע אַראָב פון די ביינק, און ס'איז ממש פּרחה נשמתם...

נאָר דאָ איז זיין קול מילד געוואָרען ווי געוועהנליך, כּדרכו בקודש. און שוין האָט זיך געפּיהלט שמחת פּורים און ער האָט זיך אָנגערופען: וואָס זייט איהר בני אל חי געפאַלען? הויבט זיך אויף, קינדער, נישט אייך מיינט מען...

זיינען טאַקע זיינע זיסע דבורים און זיין זיידענע שטימע געוועזען ווי „טל של תחיה", אַלע זיינען טאַקע צו „תחית המתים" אויפגעשטאַנען. און מ'גיט א קוק אויף זיין הייליג פּנים, שוין נישטאָ קיין וואָלקען, ס'שיינט שוין ווידער מיט'ן אור שבעת הימים און דער חסד האָט זיך שוין צו זיינע ליכטיגע אויגען צוריק־געקעהרט...

און דאָ הויבט ער אָן זאָגען תורה, און זיין הייליגער קול איז אַזוי זיס ווי דוד המלך'ס האַרפּע און גיסט אַריין שמחת פּורים אין יעדענס האַרצען אַריין. און ער זאָגט:

„ואם מפּאת פּניו ימרט ראשו קרח הוא טהור", ואם מפּאת פּניו ימרט ראשו איז אותיות פּ ו ר י ם, קרח איז אותיות ק ר ח מרמז אַז פּורים איז מכפּר אויף עון קורח, טהור הוא, ער איז טהור...

אַלע ווערען אויסער זיך פון דער תורה, עפּעס אַזעלכע ווערטער האָט מען נאָך גאָר ניט געהערט... און מ'פערגעסט גאָר וואָס פריהער איז געוועזן.

נאָר דאָ ווערט ווידער שטיל... צוריק איז אַראָב דער אור פון זיין פּנים און דער חסד פון די ליכטיגע אויגען, און אויפ'ן פּנים ליגט א שרעק און אין די אויגען אַן אימה. און אימת מות פאַלט אויף אַלע... און אַזוי זיצט מען א צייט און מ'ווייסט נישט וואָס ס'טהוט זיך... צוטומעלט... נאָר דאָ הויבט ער זיך ווידער

אויף און זאָגט מיט אַ טרויעריג קול: „עולם, איך האָב מגלה געווען יעצט אַ סוד וואָס כ'האָב געהערט אין היכל קן צפור, משיח האָט'ס געדאַרפט מגלה זיין. די וועלט איז'ם נישט ווערטה און ס'איז נגזר געוואָרען, אַז די וועלט זאָל חוזר זיין לתהו ובהו, האָב איך זיך מוסר נפש געווען, מחני נא, האָב איך געזאָגט — איך וועל בעסער שטאַרבען פאַר דער וועלט...“

שפּרינגען אַלע אויף: „ניין, הייליגער רבי, איהר וועט נישט אַוועק פון אונז — זאָל די גאַנצע וועלט — — —“

נאָר דאָ איז ווידער שטיל געוואָרען און ווידער די פריהער־דיגע שרעק: ער זיצט ווידער אַזוי ווי פריהער, ווייסט מען שוין יעצט וועגען וואָס דאָ געהט. נאָר ריידען — חלילה...

נאָר דאָ איז געשעהן אַזוינס, וואָס איז נאָך נישט געהערט גע־וואָרען. „צוליעב אייך — האָט ער ווידער אָנגעהויבען און זיין זיסקייט און ליכטיגקייט האָבען זיך צוריקגעקעהרט — צוליעב אייך זיינען געשעהן נסים חוץ לדרך הטבע, די הייליגע תורה אַליין — —“

נאָר דאָ האָט ער אָבגעהאַקט און געהייסען רבי הירש טאָמאַ־שאָווער אַ קוק געבען אין אַ ספר תורה. און פּלאי פּלאים: אין וויפיעל ספרי תורות און חומשים וואָס איז נור געווען שטעהט „גבח“ אויפ'ן אָרט פון „קרח“.

און ווידער איז געווען שמחת פּורים, נאָך גרעסער ווי אַלע יאָהר...

און אהיים איז מען געפאָהרען און דערצעהלט און נבהל ונשתומם זיינען אַלע געוואָרען פון דער תורה מיט'ן נס, און אַלע אפּיקורסים האָבען חוזר בתשובה געווען, און די בעלי דקדוק האָבען געזאָגט: „חוץ לדרך הטבע“ און דעם דקדוק אַוועקגעוואָרפען, און לייענען טאַקע „גבח“ עד היום הזה.

נאָר די עונות האָבען גורם געווען און ער איז פאַרט דאָס יאָהר נסתלק געוואָרען...

ז.

דער סדר.

אשרי עין ראתה, וואויל און גוט איז דעם אויג וואָס האָט זוכה געווען צו זעהן ז י י ן סדר, ס'איז טאַקע געווען מעין עולם הבא: זיין פסח'דיגע מדרגה, ס'איז דאָך טאַקע אין לשער ואין לספּר. ער זיצט אין קיטעל און שיינט מיט'ן אור שבעת הימים, און זאָגט די הגדה מיט אַזאַ התלהבות, אז מלאכים ממש ווערען בעשאַפען פון זיינע ווערטער. דאָס איז דאָך בעוואוסט, אַז ביי ז י י ן סדר צו זיצען איז געווען דער גרעסטער תענוג וואָס די וועלט קען האָבען... מילא איז נישט יעדער טאַקע זוכה ביי א י ה ם צו זיין, ער יאָגט אַחיים... נאָר אז ס'טרעפט שוין יאָ איינעם פון אנשי שלומנו צו זיין ביי א י ה ם — דערצעהלט ער שוין פאַר אַלע און מ'איז זיך ממש מחיה...

וואָרים פּסח ביי ז י י ן סדר האָט מען טאַקע בחוש געזעהן די נסים פון יציאת מצרים, אַזוי ווי אין דער הייליגער הגדה שטעהט... און טאַקע אַלע מכות אויך, די נסים ונפלאות. ער איז אריין אין אַזאַ התלהבות, אַז מ'האָט געזעהן ווי נשמות כל ישראל זיינען נכלל אין איהם און ער אַליין איז באותו נס, און זיין הגדה פלעגט טאַקע האָבען אמונה, וואָרים אָהן אמונה האָט מען גאָרנישט געזעהן, ממש גאָרנישט... אַלץ איז אויסגעקומען משונה ווילד... משוגענע העויות רחמנא לצלן... וואָרום וואָס זעהט מען דען אָהן אמונה?... האָט'ס געררייצט צום לאַכען, מילא, פלעגט מען באַלד נענש ווערען... אַ קאַטאָוועס עקיצתן עקיצת עקרב... און נענש ווערען טאַקע מיט איינע פון די עשר מכות, און קיין רופא האָט שוין דערצו נישט געקענט העלפען. און וואָס די עיקר העויות זיינען ביי די עשר מכות געווען, איז, ווער ס'האָט געהערט און קיין אמונה נישט געהאַט ר"ל און ס'פלעגט שלעכטע מחשבות איינפאַלען, פלעגט מען טאַקע באַלד נענש ווערען. קומט אַמאָל אַ ליטוואַק און וויל איהם פּרובען (וואָס אַ ליטוואַק קען!) און דאָס איז נאָך אין די ערשטע יאָהרען געווען, ווען ע ר האָט נאָך זעהר פיעל חולקים געהאַט, און ער קומט

און גנב'עט זיך אריין צו איהם, פערשמעלט זיך פאר איינעם פון דיא אמת'ע חסידים און זיצט ביים סדר קאַלט ווי אייז. ס'נעהמט איהם נישט!... וואָרים וואָס האָט ער געקענט זעהן אַז ער קומט פרובען? מילא, זיצט ער און מאַכט חוזק אין הארצען, און קלעהרט: ער וועט שוין נאָך פסח אַ תל מאַכען רחמנא לצלן פון איהם און אנשי שלומנו. אפילו אַ גרויסער למדן געוועזן און אַ ירא שמים, נאָר אַ מתנגד, אַ חולק אַ געפעהרליכער פונ'ם ווילנער כת... און ער זיצט און טראַכט מחשבות רעות אויף אנשי שלומנו. איז ער דאָך אָבער געוועזן אַ יודע מחשבות: נעהמט ער זאָגען מיט מעהר התלהבות, העויות, שטייגער... איז דאָך דאָס אָבער מעשה שטן און ער לאַכט ביי דער דריטער מכה אָרויס מיט אַ שטאַרק געלעכטער רחמנא לצלן, און דער געלעכטער איז געוועזן פון סטרא אחרא... מעשי שטן... נו איז נתן בו עיניו, אַ קוק געגעבען אויף איהם און זאָגט, אַז ער חלש'ט... און הייסט איהם אויפמינטערען און איהם אליין אוועקגעלעגט אויף זיין בעט אָברוהען...

נו, ווי מיינט איהר? ער האָט שוין מעהר נישט געדאַרפט: ער האָט שוין געהאַט זיין פסק, אַזוי ווי ער איז נאָר אַראָב פון זיין בעט האָט זיך די דריטע מכה אין איהם מתדבק געוועזן אַז כל ימי חייו האָט ער פון איהר נישט געקענט פטור ווערען — און קיין רופא אין דער וועלט האָט איהם נישט געקענט העלפען...

ח.

זיין לעצטער ל"ג בעומר.

און דאָס איז ידוע, אַז ביי איהם ל"ג בעומר איז געוועזן וואָס צו הערען. אַ קלייניגקייט הלולא דרבי שמעון בן יוחאי, ס'איז דאָך עפעס אַ יאָהרצייט!... דאָס ווייסט איהר דאָך, אַז דער זוהר הקדוש איז זיין גאַנצער חיות געוועזן, נו, נו....

דאָס איז מכח נסתר, ער איז דאָך אָבער געווען אַ גדול אין נגלה אויך (ער האָט אפילו ניט געהאַלטען פון דעם, ער איז מיט אַן אַנדער דרך געגאַנגען: מאַכען פון נגלה נסתר)... נו, איז דאָך ווידער רבי עקיבא מיט די פיער־און־צוואַנציג טויזענד תלמידים... און פלעגט טאַקע זאָגען ווענען זיי פּלאַי פּלאָים, אַז ס'איז געווען האָר און נעגעל, מויל און אויערען...

און איצ'ם לעצטען ל"ג בעומר האָט ער כדרכו גענומען זאָגען תורה און מגלה געווען אַז רבי עקיבא'ס פיער־און־צוואַנציג טויזענד תלמידים זיינען געווען גלגול ארבעה ועשרים אלף איש, וואָס זיינען אויסגעשטאָרבען בעצת בלעם הרשע און זיי זיינען גאָר געווען צדיקים גמורים, זיי זיינען נאָר געגאַנגען מיט אַן אַנדער דרך, זיי האָבען געמיינט לשם שמים. די נצוצי קדושה, די הייליגע פונקען וואָס זיינען לבין הקליפות אריינגעפאַלען ארויסצונעהמען פון די „בנות מואב" מקרב הגאולה זיין, די וועלט זאָל אויפהערען בלאָנדזשען אין דער מדבר... אין בן דוד בא, משיח קומט'ך נישט ביז ס'וועלען זיך אויסנוצען אַלע נשמות פונ'ם אוצר „גוף"... און דער ס"ם הרשע האָט ניט צוגעלאָזען, האָט מבטל געווען די מחשבות, און דאָס איז שוין גענוג געווען: נכשל און נענש געוואָרען...

און דאָס איז דער ענין פון די תלמידי רבי עקיבא, זיי זיינען אויך מיט'ן זעלבען דרך געגאַנגען בימי בר כוכבא, ווייטער געוואָלט על פּי נגלה מקרב הגאולה זיין, און ווייטער האָט דער ס"ם נישט צוגעלאָזען און ווייטער זיינען זיי אויסגע'הרג'עט געוואָרען, און אַלץ ווייל זיי זיינען געגאַנגען מיט נגלה, קעגען איהם דאַרף מען געהן מיט נסתר, וואָרים דערוויסט ער זיך ער נאָר, איז אַן עק... און דאָס האָט רבי שמעון בן יוחאי מיט'ן זוהר הקדוש אויפגעטהאָן... און דאָס איז דער סוד וואָס דער זוהר הקדוש איז געשריעבען אין „תרגום לשון".

זיינען טאַקע געווען אַלע אויסער זיך פון די ווערטער... און אַ מינוט האָט געהערשט אַ הייליגע שטילקייט און ער האָט ווייטער גערעדט:

„היינט געה איך מיט אַן אַנדער דרך, קומט וועלען מיר געהן אין וואַלד אַריין, אַ מנהג ישראל —". נאָר דאָ האָט ער אָבגעהאַקט,

זיך אומגעקוקט אויפ'ן עולם און מיט התלהבות געזאָגט צום שמש:
„יעקעל, געה ברענג נאָר אריין די כלים, מ'טאָר ניט פערשפּעטי־
גען..." ווערען אַלע נבהל ונשתומם... מ'ווייסט, אַז ער געהט אויף
אַ מלחמה מיט'ן ס"ם הרשע און די קליפּות ר"ל און אַט, אַט איז
די גאולה. און מ'טאָר נישט ריידען...

און ער הויבט אויף זיינע ליכטיגע אויגען און פרעגט: „געהען
מיר?"

שרייען אַלע אוים מיט שמחה: „מיר'ן געהן, מיר'ן געהן!..."
אַ צורה ביי זיי האָט געהאט מסירת נפש פאַר כלל ישראל!... און
באַלד האָט זיך יעקעל געוויזען אין טהיר מיט ווייסע זשופּיצעם
און שופרות פאַר'ן גאַנצען עולם, און אַלע האָבען אָנגעטהאָן מיט
שמחה און מסירת נפש גענומען געהן, ער פריהער און אַלע נאָך....

און אַזוי געהט אַ שורה שטריימלעך מיט ווייסע זשופּיצעם,
און אַלע געהען שטיל, מ'האָט מורא דער ס"ם זאָל חלילה ניט דער־
שנאַפּען... און מ'פיהלט אַז מען וועט זעהן גדולות... און מ'געהט,
און מ'געהט...

נאָר ידער דור האָט נישט זוכה געווען... ס'האָט גישט אויס־
געהאַלטען... דער ס"ם האָט דערשנאַפּט און וויטער מקלקל געווען,
און אַלץ איבער אַ ליטוואַק, וואָס האָט די מחשבה נישט געקענט
אין זיך האַלטען און פאַר זיך נאָר איבערגערעדט, פון די ליפּען
אַרויסגעזאָגט...

און די קליפּות אין דמות פון פּאָליציע זיינען זיך אָנגעלאָפען,
מבלבל געווען, בערד און פּאות געשווירען, תפוס געזעצט...

און ער איז מרה־שחורה'דיג געוואָרען, דעם עולם צוטריבען
און טאַקע דאָס יאָהר נסתלק געוואָרען...

ט.

שבועות פון זיין פּטירה.

... און דאָס איז דאָך ידוע, שבועות איז ער נפטר געוואָרען,
נאָר פאַר דער פּטירה האָבען זיך געטהאָן מעשים. אַ שרעקליכע

מלחמה, די עליונים מיט די תחתונים, וואָרים אַלע האָבען איהם ביי זיך געוואָלט האָבען. מילא, די וועלט איז נישט ווערטה געוועזן צו האָבען אַזא ליכט, האָבען די עונות גורם געוועזן און די עליונים האָבען די תחתונים מנצח געוועזן...

און פּלוצלונג איז'ס געשעהן... מ'האָט געמיינט, אַז אָט, אָט קומט די גאולה — (דאָס איז דאָך קיין סוד ניט געוועזן, אַלע האָבען געוואוסט, אַז ער האָט געהאַט נשמת משיח) און... די וועלט איז גאָר פער'יתום'ט געוואָרען... מילא, דער ענין פון זיין פּלוצלונג'דיגע פּטירה איז נאָך נישט קלאָהר. עד היום איז חלוקי דעות צווישען גרויסע חסידים: טהייל זאָגען אַז ער האָט זיך איינגעשפּאַרט מיט'ן שר של יון, אַ מסירת נפש פאַר'ן כלל ישראל... אַ קאַטאָוועס, וויפיעל גזרות רעות דעמאָלט זיינען געוועזן!... און מ'האָט אַנדערש נישט געקענט צורייסען זיי... והראיה: אַז באַלד טאַקע נאָך זיין פּטירה האָט מען אויפגעהערט שערען בערד און פער'חתמ'ענען מקואות... און טהייל זאָגען גאָר, אַז ער האָט זיך איינגעשפּאַרט: ער מוז אראָבברענגען דעם שר התורה און אַז מ'האָט נישט צוגע־לאָזען איז... און אַ סברא, אַז ס'איזביידע אמת. שפּיעלט זיך מיט איהם!....

נאָך דער שבועות אין גאַנצען איז געוועזן חוץ לדרך הטבע. זיינע תורות זיינען דעמאָלט געוועזן אַזוי טיעף אַז פּשוט קיין בן אדם האָט קיין וואָרט ניט געקענט פערשטעהען... אַ גוואַלד... און די וואָס האָבען די ריכטיגע אמונה נישט געהאַט, האָבען געקענט נכשל ווערען און מיינען חלילה מי יודע וואָס... און די התנהגות...

ס'איז דאָך ידוע אַז נאָך דער מעשה פון ל"ג בעומר האָט ער צוטריבען דעם גאַנצען עולם. איז דאָך די גאַנצע וועלט אַרומגע־גאַנגען ווי יתומים. נו, קען מען זיין יתומים, ווען מ'ווייסט, אַז דער טאַטע לעבט? איז מען טאַקע נאָך מעהר געפאָהרען און אויף שבועות איז געוועזן אַ רבוא אידען... און אַז ער עפענט נישט די טהירען, שטעהט מען הינטער די טהירען און מ'הערט זיך צו צו יעדען שטילען גערויש און דאָס הארץ קלאַפּט, די נשמה געהט אוים נאָך זיינס אַ בליק... און ציטערענדיג הערט מען, ווי דאָרט ביי

איהם טהוט זיך, און מ'ווייסט, אַז קיין בן אדם חוץ איהם איז נישטאָ... שטעלען זיך אויף האָר און גנעגעל.

און ביי נאַכט ביים תקון האָט ער די טהירען געעפענט און מיט גרויס שמחה און התלהבות אויסגעשריען: „גוט יום־טוב!" און האָט גענומען געהן אַ רקידה'לע. די ליכטיגע אויגען האָבען געשטראַהלט און מ'האָט געזעהן, אַז בשורות טובות האָט ער פאַר דער וועלט... מילא, האָבען אַלע חיות אַריינגעקריגען אין זיך. אַלע ליכטלעך האָבען זיך ביים נר תמיד אָנגעצונדען און ס'איז געוואָרען איין פלאַם און באַלד האָט געטאַנצט אַ גאַנצער ראָד, ורגליהם רגל ישרה, טאַקע געטאַנצט ווי מ'טאַנצט דאָרט... און אַ שמחה וואָס די וועלט האָט נאָך די צווייטע נישט געזעהן...

און בייטאָג דער אקדמות — פלאי פלאים. קולות וברקים ממש...

און ביינאַכט דוד המלך'ס יאָהרצייט, ליכט אָנגעצונדען אין יעדען ווינקעלע... און ער נעהמט זאָגען תורה, גאָר נישט אין דער צייט. מילא, ווייסט איהר דאָך ווי מ'האָט געשלונגען זיינע ווערטער. און זאָגט וועגען דעם ענין פון בועז'ן „ויחרד האיש וילפת" און זאָגט בזה הלשון: „ער איז געוועזען אַ שלימזל'ניק, ער האָט נישט געדאַרפט ציטערען... און אַז לילית, טאָ וואָס איז? גוטע אידען גיבען זיך אַן עצה... און מיר — האָט ער אויסגעשריען — וואָלטען פאַר איהר נישט ציטערען; מיר האָבען שוין הײנט קיין מורא נישט פאַר קיינעם..."

ווערען אַלע אויסער זיך...

און ער זאָגט ווייטער: „מיר זיינען היינט אין אַ גרעסערער מדרגה ווי דוד מלך ישראל כי כלב חי טוב מן הארי המת: ער מוז היינט פאָלגען אַלץ וואָס מיר הייסען..."

ווייסט מען שוין אַז דאָ געהט די גאולה... נאָר דער פּראָסטער עולם קען שוין נישט עומד בנסיון זיין, זיי ציטערען שוין...

און זיין פּנים שטראַהלט. און ער קוקט זיך אום און הויבט אויף די אויגען צום הימעל און שרייט אוים: „און כולו זכאי מוז זיין! זאָל דער שר התורה אַליין אַראָבקומען און מאַכען פון אַלע עבירות מצוות און אַן עק... מ'קען מעהר שוין ניש' וואַרטען... ניין!

מ'קען גדולים זיין אָהן תורה... רוב גדולים זיינען אזוי... מיר'ן זיין אזוי ווי די מלאכים..."

און באלד האָט זיך א כמארע פערשפרייט אויף זיין פנים... אוועק די שמחה, דאָס ליכט אויסגעלאָשען... און א מרה־שחורה... א שרעקליכער צער... דער קאָפּ לאָזט זיך אראָב, די אויגען קוקען שטאר, און ס'איז שטיל א מינוט... און זיך שוין קוים אויפגעהויבען און מיט א קול פון שרעקליכע יסורים און צער אויסגעשריען:

„ס'געהט נישט! מ'לאָזט נישט צו. ער איז שטארקער, מ'העלפט איהם אליין צו!..."

און אוועקגעפאלען אָהן א רוח חיים...

און פינסטער איז אין די אויגען געוואָרען... די הערצער זיינען פערשטאָפּט געוואָרען... די ליכט פערלאָשען געוואָרען... פינסטער אויפ'ן הימעל... און דער ס"ם שטעהט און פייפט זיך צו מיט שפּאָט — ער האָט מנצח געווען... די וועלט איז פער'יתום'ט געוואָרען... און מיר האָבען פערשטאַנען, אז מיר אליין זיינען שולדיג. און א געוויין, א יללה...

און פון דעמאָלט אָן געהען מיר ארום יתומים...

י.

די פיש.

דאָס גאנצע שטעדטעל איז שרוי בצער: א קלייניגקייט, ערב ראש השנה וואָס געפאלט אום שבת — און קיין פיש איז ניטאָ! פשוט מ'האָט געמיינט, משיח'ס צייטען. איהר ווייסט, משיח קומט דאָך נישט, סיידען מען וועט זוכען א שטיקעל פיש אויף א רפואה און מ'וועט נישט קריגען... מי יודע, ס'אָרא יאָהר אויף „שונאי ישראל" ס'וועט שוין חלילה זיין, האָבען שוין א סך געזאָגט. און ריכטיג, א „ראש כבש" איז דאָך „לא כל אדם זוכה לכך", נישט

יעדער קען צוקומען דערצו. דאָס גאַנצע שטעדטעל איז גרוים ווי „טל ומטר" אין אַ קליין סדור'ל. קצבים, שוחטים — עניים ואביונים. אויף אַ ראש השנה האָט מען שוין פערזעצט וואָס מ'האָט געקריגען, און געשאָכטען אַ בהמה דאָרט, און אַ שעפּסעל דאָ. היינט ווער זאָל נעהמען דאָס קעפּעל אַז נישט דער „אַלטער"? — און דאָ קומען חסידים פון אַלע זייטען, מילא, כאָטש אַ „ראש דג" — און ס'איז ניטאָ. געהט מען אַריבער דאָרט אין הויף צו א י ה ם, און מ'ווערט געוואָהר, אַז ס'איז דאָרט אויך ניטאָ. נו, ווערט רוהיגער אויפ'ן הארצען, וואָרום די גאַנצע וועלט ווערט דאָך געשפּייזט אין ח נ י נ א ' ס זכות, און פאַר ח נ י נ א ' ן וועט קיינמאָל ניט פעהלען... געהט זיך יעדער אַוועק מכין זיין זיך לכבוד יום־טוב. אַ קליינינקייט ראש השנה, אַ פיש אין וואַסער ציטערט דאָך....

ס'איז שוין צוועלף אַ זייגער און קיין פיש איז נאָך ניטאָ. און ס'איז איינס און האַלב צוויי און ס'איז שוין גאָר צוויי — און קיין פיש איז נאָך אַלץ ניטאָ. נעהמען שוין דאָס ביסעל מתנגדים מהרהר אחרי מדותיו זיין — איהר קענט זיי: אייביג דאַרפען זיי דאָך נאָר נסים... הכלל, ס'איז געווען דריי — און אַ נס איז געשעהן, און הערט אַ מעשה:

ביי א י ה ם ז"ל איז געווען אַ קליינער חדר ד' על ד'. דאָרט האָט קיינער ניט געטאָרט אַריינקומען. אַלטע חסידים האָבען געזאָגט, אַז דאָס האָט געהאַט עפּעס אַ שייכות מיט'ן קדשי הקדשים של מעלה. און פון דאָס איז דאָך ידוע געווען, אַז ע ר איז געווען בבחינת כהן גדול. חסידים דערצעהלען, אַמאָל איז אַ משמש ביי איהם געווען. מענדעל משמש, איהר האָט דאָך פון איהם געוויס געהערט? איז איהם בעשערט געווען קיצור ימים, געהט ער, שפּאַרט זיך איין: ער מוז דוקא דאָרט אַריינגעהן, און קומט אַרויס, זאָגט, אַז דאָרט האָט ער געזעהן אַ שטוהל, אַ טישעל, און איבער'ן טישעל אַ ספּאָדעק. ולא הספיק לומר, דאַנזשעט נישט צו זאָגען, וואָס אונטער'ן ספּאָדעק איז דאָ, ביז, רחמנא יצילנו, דאָס לשון איז איהם אָבגענומען געוואָרען... לויפט מען דאָך אַריין צום א ל ט ע ן מיט

אַ געוואַלד... קריגט ער אַלע מראות אין פּנים און ווערט אויפגע־קאָכט, שרייט: „געוועזן אינוועניג! געזאָגט וואָס אונטער'ן ספּאָ־דעק!...“ ווייסט מען דאָך שוין מיט וואָס דאָס שמעקט... ווייל מען איהם אָבהאַלטען. נאָר האַלט איהם, ס'איז דאָך פייער! לויפט ער ארויס, און נתן בו עיניו, נאָר איין קוק געגעבען אויף איהם, און מאַכט פון איהם אַ גל של עצמות... פון דעמאָלט אָן האָבען אַלע מורא געהאַט פאַר דעם חדר. און קיינעם האָט ער ניט מגלה געווען, וואָס דאָרט איז.

און באותו היום הייסט ע ר, ז"ל, דעם משמש נעהמען זיין שטעקען, אריינגעהן אינ'ם חדר און קלאַפּען אין ספּאָדעק. מילא, אַז ער הייסט, געהט מען. מ'האָט אמונה, אַז מ'קען אריינגעהן. און אַלע שטעהען, מויל און אויערען, האָר און נעגעל, ווילען טאַקע וויסען וואָס ס'וועט זיין, וואָס דאָרט איז דאָ... מילא, ער איז אריין, אַ שטיבעל, אַ טישעל, אַ בענקעל, אַ ספּאָדעק... ער האָט געגעבען איין קלאַפּ, דעם צווייטען, אַ דריטען — און ס'האָט זיך גענומען ציהען אַ ווײַדעל, האָט זיך געצויגען און געצויגען, און מ'האָט אַלץ געשניטען און געשניטען, אריינגערופען אַנדערע און אַלע האָבען כסדר געשניטען, ביז ס'איז געווען פיש פאַר'ן גאַנצען שטעדטעל.

און דעמאָלט האָט מען געוואוסט, וואָס אונטער'ן ספּאָדעק איז געווען...

יא.

קידוש לבנה.

... און ס'איז שוין געווען דער פיערצעהנטער מעת־לעת, סוף זמן קידוש לבנה, און די רעגענס האָבען אַלץ ניט אויפגעהערט, און קיין לבנה איז אַלץ ניט געווען. מילא, קומט זיך די גאַנצע שטאָדט צוזאַמען צו א י ה ם אין בית המדרש'ל. מ'וועט מיט א י ה ם צוזאַמען מקדש לבנה זיין. דאָס איז דאָך ידוע געווען,

אַז איהם האָט זיך קיינמאָל ניט געטראָפען, אַז ער זאָל חלילה די לבנה ניט מקדש זיין....

מ׳האָט די נאַכט מאַריך געווען ביי מעריב: ער איז דעמאָלט זעהר שפּעט אריינגעקומען. און דער מעריב איז אויך ניכר געווען, אַז ס׳איז ניט קיין פּראָסטער „והוא רחום". מען איז אַרויס — רעגען וועטער... נעהמט ער זאָגען הללויה׳ס, דער גאַנצער עולם נאָך. אַבגעזאָגט, — און קיין לבנה איז נאָך אַלץ ניטאָ. פאַרגלעזעלט ער די אויגען, קלאַפּט איין האַנד אין•די אַנדערע, מיחד יחודים און זאָגט זעהר שטיל (אפשר האָט געהערט איינער, וואָס איז געשטאַנען נעבען איהם, און אפשר ניט)—„לבנה, בעוויז דיך!"

מילא, נעהמט גאָר רעגענען... אויף אַלעמען פאַלט אַ מרה שחורה, רחמנא יצילנו. פערגעהט ער אין גרעסערע העויות און כונות ווי ער האָט געקענט אין אַ צייט אַזאַ. קיינער ריהרט זיך ניט פונ׳ם אָרט... מיט אַמאָל הערט מען נאָך אַמאָל זיין קול, און שוין טאַקע אַז אַלע האָבען געהערט: „לבנה, בעוויז דיך!" און ס׳נעהמט שטאַרקער רעגענען. זעהט מען שוין, אַז ער ווערט שוין שטאַרק פערזאָרגט, און פערגעהט אין שטייגער, העויות, כונות און יחודים. מען האָט פּראָסט געזעהן אַז ער געהט גאָר, גאָר הויך, וויט... און פשוט כמעט נפשו יצאה. מ׳האָט בחוש געזעהן ווי ער האָט צו טהאָן מיט זיי דאָרט, אין דער הויך!... און אָט, גורט ער שוין אָן די גאַנצע כחות געגען דער טומאה ר"ל און וויל שוין זאָגען אַ דריטען מאָל, נאָך ווייטער געהן — געהט צו דער גבאי און זאָגט: הייליגער רבי, דאָס האָט מען דאָך אַ קימא לן — אַז איהר וועט זאָגען אַ דריטען מאָל מוז זיך דאָך די לבנה בעווייזען, נו, וועט מען דאָך אייך נאָך מאַכען פאַר אַן אלוקה!... נו, האָט ער געזאָגט, גערעכט! אריכות ימים זאָלסטו דערפאַר האָבען. „עת לעשות לה׳," און טאַקע אַ געשריי געטהאָן אויפ׳ן דריטען מאָל אין דער הויך, ווי ער האָט געקענט, ושאגה לו כלביא: „לבנה, בעוויז דיך ניט!"

און ווי מיינט איהר, האָט זי זיך בעוויעזען?...

יב.

די לבנה.

... און אמאָל איז ער גאָר ארוים זייגער צוועלף בייטאָג אויפ'ן בריק, און שטעלט זיך דאָרט אוועק. מילא, שטעהט דאָך שוין די גאַנצע שטאָדט אויפ'ן בריק און קוקט... זעהט מען, ווי ער הויבט אויף די אויגען צום הימעל און זאָגט: „לבנה, איך בין גוזר אויף דיר, אז דו זאָלסט זיך בעווייזען!" בעווייזט זי זיך דאָך ניט. ווערט ער גאָר ניט נתפעל און זאָגט נאָך אמאָל: „לבנה, איך ריהר מיך ניט פונ'ם אָרט, ביז דו בעווייזט זיך!" און וואָס מיינט איהר? געשטאַנען איז ער ביז צוועלף ביינאַכט, נישט גערירט זיך פונ'ם אָרט — און די לבנה האָט זיך פאָרט בעוויזען...

ד. אַפּאָטהעקער

קיידי'ס הגדה

חיים יאנקעל דער חזן איז געקומען פון שוהל די ערשטע נאכט פסח זעהר אויפגעלעגט, און געפונען אלעם ציכטיג, פייערליך, און זיין ווייב ציפּע און זיין בת־יחידה קיידי אויסגעפּוצט יום־טוב'דיג.

— וואס מאכסטו ניט די הסיבה־בעט? — פרעגט ער ציפּע'ן.

— וואס מיינט פּא? — פרעגט קיידי נאאיוו.

— היינט עסט מען ניט אין קיטשען. — ענטפערט איהר די מוטער — און מיר וועלען צוריכטען אין פּארלאר די העסעבעט.

— אה, אי נאו וואהאי. — האט קיידי געזאגט האלב כיטרע און האלב שעמעדיג — ביקאז... דהי קאזין. — און האט אראב־געלאזט די אויגען.

דער פאטער האט געגעבען אויף איהר א בייזען בליק און איז אריין אין פּארלאר.

קיידי איז געווען ערצויגען ביי איהר גרויסמוטער אין א קאנטרי אין אינדיאנא סטייט, און קומענדיג אהיים אויף „איסטער האלידיים" איז זי איבערראשט געווארען מיט דעם גרינעם קאזין, וואס זי האט געפונען צו הויז.

דער קאזין איז שוין דא פון אייניגע מאנאטען. ער איז צו הויז געווען א סטודענט און דא איז ער געווארען א קעפּמייקער, נור די געקרייזעלטע האאר אויף'ן קאפּ מיט די קורצזיכטיגע ברילען אויף דער נאז, מיט א רוסישען בוך שטענדיג אין דער־האנד, דאס האט איהם געמאכט אין קיידי'ס אויגען פאר עטוואס וואונדער־בארעס, פאר עטוואס העכערעס אלס איהרע העלדען, וואס זי האט זיך געמאלען אין דער פאנטאזיע.

און פאנטאזיע האט זי געהאט א „האל לאט". א געבארענע אמעריקאנער מיידעל, ערצויגען אלס געצערטעלטע בת יחידה און דורכלעזענדיג א פופצעהן־הונדערט ראמאנען, זייט זי האט געענ־דיגט פּאבליק סקול, האט זי געלעבט מעהר אין דער פאנטאזיע ווי אין דער ווירקליכקייט, און זי האט זיך וועגען איהר טאטענס און

מאַמעס רעליגיעזע אַנזיכטען וועניג געקימערט און געלעבט אין איהר אייגען וועלטעל, און יעצט געפינענדיג אין איהר אייגענער היים אַזאַ קאָזין מיט אַ בוך אין האַנד, האָט ער זי אַזוי געפאַנגען, אַז זי איז פערטיעפט געוואָרען מיט איהר גאַנצען וועזען אין דעם קאָזין, און האָט גאָר קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט ווי די מאַמע האָט געמאַכט די הסיבה־בעט, און ווי דער טאַטע ריכט צו דעם סדר, און גראַדע נאָך דעם נוסח פון דעם האריז׳ ז״ל אַז אַלע דראַביאַזגעס זאָלען אויסקומען געגען די עשר ספירות, ווייל ער איז געווען אַ ליבאַוויצער חסיד פון צו הויז. זי האָט ניט אַראָבגענומען די אויגען פון קאָזין.

חיים יאַנקלעון האָט עס געקרענקט, ווייל ער האָט געהאַט אַ בעגריף פון ליעבע, ווי פון אַלע אַנדערע עבירות, איבערהויפט זיין בת־יחידה איז בלויז 16 יאָהר אַלט, דערצו נאָך אַ סטודענט און אויך ניט קיין פרומער... דיזע געדאַנקען האָבען איהם געמאַכט נערוועז און האָבען איהם אַביסעל צושטערט זיין יום־טוב׳דיגען הומאָר.

מען האָט זיך געזעצט אַרום טיש: אויבענאָן חיים יאַנקעל, לאַזענדיג אַ פּלאַץ צו זיין רעכטע האַנד פאַר ציפּע׳ן; רעכטס, ביי דער זייט, דער קאָזין און לינקס — קיידי, אַזוי אַז ניט נור האָט קיידי געקענט דעם קאָזין קוקען שטענדיג אין די אויגען, נור אפילו די פיס אונטער׳ן טיש האָבען זיך אָפט אונגערן פערטשעפּעט.

דער מלך האָט געמאַכט דעם ברייטען קידוש, אָבער אַנשטאַט צו קוקען אין דעם זילבערנעם בעכער מיט רויטען וויין האָט ער ניט אַראָבגעלאָזט די אויגען פון קאָזין, וועלכער האָט ניט אַרויסגענומען די אויגען פון רוסישען בוך.

— בשמחה ובששון הנחלתנו. — האָט ער געשריען אויף אַ הויכען טאָן, צוציהען די אויפמערקזאַמקייט פון קיידי׳ן, אָבער קיידי עקזיסטירט יעצט נור פאַר׳ן קאָזין.

— אַ ביטערער עסק. — טראַכט זיך חיים יאַנקעל — מען מוז זי דאָך פעראינטערעסירען מיט ספּור פון יציאת מצרים, לויט דעם דין פון שלחן ערוך.

— נון, קיידי, פרעג די פיער קשיות.

— פאָר קוועסטשיאָנס, וואָט?

— וואס הייסט, זיינען מיר ניט קיין אידען? — פלעגסטו ניט פרעגען די פיער קשיות אלע פסח?

— באט דהים טאים אי העוו אנלי וואן קוועסטשאן: וואהאי דהי קאזין קיפס היז איז אין דהי בוק?

— אה, גאטעניו! וואס איז מיט דיר געווארען, איך מיין די פיער קשיות וועגען די אידען.

— אה, סא! דאט איז אלל־ראיט. — און האט ווייטער געהאלטען די אויגען אויפ'ן קאזין.

— וואס „אלראיטעסטו" מיר דארט, פרעג די קשיות. — האט ער א געשריי געטהאן.

קיידי האט זיך האלב דערשראקען געווענדעט צו איהם:

— דו יו וואנט סאמטהינג, פא?

— איך וויל דו זאלסט הערען די סטארי מיט די אידען אין מצרים.

— אי נאו, דהאט איז איי נייס סטארי. — האט זי געענט־פערט, און קוקט ווייטער אויפ'ן קאזין.

— וואס איז א נייס סטארי?

— יו מין דהי סטארי דהאט די קאזין ריעדס...

נעערגערט ביז אין טויט, האט חיים יאנקעל איינפאך אנגענו־מען מיט זיין רעכטער האנד קיידי'ן ביים מארדעלע, צוגעדרעהט איהר פנים צו זיך און האט אנגעהויבען נערוועז, אבער מיט א פריינדליכען טאן, איהר צו דערצעהלען די געשיכטע פון דער הגדה, אום זי צו פעראינטערעסירען.

— הער אויס, קיידי, דו האסט דאך ליעב א ראמאן, היינט איז דער יום־טוב, ווען אידען דארפען דערצעהלען די געשיכטע זייערע פון מצרים, און ווי זיי זיינען מיט דריי־טויזענד יאהר צוריק פון דארט בעפרייט געווארען.

— טהרי טאוזענד יאירס, דהאט איז טו לאנג עגא, וודהאט דו אי קער. — און האט ווייטער אווארף געטהאן איהרע אויגען אויפ'ן קאזין.

— אבער, קיידעלע, ליסען! — האט ער שוין געזאגט כמעט מיט טרערען אין די אויגען, און מיט ביידע הענד צוגעדרעהט איהר

פנים צו זיך — הער אויס: אַמאָל זיינען די אידען געווען אין מצרים, און זיי האָבען געאַרבייט עבודת פרך, געקנעטעט ליים, געמאַכט ציעגעל, און געבויט פּתום און רעמסס...

— האו מאטש? — האָט זי אַ פרעג געטהאָן, קוקענדיג מיט שטאַרע אויגען אויפ׳ן פאטער, און ניט הערענדיג איין וואָרט וואָס ער האָט איהר דאָרט דערצעהלט.

— וואָס, האו מאטש, דו הערסט דאָך, פיער־הונדערט יאהר האָבען די אידען געאַרבייט אין גלות, האָבען געשריען צו גאָט און גאָט האָט דערהערט זייער קול און געשיקט זיין שליח משה...

— מאָזעס! איז דהאט דהי ניים אָף דהי קאָזין?

— קיידעלע, ווער מיר קאָזין, הער מיך אויס, איך דערצעהל דאָך דיר פון די אידען, די אידען זיינען געווען אין גלות, האָט גאָט געשיקט משה׳ן, האָט ער געשלאָגען די מצריים מיט צעהן מכות...

— הו? — האָט זי אריינגעוואָרפען דעם פאָטער אַ פראַגע, אבי יוצא צו זיין.

— אַי, צוהוקט זאָלסטו ווערען, מיין טאָכטער, ווי דו הערסט איין וואָרט ניט, וואָס איך זאָג דיר. — און ער האָט אָנגעהויבען שרייען מיט פעררדרוס, ווי איינער וויל אָבמינטערען אַ טויטען — האָט גאָט געשלאָגען די מצריים מיט צעהן מכות, מיט צוויי־הונדערט און פופציג מכות, מיט טויזענד מכות.

— ווהאט איז דהי טראָבעל, פאַ? — האָט קיידי אַ פרעג געטהאָן אביסעל איבערראַשט, קומענדיג צו זיך.

— דו הערסט דאָך די טראָבעל, גאָט האָט געגעבען די מצריים צעהן מכות: דם, צפרדע, כנים...

— הו אַר דהי דזשענטעלמען? —

— וועלכע דזשענטעלמען, דאָס צעהל איך דאָך די צעהן מכות.

— ווהאט איז מכות?

— מכות איז צרות אויף אַלע שלעכטע מענשען, וואָס קעהרען ניט פאַר גאָט׳ס געבאָט. הער־זשע: צעהן מכות...

— יו קען קאָונט אוט, אַי וויל בעליוו יו, פאַ! — האָט זי איהם געזאָגט מיט אַ פערוווירטען בליק און געווענדעט איהרע אויגען צום קאָזין.

מיט אַ פעסטען דרוק האָט דער פאטער ווידער אַ קעהר געטהאָן איהר פּנים צו זיך און האָט אָנגעהויבען שנעל פאַרטצוזעצען די מכות מיט׳ן גאַנצען ספּור, אַבי וואָס שנעלער איבערצוקומען.

— דם, צפרדע, כנים... מכת בכורות, האָט גאָט שוין ווייך געמאַכט די הארץ פון פּרעה, האָט ער ארויסגעלאָזט די אידען. און זיי האָבען אפילו קיין צייט ניט געהאַט איינצוזייערען זייער ברויט, האָבען זיי געבאַקען מצות אויף דער זון...

— האו מעני, פּאַפּ?

— וואָס האו מעני?

— דאָנט יו קאַונט די מכות?

— מכות די שונאי ישראל, מיין טאָכטער, — האָט ער געזאָגט מיט אַ זיפץ און האָט פאַרטגעזעצט די הגדה, און זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט אַ שטאַרען בליק — דו הערסט דאָך, זיינען די אידען געקומען צום ים, האָט משה געשפּאָלטען דעם ים.

— והאַט פאָר?

— די אידען זאָלען אריבערגעהן טרוקען און דער ים איז צוריק פערגאָסען געוואָרען ווען די מצריים זיינען נאָכגעלאָפען די אידען און זיינען אַלע דערטרונקען געוואָרען...

— והאַי?

— זיי זאָלען ניט שלאָגען די אידען.

— הו?

— די מצריים.

— הו אַר דיעז דזשענטעלמען?

— די אידישע שונאים.

— והער וואָז איט?

— דאָרטען פאַר׳ן מדבר.

— איז דהאַט פּענסילווייניא סטייט?

— ניין! רבונו של עולם! הערסטו ניט, אז איך דערצעהל דיר ווי די אידען זיינען אריבער טרוקען איבער׳ן וואַסער.

— אָה! אַי סי, יו מין טו בראָנזוויל.

— וואָס בראָנזוויל! אין ים־סוף, האָט משה גענומען דעם שטעקען...

— וואָס פאַר?
— צו שפּאַלטען דעם ים.
— וואַי?
— זיי זאָלען קענען אריבערגעהן.
— הו?
— די אידען.
— ווהער?
— איבער'ן ים.
— וואַי דידנט דהיי טייק דהי פעררי?
— עס איז דאָך געווען מיט דריי־טויזענד יאהר צוריק.
— איז דהאַט סאָ?
— און די אידען זיינען אריבער דעם ים און געזונגען שירה און געגעסען דעם מן און געמאַכט דעם עגל, און געבויט דעם משכן, דערנאָך דעם בית־המקדש אין ארץ ישראל... נו, טאָכטער, איז דאָס ניט אַ שעהנע סטאָרי?
— וואָט סטאָרי?
— מיט די אידען.
— וואָט וואָז דהי מעטער וויט דעם?
— האָסט דאָך געהערט, ווי זיי זיינען ארויס פון מצרים.
— ווערי נייס אינדיד.
— וואָס ווערי נייס? האָסט דען געהערט איין וואָרט?
— סוירטענלי, וויטה דהי דזשוס.
— נו, וואָס איז געווען מיט זיי?
— דהעי ווענט אָווער דהי וואָטער.
— וואוהין?
— טו דזשוירזי סיטי.
— אָה, געהן זאָלסטו שוין, מיין טאָכטער...
— אָה, אַי נאָו, טו בראָנזוויל.

מיט אַ שרעקליכען כעס האָט ער אַ וואָרף געטהאָן איהר געזיכט פון זיינע הענד און פערצווייפעלט האָט ער אַ געשריי געטאָן „לשנה הבאה בירושלים".
— וואָט עגיין, פאָ?

— מיר זאָלען שוין זיין איבער־אַ־יאָהר אין דזשערוזאַלים.
— וואַי נאָט ראַיט־עוויי?
— וואָרום עפּעס באַלד, אזוי בענקסטו נאָך... ירושלים?
— טו ליעוו אַס עלאָן.
— ווענוען אייך?
— מי וויטה דהי קאַזין.
חיים יאַנקעל האָט געטהאָן אַ פּאַל אויפ'ן הסיבה־בעט אין חלשות, ציפּע האָט איהם געמינטערט, דער קאַזין האָט שוין אוועק־געלעגט זיין רוסישען בוך מיט די הגדה וואָס איז געלעגען פון אויבען, ערשט דאַן האָט זיך קיידי אויך אויפגעהויבען פון איהר טשער און האָט זיך געוואונדערט וואָס איהר פּאַ האָט פלוצלינג גע'חלש'ט און זי וויים ביז היינט ניט, אַז דאָס איז געווען פון איהר הגדה.

דער ווע־גע־טאַר־יא־נאַר

שלימזל בלייבט שלימזל!

ווי דעם עולם איז בעקאַנט האָב איך אין מיין לעבען דורכ־געמאַכט זעהר פיעל גלגולים; איך האָב שוין איבערגעטהאָן אַלע מלאכות, איבערגעהאַנדעלט אַלע מסחרים און תמיד האָט זיך אויס־געלאָזען, אַז איך האָב ווענינ הצלחה.

איך האָב מיך גענומען צו אידעען; אַלס מתנגד, האָט מען מיר געזאָגט איך קען צו ווענינ לערנען; אַלס חסיד, האָט מען מיר געזאָגט, איך האָב צו ווענינ אמונה; אַלס סאָציאַליסט — איך בין צו ווענינ פרינציפיעל, און איך בין ענדליך געוואָרען אַ גענאָסע.

יא, מילא דאָס איז ערשט אַ פרנסה, אָבער וואָס פאַר אַ פנים האָט אַ מענש אָהן אַ אידעע?

פשוט אַ בהמה!

נו, אָבער צו וועלכע אידעע נעהמט מען זיך? שוין דאַכט זיך אַלעס דורכגעמאַכט, אָבער קליינע אורזאַכען, גרויסע פאָלגען.

איינמאָל אין אַ שעהנעם יום־כפור־טאָג האָב איך דערזעהן ווי אַ רעפאָרמירטער רב זאָגט די תפילה פון אויסטערס.

איך האָב איהם באַלד געוואָלט נאָכזאָגען. כאַפּט מיך מיין יואל באַלד אָן פאַר דער האַנד און גלאָצט אויס אויף מיר אַ פּאָר אויגען.

— דוד׳ל, גאָט איז מיט דיר, סטייטש אויסטערס!

— נו, וואָס איז דען?

— אויסטערס לעבען.

— נו, אַז זיי לעבען, אַבי זיי לאָזען זיך עסען.

— סטייטש, אבר מן החי!

דאָ האָט מיר שוין טאַקע געגעבען אַ טיאָך. אבר מן החי, דאָס האָב איך מיר נאָך פאַרגעשטעלט שרעקליך אַלס אינגעל אין חדר. עפּעס אויסשניידען אַ שטיק פלייש פון אַ לעבעדיגע זאַך און עסען, — דאָס איז עפּעס מעשה רוצח. אָבער באַלד האָב איך מיך פער־כאַפּט און געזאָגט צו מיין יואל:

— עה, וואָס גליכסטו? ! אבר מן החי שניידט מען און עס געהט בלוט, און די בהמה האָט אַ וואונד מיט שמערצען, אָבער אַן אויסטער: אָט איז ער געשלאָפען אין מולטערעל און אָט שלאָפט ער ביי מיר אונטער'ן לייבצודעקעל (ארבע כנפות).

— הער נאָר, דאָדעק! — האָט מיין יואל געזאָגט ערנסט — דאָ איז ניט די רעדע פון שניידען, בלוט רינען, שמערצען, עס איז פּשוט: אַ ציוויליזירטער מענש דאַרף ניט הנאה האָבען פון קיין זאַך וואָס האָט געלעבט, וואָס לעבט אָדער וועט לעבען, און דאָס איז איינע פון די ערהאַבענסטע אידעען, דאָס הייסט וועגעטאַריאַניזמוס.

— אַהאַ, אַ ציוויליזירטער מענש בין איך דאָך, אַ בעוויז איך טראָג אַ סטאָור־פּייפּ, אַ אידעע זוך איך שוין פון לאַנג, און אָט האָב איך זי דערטאַפּט. — און באַלד האָב איך אָבגעלעגט אַ שבועה פאַר מיין יואל'ן צו ווערען אַ וועגעטאַריאַנער.

אדיע סטייק! אדיע ספּרינג טשיקען! אַדיע הערינג מיט ראָסעל! אַדיע מאַרינירטע שלאַיען! איצט וועל איך מוזען אָבפאַסטען מיט פּראָסטע אייער מיט אַ ביסעל מילך.

— וואָס? — האָט יואל אַ געשריי געטהאָן — אייער? ווייסטו דען ניט, אַז אין אַן איי ליעגט אַ גאַנץ היהנדעלע, עס פעהלט נאָר עטליכע טעג וואַרימקייט פון דער מוטער. און מילך, ווייסטו דען ניט אַז עס קומט פון אַ לעבעדיגער קוה און דו רויבסט די נאַהרונג פון אַ לעבעדיג קעלבעל.

— יאָ, אָבער די מילך פון אַ קוה, וואָס איז אַן אלמנה, איך מיין אַ בעזדעטניצע מעג איך שוין?

— ניין, — זאָגט יואל שטרענג — אלעס וואָס קומט פון אַ לעבעדיגעם וועזען איז טרפה, שעדליך, נבלה און מען טאָר ניט.

— אָבער וואָס דען עסט מען? — האָב איך איהם געפרעגט, איהם כאַפּענדיג ביים אַרבעל.

— האָסט גענוג וואָס צו עסען: עפּעל, ניס, גרויפּען, לאָקשען...

— אָבער וואָס פאַר אַ טעם האָט גרויפּען אָהן מילך? לאָקשען אָהן אייער? — האָב איך איהם געפרעגט מיט שמערץ.

— אַן אידעאַליסט דאַרף אַזעלכע קשיות ניט פרעגען, און איז

מען אַ וועגעטאַריאַנער, טאָר מען קיין זאַך ניט עסען וואָס קומט פון לעבען, און מען קייט גראָז. — האָט יואל געזאָגט און איז פאַרשוואונדען.

איך האָב אַלזאָ געשוואָרען און מוז זיין אַ וועגעטאַריאַנער. עס זאָגט זיך זיין, אָבער דאָ, מיינע פריינדע, האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבען אַ לעבען פון פּלאָגען און הונגערן, פון געוויסענסביסע און פערצווייפלונג, פון פילאָזאָפירען און אַ לעדיגען מאָגען.

אַלזאָ, אַלעס וואָס לעבט און קומט פון לעבען טאָר מען ניט געניסען. נון, און גראָז לעבט דען ניט? שטעהט דען ניט אין דער תורה לא תכרתו כל עץ כי האדם עץ השדה, און אַלע באָטאַניקער בעהויפּטען דען ניט, אַז יעדעס גרעזעלע לעבט, — ווי־זשע מעג מען עסען רעטיך מיט ציבעלעס?

אַי, וואָס, זיי פּיהלען ניט? און אַן איי פּיהלט דען? אַ שטיקעל שווייצער־קעז פּיהלט דען? און ווען טאַקע ניט נור פּיהלען, נור ווייל עס קומט פון לעבען, ווי טאָר מען טראָגען די וואָלענע זאָקען, וואָס קומען פון אַ לעבעדיגער שעפּס? ווי טאָר מען טראָגען די פּאַנטאָפעל, וואָס איז די הויט פון אַ לעבעדיגער קאַלב, ווי טאָר מען טראָגען דעם טלית־זאַק, וואָס איז פון אַ לעבעדיגער בן פקועה?

היינט וואָס טהוט מען דאָ אין אַמעריקא מיט די בעטען, וואו עס געפינען זיך אַזוי פיעל לעבעדיגע רויטינקע בעשעפעניסען? זיי לעבען דאָך? אַי, לאָזען זיי לעבען? בייסען זיי דאָך!

און וואָס טהוט מען מיט די קינדערשע קעפּלעך, ווי קען מען זיי צוואָגען און קעמען, מען זאָל חלילה ניט געשטרויכעלט ווערען אין ווער טהון אַ לעבעדיג בעשעפעניש?

און ווי מעג מען איבערהויפּט דאָס מויל גאָר עפענען צום רעדען? סטייטש, אין דער לופט שוועבען אום פיעל מיליאָנען קליינטשינקע חיה'לעך וואָס מיט יעדער וואָרט קען מען מיט די צייהן צוקנאַקען אַ פּאָר מיליאָן פון זיי?

היינט ווי מעג מען שמעקען טאַבאַק, אַז מיט איין ניס קען מען דערשיסען טויזענדער פון זיי?

הײַנט װי מעג מען געהן אויף אַ לויה, אָדער תשעה באב אויפ'ן פעלד, טאָמער טרעט מען אַרויף אויף אַ װערימעל?

און װי קען מען זיך לאָזען שלאָגען מלקות, טאָמער טרעפט דער שמש מיט'ן רימען אויף אַ לעבעדיגער פלעה?

און װי קען מען טרינקען אפילו אַ גלעזעל ציקאָריע, טאָמער פאַלט אַריין אַ פליעג?

װי קען מען בלאָזען שופר מיט דעם האָרן פון אַ לעבעדיגען באָראַן?

װי קען מען מבער זיין דעם חמץ מיט דער פען פון אַ לעבע־דיגען האָהן און כפּרות שלאָגען טאַקע מיט'ן האָהן אַליין?

און װי קען מען װאַרטען אויף משיח'ן, װאָס ער װעט מוזען רייטען אויף אַ לעבעדיגען עזעל?

און אַז משיח װעט קומען און מען װעט װייטער מקריב זיין די קרבנות אויפ'ן מזבח, װאָס װעט טהון דער כהן גדול מיט'ן זאַדעק, דער לוי מיט'ן פריידיק און דער ישראל מיט דער קוטניצע?

הײַנט װאָס טהוט מען מיט די תפילין, מיט די מזוזות און טאַקע מיט דער גאַנצער תורה, אַלעס איז דאָך געשריעצען אויף קעלבערנע פעלכלעך?

און װאָס טהוט מען מיט'ן האַניג צו דער המוציא, װאָס קומט פון לעבעדיגע ביהנען?

און װאָס טהוט מען מיט'ן תשליך? װי װאַרפט מען אַזעלכע גרויסע עבירות אין טייך די לעבעדיגע פיש זאָלען זיך דערװאַרגען?

געװאַלד, דער קאָפּ דרעהט זיך מיר, איך װער אַזש פערריקט, ניט עסען, ניט לעקען, ניט שמעקען, ניט קושען, ניט געהן און ניט שטעהן. ניט רעדען, ניט ניסען, — כאָטש נעהם לעג דיך אַנידער און שטאַרב אין דער גאַס, און דאָס ביסעל אידישקייט כאָטש נעהם און פערברען, אַז װאו מען גיט זיך אַ קעהר איז אַלעס פערבונדען מיט'ן לעבען און מיט לעבעדיגע װעזען.

אָבער געשװאָרען, איז פערפאַלען; איך בין אַ װעגעטאַריאַנער און מוז זיין טריי מיין אידעע.

פון הונגער בין איך געװאָרען דאַר װי אַ שפּאָן, די האָזענע ניסלעך האָבען מיך דאָך ניט געזעטיגט װי אַ מילכיגער טייגעכץ,

טרינקען האָב איך אין פילאַדעלפיא ניט געקענט אפילו קיין וואַסער, ווייל עס איז אויך פול מיט לעבעדיגע ווערעם. איך בין געוואָרען אוים מענש און אפילו אוים איד אויך; איך בין הויט און ביינער און א וועגעטאַריאַנער.

שפּעטער מיט א יאָהר, ווען איך בין שוין געווען א האַלבער סקעלעט, געל און גרין און דאַר ווי א גרוגרת דר׳ צדוק, האָט מיך בעזוכט מיין יואל.

— דאָדעק, וואָס איז מיט דיר, ביזטו קראַנק?

— ניין, איך בין א וועגעטאַריאַנער.

— וואָס־זשע זעהסטו אַזוי שלעכט אוים?

— הערסט, דו פרעגסט עס נאָך; קיין זאַך ניט עסען און ניט טרינקען, קען מען נאָך בעסער אויסזעהן?

— פאַר וואָס עסטו דען ניט?

— דו אַליין האָסט מיך דאָך געמאַכט פאַר א וועגעטאַריאַנער!

— אוי ביזטו א בהמה! — האָט ער זיך צולאַכט — איך האָב דיר דאָך אָבער געזאָגט, אַז דאָס איז אַ אידעע, און ווי קענסטו דען דאָס אויספיהרען אין פּראַקטישען לעבען? ביז ווי לאַנג דו לעבסט, מוזטו מיט׳ן לעבען און לעבעדיגעס אין בעריהרונג קומען, און אויב דו ווילסט זיך אויסהיטען פון אַלעם וואָס לעבט, דאַן לאָז דיך פערברענען און צושפּרייטען דיין אַש אויף שבע ימים. גערה, זאָגט ער, פאַסט אָב, זאָג דיין יענטע זאָל דיר אָבקאָכען א ספּרינג טשיקען מיט אַביסעל זופּ און דערקוויק דיין נשמה!

— יואל, סטייטש א טשיקען! ס׳איז דאָך א פּגר, א לייבע, א בר־מנן, אפילו ווען מען זאָל מעגען עסען איז עס דאָך שעדליך, א בר־מנן ווערט דאָך באַלד פערשטונקען.

— שוטה, און פערפוילטע ציבעלעס שטינקען דען ניט און זיינען דען ניט שעדליך?

— אָבער פלייש פערדערבט דאָך דעם מאָגען?

— ביזט א נאַר. איין פונט פלייש האָט מעהר נאַהרונג פיר דיין בלוט און גאַנצען קערפּער, אַלס צעהן שיסעל קאַרטאָפעל.

— סטייטש, אַלע מענשען שטאַרבען דאָך אויס, נור ווייל זיי עסען פלייש?

— דאָך לעבען מענשען ביז 70, 80 יאהר און בהמות און פערד, וואָס עסען היי און האָבער לעבען קוים אריבער 20 יאהר. — דוד'ל, זיי ניט קיין נאַר — מען זאָגט נור אז מען איז אַ וועגעטאַריאַנער, און מען עסט און טרינקט וואָס דאָס האַרץ גלוסט.

— אַי, יואל, לאַנג לעבען זאָלסטו, ווען דו זאָלסט ניט זיין קיין „אבר מן החי", קיין לעבעדיגע זאַך, וואָלט איך דיך יעצט איינגעשלונגען פאַר דער גרויסער עצה.

בּעריל חסיד

פאָלקסטימליכע מעשה׳לעך

(אַלאַ פּרץ)

א.

מלוה מלכה.

רבותי! איך וועל אייך דערצעהלען אַ מעשה נורא מיט אַ מוסר השכל, ווי איהר וועט בעזרת השם זעהן זעהן פונ׳ם עיקר המעשה.

פערצייטענס זיינען אין אַ שטעדטעל געווען צוויי ברידער: איינער אַן אָרימאַן, אַן עני ואביון, ליים געקנאָטען, וואסער גע־טראָגען — אבי מפרנס צו זיין ווייב און קינדער... דער צווייטער רייך, אַ גביר אדיר, געפיהרט געשעפטען מיט׳ן מלכות... אָבער געווען אַ קאַרגער, אַן אָרעמאַן אַ שטיקעל ברויט ניט געגעבען... אויף קהל אַ פּרוטה ניט געשאָנקען און דעם אָרימען ברודער אויפ׳ן שוועל ניט אַרויפגעלאָזען...

ויהי היום, קומט אַמאָל אַן אָרימאַן, ערב שבת איז דאָס געווען, און בעט ביים רייכען, ער זאָל איהם צונעהמען אויף שבת. טרייבט ער דאָך איהם מן הסתם אַרויס דורך אַלע טהירען, ווי זיין שטייגער איז געווען... געהט נעבעך דער עני אַזוי לאַנג, ביז ער קומט צום אָרימאַנ׳ס שטיבעלע און פרעגט: „וועל איך אפשר קענען ביי אייך זיין שבת?“

גיט איהם דער בעל הבית פון שטיבעלע אַ ברייטען שלום עליכם און ענטפערט: „מיין ליעבער אורח! איך וואָלט געוויס געוואָלט אייך האַלטען אויף שבת, אָבער פון קאָרן־מעהל זיינען מיינע שבת־קוילעטשען... וואַסער מיט קאַרטאָפליעס מיינע אבילות אויף שבת... קיין קישעלע צוקאָפּענס — מעהר נישט אַביסעלע שטרוי אויף דער הוילער ערד... ווי וועט איהר דאָ זיין?...“

זאָגט דער אָרימער אורח: „וואָס איהר וועט עסען, וועל איך אויך עסען, און ווי איהר וועט שלאָפען, וועל איך אויך שלאָפען.“

נעהמט מען איהם אריין אין הויז, גיט מען איהם וואַסער צום וואַשען זיך. דערזעהט מען אַז — ויהי אור!... עס ווערט גאָר אַן אַנדער ליכט אין שטוב, און אַלעס בעקומט אַן אַנדער חן... פער־שטעהט מען דאָך, אַז ס'מוז זיין אַן אורח הגון... פאַלט דאָס האַרץ ארויס... שטעלט מען זיך מקבל שבת זיין — קלינגט עס מלאכים־געזאַנג... נאָך די „שלום עליכם'ס" געהט מען זיך וואַשען... עסט מען... האָט דאָס עסען טעם גן־עדן... פערשטעהט מען דאָך אַז ס'מוז זיין דער „גוטער אורח"... האָפט מען און מען וואַרט... וואַרט מען און מען האָפט...

געקומען מוצאי שבת קודש, מאַכט מען הבדלה. דאָס געזינדעל איז פרעהליך... דאָס האַרץ זאָגט אויף גוטס, זעצט מען זיך צו דער מלוה מלכה... און דאָס גאַנצע בני בית הויבט אָן זינגען זמירות. און ווי עס קומט צו „אליהו הנביא", הויבט זיך אויף דער אורח, זיין פנים שיינט, לייכט, כמלאך אלקים און זאָגט: „די ערשטע אַרבייט וואָס איהר וועט היינט אָנפאַנגען צו טהאָן, זאָלט איהר מצליח זיין, איהר זאָלט טהאָן און טהאָן"... און כהרף עין ווערט ער נעלם...

פערשטעהט דאָך שוין דער בעל הבית, ווער דאָס איז... קומט ער ביסלעכווייז צו זיך פון שרעק, געהט ער און נעהמט זיך צונויפ־לעגען דעם טלית, לעגט ער און לעגט, לעגט און לעגט אין די מאות אלפים, העלפען שוין ווייב און קינדער אויך... ווערט עס אַ פולער אַלקיר, טראָגט מען ארויס פערקויפען... און מען לעגט ווייטער. ביז מען ווערט רייך...

קלינגט עס איבער דער גאַנצער שטאָדט, ווערט געוואָהר דער ברודער דער רייכער, קומט ער צו לויפען. זעהט ער אַ פאַבריק פון טליתים, אַ הויז ווי אַ שררה... געהט ער אריין אין הויז, דערזעהט ער דעם ברודער, דערקענט ער איהם ניט — אָנגעטהאָן אין בגדי מלכות... דאָס ווייב אַ מלכה... די קינדער בני מלכים. ווערט ער דאָך נבהל ונשתומם. פרעגט ער דעם ברודער: „זאָג מיר אחי היקר, היתכן? פון וואַנען איז דאָס אַלץ?"... דערצעהלט ער איהם כך וכך היה... דערמאָנט זיך דער רייכער ברודער אָן דער מעשה מיט'ן

אַרימאַן, פּונקט יענעם ערב שבת... איז ער זיך זעהר מצער איבער דעם, און טהוט זיך אַ נדר מעהר קיין אָרימאַן ניט אַרויסצוטרייבען...

קומט ווידער אַן אָרימאַן בעטען זיך אויף שבת. לויפט איהם שוין דער גביר אַרויס מקבל פּנים זיין, נעהמט איהם אויף בסבר פּנים יפות... טהיילט איהם צו גרויס כבוד... גיט מען איהם עסען פון דאָס בעסטע... וואַרט מען שוין און מען האָפט. קומט עס מוצאי שבת קודש, מאַכט דער גביר הבדלה... הייסט דער פלונית'טע צוגרייטען די מלוה מלכה און נעהמט זיך מיט'ן גאַנצען בני בית זינגען זמירות. און ווי עס קומט צו „אליהו הנביא", שטעהט אויף דער אורח און זאָגט: „וואָס איהר וועט אָנפאַנגען צום ערשטען צו טהאָן, זאָל אייך מצליח זיין."

וויים דאָך דער גביר וואָס ער האָט צו טהאָן. דענקט ער זיך, דער גביר, נעהמען צום געלד צעהלען... האָט ער דאָך מורא, אַז עס וועט נאָכדעם קיין צייט ניט סטייען משתין צו זיין... מען וועט דאָך ניט טאָרען מפסיק זיין... געהט דער גביר מיט'ן גאַנצען געזינדעל פריהער משתין צו זיין...

שטעהען זיי נאָך עד היום...

ב.

דריי עבירות.

...און דאָרט אין הימעל שטעהט די גרויסע וואָגשאָל, אויף וועלכע מ'וועגט די מצוות און די עבירות, און אַלע גלייך, רשעים ווי צדיקים, ווערען געבראַכט דאָרט צום משפט, און כידוע וויל דאָך יעדער דאָס „גן עדן", סאַי דער רשע סאַי דער צדיק, און בית דין של מעלה זיצט דאָרט אין אַ גרויסען זאַאל און משפט. און אַ גרויסער זייגער הענגט אויפ'ן וואַנד, אַז ער נעהמט קלינגען, הערט מען איבער'ן גאַנצען הימעל; אַלץ נעהמט ציטערען. די וואָגשאָלען נעהמען ציטערען און לאָזען ניט וועגען אויף זיך, און דריי

פייערדיגע אותיות קומען אַרויס „שבת". און די אַלע זינדיגע מיט אַלע זייערע עבירות ווערען אַריינגעפיהרט יעדער אין אַ בעזונדער חדר ביז איבער שבת, און דאָס איז דאָך ידוע, אַז קודם הדין, איידער מ'משפט אָב, איז מיט'ן צדיק בעסער ווי מיט'ן רשע: פאַר'ן צדיק שרייט מען: „פנו מקום!" און מיט'ן רשע מאַכט מען ניט קיין גרויסען יום טוב. ווען ס'קומט אָבער ביים דין איז אַלץ איינס אַ רשע און אַ צדיק, קיין משוה פנים, ס'איז דאָך עפּעס אויפ'ן עולם האמת... קומען צום ערשטען די מקטרגים, קרומע און שוואַרצע מחבלים, וואָס זיינען בעשאַפען געוואָרען פונ'ם מענשענ'ס עבירות, און העלפען מאַכען אַ שוואַרצען פּאַק פון די עבירות און ברענגען זיי צום בית דין של מעלה. דאַן קומען אַלע גוטע און ווייסע מלאכים'לעך, וואָס זיינען בעשאַפען געוואָרען פון די מצוות, און מאַכען פון זיי אַ שנעע־ווייסען און ריינעם פּאַק און טראָגען עס אַריין צום בית־דין של מעלה. און בית־דין של מעלה גיט אַ וואונק, ברענגען צוויי שמשים אַריין די נשמה און זי שטעלט זיך אַוועק אין אַ זייט מיט שרעק און וואַרט אויף איהר פּסק־דין. און דער קטגור שטעלט זיך אויף און האַלט זיין קטגור־רעדע, זוכט אויס אַלע עבירות, און בעט „כף הקל" פאַר דער נשמה. און די נשמה ציטערט און פריהרט פאַר קעלט. שטעלט זיך אויף דער סניגור, דער מליץ יושר, און איז ממליץ אויף איהר, זוכט אויף וואו נור אַ זכות און וואו נור אַ מצוה פאַר דער נשמה, ווערט דער נשמה וואַרם און ליכטיג, גרינגער אויפ'ן האַרצען. און בית־דין של מעלה, ווי איהר ווייסט דאָך, גיט אַ קאָמאַנדעווע מ'זאָל נעהמען צופּאַקען, און מ'נעהמט שיטען אַ מצוה און אַן עבירה, אַ מצוה און אַן עבירה ביז ס'בלייבען די זעק לעדיג. שאָקעלט מען אויס די זעק און מ'נעהמט קוקען אויפ'ן שטאַנג. און אַז די מצוות וועגען איבער, ווערט אַ ששון ושמחה צווישען די ווייסע מלאכים'לעך, און אַז די עבירות, רחמנא לצלן, וועגען איבער, ווערט אַ ששון ושמחה ביי די שוואַרצע מחבלים, און דעמאָלט פיהרט מען אָב די נשמות וואוהין זיי ווערען פער'משפט. דאָס ווייסט איהר דאָך אַלע.

דאָס איז אַלץ ביי אַ געוועהנליכען מענשען, ניט קיין גאָר גרויסער רשע און ניט קיין גאָר גרויסער צדיק. ס'קומט אָבער אַזאַ

משפט פאַר, איז שוין אַנדערע ווערטער! דעמאָלט שטעהען שוין נית קיין פּראָסטע מליצים און מקטרגים, דעמאָלט שטעהען שוין ביים רשע מיכאל און זוכט אויס וואו נאָר אַ זכות, און סמאל שטעהט ביים צדיק און זוכט אויס וואו נאָר אַ חוב אויפ'ן מענשען. און דעמאָלט מאַכט מען שוין דעם גאַנצען טאַראַראַם מיט'ן וועגען נית מעהר לפנים וועגען. מ'זעהט'ך: ביים צדיק איז דאָס פּעקעלע עבירות אַזוי קליין און אונבעדייטענד געגען דעם גרויסען פּאַק מצוות, אַן פערקעהרט ביים רשע... און אַזאַ דין ציהט זיך לאַנג, וואָרום מיכאל זוכט ווי ווייט ער קען עפּעס אַ מצוה אַרויסקריגען און סמאָל ווידער זוכט ווי ווייט ער קען אַן עבירה אויסגעפינען...

און הערט דריי מעשה'לעך, ווי ס'איז געווען מיט דריי אַזעלכע משפטים: צוויי צדיקים גמורים און איין רשע גמור.

* * *

פרייטאַג זייגער צעהן איז נפטר געוואָרען נאָר אַ גרויסער צדיק. ווערט אַ טאַראַראַם אין הימעל: פנו מקום! און מ'פיהרט אַריין די נשמה צום בית־דין של מעלה, מ'וויל איהר אָב'פּטר'ן געשווינד און אויף שבת איהר נאָך אַ קבלת פנים מאַכען אין גן־עדן. קומט אַרויף סמאל אין אַ שוואַרצע קרוין מלא חמה און זעצט זיך אוועק. פרעגט בית־דין של מעלה דעם צדיק נאָר לפנים די שאלות, קומט דער מלאך און ווייזט אויפ'ן פּאַק מצוות. פרעגט סמאל זיינע חברה מכח עבירות, בלייבען זיי שטעהען — נישטאָ!... ווערט ער אויפגעפלאַמט און שרייט: ווי איז מעגליך? „אין צדיק בארץ אשר לא יחטא!" הייסט איהם בית־דין של מעלה זוכען אין די ביכער, און ער זעצט זיך אוועק און זיצט אָב אַ צייט, זוכט אין די ביכער ביז לסוף ער האָט געפונען דאָרט זיין לעדיגען בלאַט... ווערט ער נאָך מעהר אין כעס און הייסט אויסזוכען וואו נאָר אַ מחבל, זאָל זיין אַ נפל אפילו. און כך הוה — מ'האָט איהם געבראַכט אַ נפל, אַ מחבל, און אין בוך האָט זיך געוויזען אָב־געמעקטע אותיות פון אַ קליין עבירה'לע: „היות ווי דער צדיק איז אַמאָל געגאַנגען שבת אין מקוה אַריין, האָט ער זיך אַ קראַץ

גענעבען אין קאָפּ און האָט אָנגענומען אַ פולע האַנד וואַסער...
„סחיטה"... כאַפּט שוין סמאל דאָס אויף און מאַכט אַזוי לאַנג
אַ פירוש איבער דעם, און שרייט: סחיטה, אַן אָב מלאכה, און וויל
אַז מען זאָל איהם כאַטש פערשיקען אין כף הקל דערפאַר...

ווייסען אַלע, אַז ס'וועט גאָר נישט זיין. נאָר פון סמאל איז
ניט פּטור צו ווערען. און בינו לבינו רוקט זיך אָן צוועלף: דער
גרויסער זייגער נעהמט קלינגען, די וואָגשאָל נעהמט זיך וואַקלען,
בית־דין של מעלה מוז זיך אויפהויבען און דעם צדיק מיט זיין
עבירה מוז מען אָבפיהרען אין אַ בעזונדער חדר איבער שבת...

* * *

ויהי היום, אויף פרייטאָג, ווערט נפטר ווידער אַ צדיק גמור,
איינער פון די גדולי הדור. ווערט ווידער אַ רעש דאָרט אין הימעל:
פּנו מקום! און אין גן־עדן ווערט אַ שמחה, מ'נעהמט צוגרייטען
די חופות פאַר איהם, עפּעס אַ קלייניגקייט אַזאַ צדיק! און מיכאל
געהט אַרום מיט אַ פלאַמענדיג פּנים פאַר שמחה. טראַכט זיך
סמאל: איך מוז איהם דאָס פערשטערען. ווייסט ער דאָך אָבער
אַליין, אַז ס'איז ניט מעגליך. זאָגט ער: „גוט כאָטש אויף איין
שבת!" און כאַפּט און לויפט אַוועק אין בית־דין של מעלה און
נעהמט זוכען די עבירות. בשום אופן וועט ער ניט לאָזען איהם
גלייך אין גן־עדן אריין. און אַז ער זעהט אַז ער איז פאָרט ריין,
מה עושה — וואָס טהוט ער? נעהמט ער און איז מלביש די טומאה
אין די יראה און שטעלט זיך אַוועק טענה'ן: „געוואַלד, ווי מאַכט
מען חלילה פון דער תורה אַ „פלסתר"! וואָס הייסט, אַ בשר ודם
מוז דאָך זינדיגען!... און נעהמט ווייטער בלעטערן אין די ביכער
און געפינט ווידער אויס אַן עבירה'לע. און ער ווייסט דאָך אפילו
אַז ער וועט גאָר ניט מאַכען, דאָך איז ביי איהם אַ קרן אויף שבת
איהם צו לאָזען זיצען. און נעהמט לייענען: „היות, ווי דער צדיק
איז אַמאָל שבת אַרויס אויף אַ ווינד און האָט, במחילה, משתין
געווען ביי אַ וואַנד, וואָס דאָרט איז געווען אַ לאָך וואָס איז אַרויס

אין רשות הרבים, און דער ווינד האָט פערטראָגען די מי רגלים אין רשות הרבים אריין...״

מילא, ער האָט אזוי לאַנג מאריך געווען, ביז דער זייגער האָט ווייטער אויסגעשלאָגען צוועלף, און ווייטער האָט מען דעם בית־דין של מעלה פערמאַכט און דעם צדיק מיט זיין עבירה האָט מען אָבגעפיהרט אין אַ בעזונדער חדר איבער שבת...

און מעהר האָט סמאל ניט געוואָלט...

* * *

און דאָס איז אויך געווען אום פרייטאג, זייגער צעהן. שטאַרבט אוועק אַ רשע גמור און ס׳ווערט אַ שמחה ביי סמאל און לילית׳ן: זיי האָבען געכאַפּט אַ לעשטש, סחורה פאַר׳ן כף הקל... און שדים הוליען און טאַנצען און מחבלים גרייטען שוין צו די חופּות פון ברענענדיגען פּעך פאַר איהם. דערהערט מיכאל זייער געלעכטער און זייער באַלעווען און קריגט רחמנות אויף דעם רשע גמור, פאַרט אַ צלם אלהים, און טראַכט ווי אזוי מיט איהם כאָטש עפּעס גוטס צו קענען טהון... און לויפט אוועק צום בית־דין של מעלה און זעהט שוין דאָרט אַ פּאַק מיט עבירות, ביז דעם סאַפירענעם געוועלב פון זיבעטען הימעל... און אַ גאַנצע באַנדע נקבות, יפה־פיות ר״ל, מיט וועלכע ער פלעגט תמיד עבירות טהון, שטעהען און שלעפּען איהם צו זיך אין גיהנום אריין... און בית־דין של מעלה וויל איהם שוין פער׳משפט׳ען אין כף הקל. נעהמט מיכאל און קוקט זיך אום אַ מצוה צו דערזעהן און — גוואלד, ס׳איז נישטאָ!... נעהמט ער און שטעלט זיך אוועק טענה׳ן: „ניין, דאָס איז ניט מעגליך, יעדער מענש איז אַ „חלק אלה ממעל“, אין יעדען איז פאַראַן אַ צד טוב; ס׳איז ניט מעגליך, ער מוז ארויסגעהן מיט אַ גרינגערען דין און אפשר גאָר גן־עדן... הייסט מען איהם זוכען. ווערט שוואַרץ מ י כ א ל ׳ ן אין זיינע ליכטיגע אויגען. מ׳זאָל אָבגעהיט ווערען, קיין זכות נישטאָ... נעהמט ער רופען אַלע מליצים און מ׳האָט קוים אויסגעפונען אַז אַן אָרימאַן האָט אמאָל נהנה געווען פון איהם — „ער האָט געהאַט ארויסגעוואָרפען מיסט, אין

דערין איז געווען אַ קליינע מטבע און אַן אָרימאַן האָט זי אויפֿגעהויבען און ער האָט געזעהן און איהם זי געלאָזט צונעהמען..."
מילא, מיכאל נעהמט מאריך זיין ביי דער מצוה, כאָטש איין שעה אין גן־עדן... דער גרויסער זייגער האָט אויסגעשלאָגען צוועלף. אַלץ האָט גענומען ציטערען, בית־דין של מעלה האָט זיך אויפֿגעהויבען אין מיטען דין. דעם רשע גמור מיט די עבירות, די יפה־פיות ר"ל האָט מען אַריינגעפיהרט אין אַ בעזונדער חדר אַריין איבער שבת...

און מעהר האָט מיכאל ניט געוואָלט...

ר. בריינין

חכמת הבלאָף

(אַן אונטערגעהערטער שמועס)

איהר פרעגט מיך, פעטער, וואָס איז דאָס בלאָפען? איך זעה שוין, דאָס איהר זייט אַ גרינער. בלאָפען — דאָס איז אַן עכט אַמעריקאַנישע חכמה, אָדער המצאה, ווי איהר ווילט. מען מוז גענוג פערשוואַרצט און אויסגעריסען ווערען ביז וואַנען מען לערנט דאָס אויס מיט אַלע ברעקעלעך. איך בין דאָ אויך גענוג פער־שוואַרצט געוואָרען, ליעבער פריינד. האָט אַ ביסעל געדולד, נור ניט געכאַפּט, וועט איהר שוין הערען און וויסען, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין די חכמה פון בלאָפען.

אָט ווי איהר קוקט מיך אָן, דאַכט זיך ניטאָ אויף וואָס צו קוקען; און דאָך בין איך מיר געוועזן אַ איד אַן עושר; געהאַט טאַקע די ממתקים במזומנים, הלואי אויף אייך געזאָגט געוואָרען אין גוטע אידישקייט. שאַ — איהר ווילט ניט, טאָ ווי איהר ווילט זיך, געה ווינש אַ אידען גוטעס.

דוכט זיך, האָב איך דאָך יא געלד, אבער לא מיט א ספּאָדיק. איך האָב געהאַט גרויסע געשעפטען, אָבער סוף כל סוף לאָזט זיך אויס אַ בוידים מיט אַ פּאָליצע. עי, אידישע רייכקייט — אַ נעכ־טיגער טאָג! איהר ווילט וויסען די חכמה פון בלאָפען? ווארט אַ ווייל, איהר וועט שוין הערען. יא, וואו האַלט איך? איך בין געוואָרען, ניט פאַר אייך גערעדט, אַ יורד, געלעגען טאַקע צעהן קלאַפטער אין דער ערד. אַ קבצן צו זיין איז אַ מיאוס'ע זאַך, אַ יורד — איז נאָך ערגער. פע, פּאַסקודנע. איך האָב אַלע פּרנסות איבערפּרובירט, און עס איז ניט געגאַנגען, כאָטש צוריים זיך. אַז דער מזל קעהרט זיך אָב, קען מען איהם פאַר'ן עק ניט כאַפּען. און די קינדער, זאָלען לעבען, וואַקסען זיך, און מיין אידענע הערט ניט אויף צו האָבען צו מיר טענות ומענות. איז זי אפשר ניט גערעכט געווען? וואָס זאָל איך אייך דרעהען אַ קאָפּ? ווען קיין זאַך האָט

מיר ניט געהאָלפען, האָב איך זיך מיט מיין חאַליאַסטרע (אַ היבשע געזינדעל אָהן עין הרע) אַ לאָז געטהאָן קיין אַמעריקאַ. אין אַמעריקאַ האָבען זיך אָנגעהויבען נייע צרות, נייע יסורים. איך האָב דורכגעמאַכט אַלע מיני גלגולים. און דער שלים־מזל האָט זיך מיר נאָכגעשלעפּט. איהר ווילט דאָך וויסען וואָס בין איך דאָ געוועזען. צו־הויז האָב איך אַלעם געקענט; טאַקע געוועזען אַ גאַנצער מאַכער, אַ מושלם. דאָ אָבער אין אַמעריקאַ איז קענען ניט דער עיקר. דאָ איז דער עיקר טאַקע יענע חכמה, וואָס הייסט בלאָפען, און אין דערינען האָב איך, ניט היינט געדאַכט, קיין שטאַרקע ידיעה ניט געהאַט. אין פלוג דאַכט זיך ווּעלכער איד קען דאָס ניט בלאָפען? אָבער בלאָפען צו בלאָפען איז ניט גלייך. פעטער, איהר האָט שוין ווּיעדער קיין געדולד ניט? לאָזט זיך דיענען, איך וועל דאָס אייך מאַכען בקיצור.

יאָהרען לאַנג האָב איך זיך געוואַלגערט אין אַמעריקאַ, און זיך ניט דערשלאָגען צו אַ ברעג. איך האָב שוין פערלאָרען אַלע האָפ־נונגען. וואָס איך האָב ניט אָנגעהויבען — האָט זיך ניט אויס־געלאָזען. עס איז געקומען מים עד נפש. דרעה איך מיך אַרום אין די גאַסען, איך קוק, איך זוך, איך שמעק, וואו כאַפּט מען אַ דאָלאַר צו פערדיענען. נו, הערט־זשע גאָט'ס וואונדער! פּלוצלונג זעה איך, ווי עס שטעהט אַ גרויסער עולם נעבען אַ פּאָסטער (מודעה רבה), מיט אָנגעמאָלטע חיות, אַ נייער צירק איז אין שטאָדט אָנגעקומען. איך גיב מיך אַ לאָז צום מענעדזשער פון צירק. ער איז טאַקע געוועזען איינער פון אונזערע.

— טהייערער ברודער — טהו איך צו איהם אַ זאָג — גיב עפּעס צו פערדיענען, איך טויג אויף אַלעם.

— אדרבה, — ענטפערט דער מאַכער — קענסטו אויף אַ שטריק געהן?

— דעם שכל דערפון פערשטעה איך, אָבער עס איז דאָך אַ סכנה...

— קענסטו אין די לופט שפּרינגען?

— אַ קשיא, אויך מיר אַ קונץ! ווּעלכער איד קען דאָס ניט? איך זאָג אייך אָבער פריהער, דאָס איך וועל געה'רג'עט ווערען און

איך לאָז איבער אַ װײב מיט אַ סך קינדער, און דאָס װעט זײן אויף אײער קאָפּ. װען איהר װילט דאָס, בין איך מוכן ומזומן...

—אַט הויבט זיך אָן מיט אַ אידען... געהט געזונדערהײט. ניט דאָ איז פאַר איך דער אָרט...

מײנער אָבער געהט ניט. װאָס האָב איך צו פערליערען ?...

— אדוני מענעדזשער, — טהו איך אַ זאָג מיט אַ פערצװײ־פעלטער שטימע — איהר מוזט מיר געבען װאָס צו פערדיענען... איך קען אַלעס און טויג צו אַלעס. װי עס שײנט, האָבען מײנע תחנונים גענומען דעם מאַבער. ער האָט אַ װײלע געשװיגען. נאָכהער גיט ער זאָג: יאָ, ר׳ איד, איהר קענט בײ מיר פערדיענען אַ פּאָר דאָלאַר. איך האָב פאַר אײך אַ בעשעפטיגונג אין מײן צירק... איך װײס, אַז איהר טויגט דערצו...

— אדרבה, — רוף איך אויס מיט שמחה — װאָס איז דאָס? איך בין צו אַלעס בערײט... איך טויג צו אַלעס...

— איהר װעט זיך דאַרפען אַלע אָבענד — מאַכט ער — אָנטהון אין אַ פעל פון אַ טיגער און אומלויפען אין קרײז, דער עולם זאָל טאַקי מײנען דאָס עס איז אַן אמת׳ער טיגער, אַז עס זאָל אָנכאַפּען אַן אימה... װילט איהר דאָס? קענט איהר דאָס?

— אַ קשיא אויב איך קען דאָס! װאָס איז דאָ צו קענען?... גיט מיר גלײך אַ פעל פון אַ טיגער, װעט איהר זעהען װי קונציג איך בין, אַן אמת׳ע חיה רעה... אַ מזיק...

און מײן מאַבער האָט מיך אָנגעטהאָן אין אַ פעל פון אַ טיגער, און האָט מיך צו פּראָבע אַרויסגעלאָזען אויף אַלע פיער אין קרײז, און אַ געשרײ געגעבען צו מיר: „װאַרף אַן אימה!“

און איך בין אַרויסגעלאָפען אין דער טיגער־פעל, מיט גרויס קוראַזש. איך האָב נור אײן שפּרונג געמאַכט — און אָנטקעגען מיר איז אַרויסגעלאָפען אַן אימה׳דיגער לײב... אַ שרעק איז אויף מיר אָנגעפאַלען... דאָ איז מײן עק און סוף... דאָ װער איך צוריסען אויף פּיצלעך. דאָס בלוט איז מיר פערגליװערט געװאָרען, און פון גרויס פּחד האָב איך מיט די לעצטע כחות אויסגעשריען: שמע ישראל...!

— ברוך שם כבוד מלכותו! — האָט אויסגעשריען דער לייב מיט אַ מענשליכען געלעכטער.

וואָס מיינט איהר, דער שרעקליכער לייב איז געווען ר' שמעיה בטלן. איהר קענט דאָך די סחורה, און פאַר איהם האָב איך זיך דאָס געשראָקען.

און פון דאַן אָן איז אַלל־ראַיט. איך האָב, אַ דאַנק זיין נאָמען, געכאַפּט דעם שניט פון בלאָפען. יעצט קען איך די אַמעריקאַנישע חכמה.

חכמת הבלאָפען בעשטעהט אין דער קונסט צו קענען אָנטהון יעדעס מאָל אַ נייע הוט, אַ נייע פעל. דערהויפּט איז ניט צו שרעקען זיך פאַר די לייבען... איהר פערשטעהט מיך, קיין לייבען זיינען דאָ ניטאָ...

פּ. גאָסין

פלאַץ פיר א סוכּה

קענט איהר מיר ניט זאָגען, ר׳ איד, וועלכע קאַר (טראַמוואַי) געהט אין טשערי סטריט? וואָס דאַרף איך אין טשערי סטריט און ווי קום איך אַהער? איך וואוין אין טשערי סטריט, וואוין איך. און ווען ניט סכות, וואָלט איך דאָ ניט פערבלאָנדזשעט און ניט וויסען ווי אַרויסצוקריכען...

ס׳האַנדעלט זיך וועגען אַ סוכּה, האַנדעלט זיך. איך האָב געוואָלט מאַכען אַ סוכּה פאַר יום טוב, איז וואוין איך דאָך אין טשערי סטריט. די גאַנצע גאַס איז פול געפּאַקט מיט גרויסע, הויכע הייזער, געבויט אָהן אַ טאָלק און אַ לאַד, ממש ניט אַ שפּילקע דורכ־צוּוואַרפען. כ׳האָב גענומען זוכען אַ שטיקעל פּלאַץ פאַר אַ סוכּה, איז — ניט פון אָרט. איהר זאָגט אויפ׳ן „רוּף״ איז דאָ פּלאַץ? כ׳בין אויך געווען אזא חכם, געוואָלט בויען די סוכּה אויפ׳ן דאַך, איז דאָרט פול מיט שטריק, וואָס די שכנים הענגען אויף זיי זייער וועש... צווייטענס, וויל דער לענדלאָרד ניט ערלויבען. „ס׳איז ניט שניפּישאָק״ זאָגט ער. דריטענס, וואו קריגט מען סכך אין טשערי סטריט? איהר׳ט שוין אַמאָל געזעהן סכך אין טשערי סטריט? פערלאָז איך מיין פּושקאַרט און געה זיך נאָכפרעגען ביי דעם, ביי יענעם וועגען פּלאַץ פאַר א סוכּה. בעגעגען איך אַ אידען מיט אַ קאַפּעליוש, מיט א פּאָר ווענצלעך אין סאַמע ריווינגטאָן סטריט, שטעהענדיג ביי א פּושקאַרט מיט באַנאַנעס. געה איך צו צו איהם און פרעג איהם: „מיסטער, ווייסט איהר ניט, וואו מען קען דאָ קריגען פּלאַץ פאַר א סוכּה?״ אַז ער לאַכט זיך דאָס פאַנאַנדער — „מי נאָ ספּיק״, מאַכט ער. אַלע בייזע חלומות צו זיין קאָפּ!... אַ איטאַליענער גאָר!...

טרעף איך אַ צווייטען אידען, וועלכער איז געשטאַנען מיט א פּושקאַרט אתרוגים, לולבים און פּינאַטס. פרעג איך איהם: „מיסטער, ווייסט איהר ניט, וואו מען קען דאָ קריגען פּלאַץ פאַר אַ

סוכה?" „פּלאַץ פאַר א סוכה? דאַכט זיך, וואַרט א ווײַלע... אין דער 5טער סטריט. דאָרטען האָב איך געזעהן א שטיקעל פּלאַץ." קום איך אהין, בעטראַכט דעם געגענד, זוך א לעדיגען פּלאַץ, ערשט — ווער? וואו? ווען? די אייגענע שטיקעניש, די זעלבע גרויסע הייזער ווי אין טשערי סטריט...

כאַפּ איך א יונגענמאַן און פרעג איהם: „מיסטער, ווייסט איהר ניט וואו מען קען דאָ קריגען פּלאַץ פאַר א סוכה?" פאַלט ער אָן אויף מיר: „דאָ געהט איהר זוכען פּלאַץ פאַר סכות!" כאַפּט דיך דער וואַטענמאַכער, וואָס ביזטו אַזוי אין כעס? טראַכט איך און געה מיר אוועק ווייטער. בעגעגען איך אַזוי אַן אַנשטענדיגען אידען מיט א שנעע־ווייסער באָרד און פרעג איהם געלאַסען: „מיסטער, ווייסט איהר ניט, וואו מען קען קריגען פּלאַץ פאַר א סוכה?" „הא, פּלאַץ פאַר א סוכה? איך האָב טאַקע געזעהן א לעדיגען פּלאַץ פאַר צוויי יאהרען, ס'איז אפילו אַרומגעצאַמט מיט ברעטער, אבער ס'איז אָל־ראַיט, ס'כאַפּט אין דער 111טער סטריט." לאָז איך זיך גלייך אהין און געהענדיג טראַכט איך: וואָס פאַר א פערגניגען ס'איז געווען אין גלופּסק! אמת, איך האָב דאָרט ניט געהאַט קיין שטאָדט אין „שטיבעל", אמאָל ניט אַריינגעלאָזט צום שלוש סעודות, דערפאַר אז ס'פלעגט קומען אַן ערב יום טוב, איז דאָך טאַקע געווען א פערגניגען. פּלאַץ? — וויפיעל דו ווילסט. ווילסט בויען א סוכה? — בוי. דיר ווילט זיך למשל לעגען שלאָפען אויף דער פרייער לופט? — לעג זיך. און דאָ? א קלאָג מעג קומען אויף אַמעריקא!... קום איך אין דער 111טער סטריט און וואַרף מיין אויג: גרויסע מויערען, נאָך גרעסערע ווי אין טשערי סטריט... פון א לעדיגען פּלאַץ איז אָבגערעדט... לויף איך שוין אַריין אין א קלייט דאָרט און פרעג: „מיסטער, ווייסט איהר ניט וואו מען קען דאָ קריגען פּלאַץ פאַר א סוכה?" שיקט ער מיך אָב אין דער 180טער סטריט. איך קום אהין — דאָס אייגענע וואָס אין טשערי סטריט. מילא, איך וועל קיין פולע ניט מאַריך זיין. ס'איז ערב יום טוב. פון דער 180טער סטריט האָט מען מיך אָבגעשיקט אַזש אהער, ווי רופט איהר דאָס? יאָנקערס? זאָל זיין יאָנקערס. צי

קען מען אויך דאָ קיין פּלאַץ ניט געפינען? און דאָ איז שוין נאַכט... וואָס טהוט ניט אַ איד צוליעב אַ מצוה?

האָט קיין פּאַראיבעל ניט, וואָס איך האָב אייך געדרעהט אַ קאָפּ. זאָגט מיר, איך בעט אייך, וועלכע קאַר געהט אין טשערי סטריט? דאָס איז זי? אַ שעהנעם דאַנק אייך...

י. גאָרדין

די נייע קאָפּעריישען

1.

אין האָלסייל געשעפט פון מיסטער דייוו דזשעסקעס (דוד יאָסקעס בל״ע״ז) איז שטיל. די קלערקס שטעהען אָבגעזונדערט און וואַגען ניט צו רעדען הויך; די שעהנע בוכהאַלטערין לינאַ, וועלכע האָט שטענדיג די פּריווילעגיע צו לאַכען אין סטאָר, — לאַכט ניט היינט; ער, דער באָס אליין, מיסטער דייוו דזשעסקעס, זיצט מיט אַן אָראָבגעלאָזענע „נאַזע" און מיט אַ פּערלאָשענעם סמוקער אין האַנד. מען קען מיינען, מיסטער דזשעסקעס פּלאַנעוועט איצט ווי צו מאַכען אַ פייער, אָדער צו שפּיעלען אַ טריק די קרעדיטאָרען, אָדער ווי צו קורירען זיך פון דיספּעפּסיע. אין דער ווירקליכקייט אָבער זיינען די געדאַנקען זיינע ווייט פון פייער און דיספּעפּסיע. ביי איהם איז אַלעס אָלל ראַיט, אָבער ניט אָלל ראַיט איז מיסים דייוו דזשעסקעס. זי איז געקומען, ניט פאַר אייך געדאַכט, פון דער קאָנטרי מיט אַ בּים און האַלט זעהר שמאָל...

מענשען! נעהמט אייך אַראָב אַ מוסר פון מיסים דזשעסקעס, פאַר דער קאָנטרי האָט זי געהאַט, קיין עין הרע, צוויי הונדערט און אכט און פופציג פונט און נאָך דער קאָנטרי איז זי געקומען מיט צוויי אָקעס פלייש און שמאַלץ מעהר. אויף דער פּיאַזע אין האָטעל איז פאַר איהר געשטאַנען אַ ראָקינג־טשער עקסטראַ סייז. ניט אנדערש ווי בעהאַנגען און בעפּוצט מיט אַלערליי דזשועלערי פלעגט זי זיצען אויף דער פּיאַזע און שאָקלען זיך ביז דער גלעקעל האָט גערופען עסען. אָבגעגעסען — ווידער געשאָקלט זיך ביז דער גלעקעל האָט גערופען עסען, ווידער אָבגעגעסען און ווידער געראָקט זיך, און ווידער געזעסען און געראָקט זיך ביז׳ן שלאָפען... אויסגעשלאָפען זיך און געראָקט זיך ביז׳ן עסען. פּלוצלונג איז געקומען אויף דער פּיאַזע צופליהען אַ קליינע חיה׳לע „זים, זים, זים" האָט זי געזוכט און געזוכט אַ פּאַסענדע סטאַנציע. מיסים

דזשעסקעס גלאַנצענדע באַק האָט געוואָונען איהר סימפּאַטהיע. די באַק האָט באַלד אָנגעהויבען צוצונעהמען און צוצונעהמען און די דאָקטוירים זאָגען: עס קען אזוי לאַנג צונעהמען, ביז וואַנען עס וועט צונעהמען אין גאַנצען. אי! וואָס איז אַ מענש!....

זיצט מיסטער דייוו דזשעסקעס און טראַכט ערנסט און שטאַרק: אַ פּיונעראַל, ער — אַן אַלמן. שעהנע בוכהאַלטערין לינאַ, אַן אָנדערטייקער, אַ רעווערענד, קרענצע פון די קינדער, פון די קלוירקס, אַלע שכנים קוקען, פיעל קערעדזשעס, אַ שעהנער פּאַראַד...

ער גיט אַ שווערען זיפץ, די נאָזע אַקאָמפּאַנירט צו און גיט אַ פּייף, די קלוירקס האַלטען זיך ווי ערנסטע מענשען, נור די שעהנע בוכהאַלטערין לינאַ שיסט אוים מיט אַ פערדריקטען קוויטש, פאַר־כאַפּט זיך באַלד און וויל איינשרייבען אין בוך נאָך אַ נול. די פעדער אָבער מאַכט אַ בולבע און לינאַ בלייבט ערנסט.

2.

מיסים דזשעסקעס איז געשטאָרבען — ברוך דין אמת! אַ קערידזש פול מיט בלומען פיהרט זי איבער'ן טייך קיין ברוקלין. נאָכ'ן בר־מנן ציהט זיך אַ לאַנגער צוג מיט קערידזשעס, אין וועלכע עס הערען זיך פרעהליכע, קינדערשע שטימען און זעהען זיך פיעלע צופריעדענע פּנים'ער. עס איז קיין חדוש! אין אַמעריקאַ פאָהרט מען אין קערידזשעס נור צו אַ לויה אָדער צו אַ חופּה. און יעדען פרעהט דאָס פערגניגען צו האָבען אַ „פּרי ראַיד"...

אין ערשטען קערידזש פאָהרט נעביך דער אַלמן, מיסטער דזשעסקעס און מיט איהם דער ראַבינער פון דער קאָנגרעגיישאָן „אנשי בני רצוצים", רעווערענד מאָזעס קלאַטשע. מיסטער דזשעס־קעס זיפצט און רעווערענד קלאַטשע רויכערט אַן אמת'ען עכטען „שנאָר" סיגאַר.

אָה, הערר ראַבינער! זאָגט מיט אַ וויינענדיגע שטימע מיסטער דזשעסקעס, זי איז געווען אַ פרוי, אַ זעלטענהייט. פערציג יאָהר געלעבט. טשיקען סאַלאַד פלעגט זי מאַכען, פונקט זי זאָל זיין אַ

געבאָרענע אַמעריקאַנערין, זי האָט געהאַט אַ רוהיגען און אַ געזונדען כאַראַקטער — זי האָט געשוויגען און געגעסען, און איצט...

רעווערענד מאָזעס קלאַטשע, ביי וועלכע דאָס מויל איז געווען פול מיט רויך פון זיין סיגאַר, האָט געפונען אַז פונקט יעצט פאַסט ניט ארויסצולאָזען דעם רויך פון מויל. ער האָט געוואָלט דעם גאַנצען רויך אַראָבשלינגען און האָט זיך שטאַרק פערהוסט און פערפערבעט. ביז'ן הייליגען אָרט האָט דער רויך דעם ראַבינער געקיצעלט און ער האָט ניט אויפגעהערט צו הוסטען. מיסטער דזשעסקעס האָט געזיפצט און די פערד זיינען געגאַנגען מיט קליינע לאַנגזאַמע טריט.

ענדליך איז געקומען די לעצטע שרעקליכע מינוט. דער ארון איז געשטאַנען נעבען אָפענעם קבר, נאָהענט דערביי דער אַלמן און זיינע קינדער אין טרויער. ביי די אבלות זיינען ניט נור די שווארצע קליידער שוין געווען ארומגעטרימט מיט ווייסע טאַסמעס, נור אפילו די נאַז־פאַטשיילקעס זיינען געווען אמת'ע עכטע טרויער־אוניפאָרם, כדת המאָדע. די קרובים האָבען געוויינט, גוטע פריינד האָבען געהאַלטען לאָפּעטעס, יעדער האָט געוואָלט פערדיענען אַ מצוה ביי מיסים דזשעסקעס. דער שמש האָט געזאָגט אַ געדונגענעם יתגדל ויתקדש, די איירישע דרייווער'ס האָבען אַנטקעגען אין אַ סאַלון געטרונקען ביער און געקיימט טשו טאָבעקאָ, די פערד, בעדעקט מיט ווארימע דעקען, האָבען געגענעצט און געסקריפּעט, און דער רעווערענד, ביי וועלכען דער רויך האָט נאָך אַלץ געריסען אין האַלז, האָט זיך אויסגעהוסט, לאַנזאַם אויסגערייניגט זיין סאָלידע דייטשע נאָזע מיט אַ גרויסען ווייסען שנופּטוך און האָט אָנגעפאַנגען:

„ברידער אונד שוועסטער! דער קעניג דאַוויד האָט געזאָגט: היוודך עפר (האָיאָדך האָפאַר) גאָט אָף איזראַעל, קען דיך לויבען אש? ברידער און שוועסטער, בעטראַכטעט דיעזע טויטע פרוי, ווארום ווען מען זעהט פאַר זיך אַ טויטען, פערשטעהט מען, דאָס ווען מען שטאַרבט, לעבט מען שוין ניט מעהר, אָה! ניין! זי איז געווען אַ שטילע, אַ פיינע, אַ גוטע, אַ ליעבענסווירדיגע, אַ טוגענד־האַפטע פרוי, אַ מוסטער פון אַ מוטער, אַ געבילדעטע נאָבעלע בת ציון, אַ פרוי איזראַעליטין, אַ צדקות אונד דאָך, אַז מען שטאַרבט

איז מען געשטאָרבען, יו קענט העלפ איט. א גרויסער פילאָזאָף האָט א מאָל געזאָגט: איך גלויב ניט אין גאָט, און דאָך ווען ער איז געשטאָרבען איז ער געווען טויט. נון, וואָס איז פילאָזאָפיע? א מיליאָנער האָט א מאָל געפראַהלט: ער איז רייך, און דאָך, ווען ער איז געווען טויט, האָט ער מעהר ניט געלעבט. נון, וואָס איז רייכטהום? א גרויסער העלד האָט א מאָל זיך בעריהמט: איך בין שטאַרק, און דאָך ווען ער איז געווען טוידט, איז ער געווען א געשטאָרבענער. נון, וואָס איז שטאַרקייט? וואָס איז איבערהויפּט א מענש, וואָס איז א וואהרער איזראַעליט? זאָל אייך דיעזער געמאַהל, וועלכער בעווייננט יעצט זיינע פערלאָרענע געמאַהלין זיין צום ביישפּיעל: ער איז איין טרייער איזראַעליט, א גוטער ביזנעס־מאַן, איהם האָט יעצט גאָט געהאָלפען, זאָל דער אַלמעכטיגער אזוי העלפען אַלע אידען ונאמר אמן."

וועהרענד דער ראַבינער האָט געהאַלטען זיין מערקווירדיגע רעדע, האָבען אַלע ביטער געוויינט און מיסטער דזשעסקעס האָט זיך געווענדעט צו זיינע קלוירקס מיט א יאמער־געשריי: „איהר זעהט, וואָס אונזער סוף איז? איך דאַרף ניט מעהר. וואָס דאַרף איך רייכטהום? וואָס דאַרף איך זיין אַ העלד? וואָס דאַרף איך זיין א פילאָזאָף? נאָ מאָר!... איך קען מעהר ניט און וויל מעהר ניט פיהרען קיינע ביזנעס... נעהמט דעם סטאָר... פיהרט, האַנדעלט — זאָלען מיר זיין א קאָאָפּערייישען! אַ נייע קאָאָפּערייישען! אָה! מיין ווייב! מיין סעראַה!... וואָס דאַרף איך, ווען זי איז ניטאָ?"

3.

אין סאַלון האָבען אַלע גענומען צוביסלעך וויסקי, פערביסען מיט קעז און שפּעט ביינאַכט איז מען געקומען אַהיים.

אין דער פריה האָט מען פון סטאָר אָראָבגענומען די טרויער־אַנאָנסע. די קלוירקס האָבען זיך געשטעלט אויף זייערע פּלעצער און לינאַ די בוכהאַלטערין האָט זיך געזעצט ביי איהר דעסק און האָט בעצייטענס אָנגעהויבען קנייפּען איהר לאָנטש, קייען און לאַכען. מיסטער דזשעסקעס איז געקומען אין סטאָר שפּעט. ער האָט געהאָט זעהר א זויערען און בייזען פּנים. אויף זיין צילינדער איז געווען אָנגענעהט א שוואַרצע שטיק טרויער־טוך. „פאַר וואָס

טהוט איהר גאָר ניט? — האָט ער אַ געשריי געטהאָן צו די קלויערקס — איהר קענט זיך ניט געפינען קיין ארבייט?"

לינא האָט אַ לאַך געטהאָן און האָט אויסגעשריען: „זיי מיינען, דאָס זיי זיינען מיט אייך יעצט פּאַרטנערס, יו נאָו. אַ נייע קאָאָפּערײשען..."

„אַ קאָאָפּערײשען מאַכען און שותפים זיין איז גוט דאָרט, אויפ'ן בית עולם. דאָ אָבער, עווערי באדי מאַינד יור ביזנעס..." מיסטער דזשעסקעס האָט עס געזאָגט מיט גרויס ווירדע און האָט זיך צוגעבויגען אַ קוק טהון אין בוך וואָס לינא שרייבט. זייערע אויגען האָבען זיך בעגעגענט און ביידען איז געקומען אַ געדאַנק פון אַן אנדער קאָאָפּעריישען...

אַרונטער מיט די פּיאַטעס

1.

דער מיטינג איז געווען זעהר אַ וויכטיגער און דאַרום זיינען אַלע ברידער פון „אגודת בני פּזור קראַנקען אונטערשטיצונג פערעיין“ געזעסען אויף זייערע ערטער, ווען דער ברודער פּרעזידענט האָט דריי מאָל אַ קלאַפּ געטהאָן מיט זיין האַמער, דריי מאָל אַ הוסט געטהאָן, דריי מאָל אַ שנאָרך געטהאָן מיט זיין נאָז און האָט אָנגעפאַנגען, לאמר, אַזוי צו זאָגען:

„געליעבטע ברידער פון האַרצען! אונזער טאַגעס־אָרדנונג פון דער געמליכער פערזאַמלונג פאַנגט זיך אָן מיט דער וויכטיגער פראַגע: אַרונטער מיט די פּיאַטעס, אַלזאָ געוועהנליך מוזען מיר צום ערשטען דעבאַטירען די פראַגע פון אַרונטער מיט די פּיאַטעס.

„עס איז גאַנץ עגאַל פיר יעדערען דאָס ברודערליעבע און הומאַניטעט זיינען די פּרינציפּיעלע שטאַנדפּונקטען פון אונזער „בני פּזור קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין“, אַלזאָ האָבען מיר אין אַלגעמיין פאָרהער פון אַלערדינגס געקויפט פיר אונזער געלד עטליכע לאָטס ערד צו בעגראָבען אונזערע זעליגע און גאָטעס זעליגע ברידער. אונגליקליכערווייזע עקזיסטירט דאָ אָבער איין „בני דלפון קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין“ וועלכער, געוועהנליך, בעגראָבט אויך זיינע ברידער און נאַטירליך נעבען אונז, אַ לאָט נעבען אַ לאָט ווי אַ קישען נעבען אַ קישען אין אַ דאָבעל־בעט. אין דעם פערלויף פון אַ קורצע צייט צוריק איז ביי זיי געשטאָרבען אַ גאָטזעליגער ברודער און זיי האָבען איהם זאָ בעגראָבען, דאָס ער איז העריין מיט זיינע בני דלפון אונטערשטיצונגס פיס גראַדע צו די בני פּזור אריין, זאָ צו זאָגען, אין האַלז אריין, דאַרום —

„אין אַנבעטראַכט דאָס מיר זיינען אגודת בני פּזור קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין און זיי זיינען ניט מעהר ווי, עקסקיוז מי, בני דלפון אונטערשטיצונג פעראיין;

„אין אַנבעטראַכט דאָס קריכען מיט פרעמדע פּיאַטעס אין אַ פרעמדען „היילינ אָרט" איז געגען די געזעצע, געגען די לאָא און געגען מאָראַליטעט;

„אין אַנבעטראַכט דאָס די גאָטזעליגע מעמבערס פון די בני דלפון האָבען אונז צוגעפינט טראָבעל און דעמעדזשעס אויף טויזענד דאָלאַר, איז בעשלאָסען אויפצופאָדערן די ברידער פון בני דלפון צו בעצאָהלען די בני פזור טויזענד דאָלאַר, און ווען ניט דאַן נעהמען מיר אַ פּראָמינענטען לאָיער און אַרונטער מיט די גאָטזעליגע פּים! אַרונטער מיט די בני דלפון פּיאַטעס!..."

די גלענצענדע רעדע פון פּרעזידענט האָט בעגייסטערט אַלע בני פזור און זיי האָבען געשלאָסען דעם מיטינג מיט ווילדע געשרייען: „אַרונטער מיט די פּיאַטעס! אַרונטער!..."

2.

דער צווייטער מיטינג איז געווען נאָך וויכטיגער. דער בני דלפון קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין האָט געשיקט דעלעגאַטען צו די בני פזור קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין. דער האָל, וואו עס איז געווען אַ בית המדרש, אַ טאַנץ־קלאַס און אַ פינף־סענטיגער לאָדזשינג הויז, איז געווען געפּאַקט. דער פּרעזידענט האָט געהוסט מיט צוויי טענער העכער, דער וויצע־פּרעזידענט האָט זיך פערקאַמט, אַבוואָהל דער מיטינג איז געווען אין מיטען דער וואָך, דער סעקרעטער האָט זיך אויסגעפּוצט די שטיוועל. אַלעס איז געווען יום־טוב'דיג.

„געליעבטע ברידער פון מיין הארצען, — האָט אָנגעפאַנגען דער פּרעזידענט — די געליעבטע ברידער פון בני דלפון האָבען אונז געשיקט עלף דעלעגאַטען און געוועהנליך איז זייער קרעדענשיעל אָלל ראַיט, אַלזאָ, געהערט דאָס וואָרט צו די דעלעגאַטען. איז אונטערשטיצט? אונטערשטיצט!

דאַן האָט זיך געשטעלט איינער פון די עלף דעלעגאַטען און האָט אָנגעפאַנגען, לאמר, אזוי צו זאָגען:

„דאָס עקזעקוטיוו קאָמיטע פון „אגודת בני פזור קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין" האָט זיך געווענדעט צום באָארד אָף טראָסטים פון בני דלפון קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין מיט דער אויפפאָדערונג, דאָס דער בני דלפון קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין זאָל געבען אַ סאַטיספעקשאַן דעם בני פזור קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין זאַ ווייל די מעמבערם פון בני דלפון קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין האָבען ניט דאָס רעכט צו קריכען מיט זייערע פיס צו די בני פזור קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין. יעצט זיינען מיר די דעלעגאַטען פון די בני דלפון קראַנקען אונטער־שטיצונג פעראיין אויף דער פערזאַמלונג פון בני פזור קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין. וואָס קענען זאָגען די פאָרשטעהער פון אונזער קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין צו די מעמבערם פון אייער קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין? געוועהנליך, טויזענד דאָלאַר פערלאַנגט דער בני פזור קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין און נאַטירליך זאָגאַר איין סענט וועט ניט געבען דער בני דלפון קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין! (שט! שטיל! אָרדער! אָרדער! פאַר וואָס קומט דאָס זיי? אַ מכה! אָרדער! כריאַקע ניט! דער האַמער קלאַפּט, דער דעלעגאַט זאָגט ווייטער) די אור־זאַכע דערפון איז: די בני דלפון האָבען בעגראָבען זייער ברודער אין אָרדנונג און וואַרום דער גאַטזעליגער איז אַליין אָהן דער בעשטימונג פון די ברידער, אַריינגעקראָכען מיט די פיס צו די בני פזור, דאַרף ער אַליין פעראַנטוואָרטליך זיין. צווייטענס, אום צו פערמיידען קריעג ערלויבען מיר אייך אייערען אַ גאָטזעליגען ברודער צו בעגראָבען אַזוי, אַז אַנשטאָט אונזער גאָטזעליגען'ס פיס זאָל ליעגען ביי אונז אייער גאָטזעליגער קאָפּ. דריטענס, ווען איהר קענט דורך פּאָליציי אָדער מיט אַ מאַרשאַל צווינגען דעם גאָט־זעליגען ער זאָל זיך מיט זיינע פיס ארויסקלייבען פון הייליג אָרט, האָבען מיר גאָר ניט דאַגעגען. דאָס איז דער אַנטוואָרט פון בני דלפון קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין צו די אגודת בני פזור קראַנקען אונטערשטיצונגס פעראיין."

דאָ איז געוואָרען פון מיטינג אַ מיש־מאַש! הא? שאַ! אָרדנונג! האָבען געדונערט אַלע מעמבערס, די דעלעגאַטען האָבען

געמאַכט מיט די הענד, דער פּרעזידענט האָט געקנאַקט מיט'ן האַמער און דער גאַנצער האָל האָט ווידער געטוישט פון די קולות און ווילדע געשרייען: אַרונטער מיט די פּיאַטעס! אַרונטער מיט די פּיאַטעס!

3.

די אָרימע אַלמנה פּראַדע האָט זיך גוט אויסגעוויינט פאַר'ן שלאָף. זי האָט זיך צוגעדעקט מיט אַלטע שמאַטעס און איז אַנשלאָפען געוואָרען מיט אַ שווערען, אונגעזונדען, אונרוהיגען שלאָף... פּלוצלונג הערט זי די טהיר עפענט זיך און איהר געשטאָר־בענער מאַן געהט אריין אַן אויסגעדאַרטער, אַ בלאַסער, מיט אַ טרויעריג געזיכט...

געה צו דיין רוה, וויל זי זאָגען, אָבער איהרע ליפּען בעוועגען זיך ניט און דער טויטער טרעט צו נאָך נעהענטער און זאָגט שטיל: פּראַדע! איך הער יעדען טאָג ווי מען טרעט מיין קבר מיט די פיס, מען בעליידיגט מיך, מען קריגט זיך איבער דעם וואָס מיינע פיס ליגען אויף אַ פרעמדע שטיקעל ערד... איך בעט דיך, פּראַדע, געה זאָג זיי: איך בין געווען אַ שוירטמייקער און האָב מיין גאַנצען לעבען ניט געהאַט קיין מעגליכקייט אויסצוציהען מיינע אויס־געדאַרטע פיס. בייטאָג בין איך געזעסען צוזאַמענגעבויגען און צונויפגעקאָרטשעט ביי דער מאַשין און ביינאַכט בין איך געווען צוזאַמענגעשרומפּפט פון קעלט און קראַנקהייט... נאָר נאָך מיין טויט איז מיר ענדליך געלונגען מיך און מיינע צונויפגעקאָרטשעטע פיס אויסצוציהען...

די אָרימע אַלמנה וויינט פון שלאָף מיט אַ שטילען טרויעריגען געוויין... אוי! אוי! קרעכצט זי לאַנגזאַם און דער זייגער קלאַפּט צוועלף...

ניט פיק און ניט ניק

(ערצעהלונג פון אַ מעמבער פון די „בני לעקיש בער".)

אזוי ווי עס קען ניט זיין קאַלט אָהן קעלט און שבת־צו־נאַכט יום טוב אָהן יקנה"ז; אזוי ווי עס קען ניט זיין ליכטיג אָהן ליכט און שבועות אָהן אקדמות מילין, און אזוי ווי עס קען ניט זיין נאַס אָהן פייכטקייט און יום־כפור אָהן כפרות, אזוי געוועהנליך בין איך אַ מעמבער פון דער בעריהמטער סאָסייעטי „אגודת אחים בני לעקיש בער"...

אַלזאָ קומט צוגעהן אַ ברודער פון אונזער סאָסייעטי „אגודת אחים בני לעקיש בער" און שלאָגט מיר פאָר אַ רעזאָלוציאָן איך זאָל ערוורבען, געוועהנליך, אַ טיקעט אויף דעם פיקניק פון דעם פעסט טאָג פון דער סאָסייעטי פון „אגודת אחים בני לעקיש בער". ביקאָז איך בין אַ מענש, ביקאָז איך בין אַ איד און ביקאָז אין בין אַ מעמבער האָב איך באַלד אַרויסגענומען פון טאַש, געוועהנליך, דעם לוח און האָב געפרעגט: „ויהי היום? וואָס פאַר אַ טאָג? — מאָנטאג דעם נייטנטען סעפּטעמבער. — מה יקר? — פינף און צוואַנציג סענט. — קען מען ניט ביליגער? איך בין דאָך אַ מעמבער און צאָהל געלד פאָראויס? געוועהנליך, אַלזאָ וואו איז דער פּלאַץ? „וואודלאנד אמעריקען־סופּיריאָר־קאַר־עקסעלזיאָר פּאַרק־גאַרדען". די קאַר פאָהרט אריין מיט'ן דישעל גראדע אין מיטען פּאַרק אריין. די לופט איז פריש ווי די זון, די בוימער זיינען גרין ווי דער קלאָרער מאָנד מיט די שטערען, די בלומען שמעקען ווי אַ גוטער ראָסעל־פּלייש.

געוועהנליך, מען זיצט גאַנצע יאָהרען אין ענגע רומס, שמוציגע גאַסען, שטויביגע סטאָרס, פינסטערע שאָפּס און מיין ווייב איז דאָך אַ אידענע, האָבען מיר אַלזאָ גענומען צוויי גרויסע באָקסעס מיט הערינג, ציבעלעס, ברויט, זאַלץ, פעפער, אייער, פּעלעשקעס,

דאָיפּערס, נאָז־טיכלעך און אַנדערע פּראָוויזיאָנען און מאָנטאָג פריה האָב איך מיט מיין ווייב און מיט מיין יענקעלע, בערעלע, איצעלע, מאַקסי, מאַיק, זשעני, געסי, עסטי, פעני, זוזי, ליני און זאָגאר אויך די קליינע ביבי אייבי זיך צור רייזע פערטיג געמאַכט, פּלעזשור צו האָבען און זיך אַמוזירען און צוואר מיר זיינען צו דער „קאַר“ געקומען און דער פּיקניק האָט זיך אַנגעפאַנגען.

אַלזאָ מען שטעהט און מען וואַרט, די וואַגאָנעס זיינען געוועהנליך אַנגעשטאָפּט ווי פעסלעך מיט הערינג. די קאָמיטע־מענם פון דער סאָסייעטי פון „אגודת אחים אנשי לעקיש בער“ לויפען מיט זייערע סיינס, די מעמבערס שטופּען זיך, די קינדער שרייען, דער קאָנדוקטאָר פּייפט, דער פּאָליסמאַן שטויסט, היים, שטויב א פולער מויל... און קיין פּלאַץ איז זאָגאר ניטאָ. ענדליך מיר זיינען דאָך אריינגעקוועטשט געוואָרען אין „קאַר“. די קינדער פּישצען, די ווייבער קוויטשען, מען שטעהט אויף די קעפּ, א שכור׳ער איירישמען דריקט מיך פון הינטען; אַן אַלטע ניגערקע פרעסט מיך פון פאָרענט. די קינדער צווייט און צושפּרייט, מיין פרוי קרעכצט און פון די באקסעס שיטען זיך אוים די אייער, די זאַלץ, דער פעפער פליהט אין די נעזער און די גאַנצע קאָמפּאַני ניעסט, הוסט, פערכעט, בייזערט זיך און שוויצט. אָבער געוועהנליך פּלעזשור איז פּלעזשור און פּיקניק איז פּיקניק.

אַלזאָ, מען פאָהרט און מען פאָהרט, ענדליך א געשריי: טשענדזש קארס! ווידער שטויב, ווידער געשטאַנען זאָגאר צוויי שטונדען און ווידער דורכגעבויערט זיך א פּלאַץ אויף דער קאַר און ווידער געפאָהרען. נאָך אַמאָל, געוועהנליך, בייטען קארס און ווידער געשוויצט. איין באָקס צוריבען אויף אַש. מיין זוזי האָט פערלאָרען א שיבעל. מיין מאַדאַם׳ס ווייסע קלייד בעשפּריצט מיט טשו טאָבעקאָ, מיינע הענד געשוואָלען און געדראָלען און מיינע זייטען צושטאָכען און צובראָכען און מען פאָהרט אויפ׳ן פּיקניק.

ענדליך הערט מען דעם לאַנג־ערוואַרטעטען שופר של משיח — דער קאָנדוקטאָר שרייט: „אָלל א באָארד!“ און מיר בלייבען אין א וויסטען אָרט... בערג מיט זאַמד, צוואָרפענע שטיינער, פער־טריקענטע געלע גרעזלעך.... ווייט ערגעץ רוישט אַן אייזענבאַהן־צוג

און די זון באַקט אַז מיר ווערען אַלע געבראָטענע סטייקס. און וואו איז דער בעריהמטער וואודלאַנד־אַמעריקען־סופּיריאָר־קאר עקסעלזיאָר־פּאַרק־גאַרדען? ניטאָ קיין זכר... פּלעזשור איז פּלעזשור. און מיר געהען, אַזוי ווי די אידען זיינען געגאַנגען פון מצרים. פון זאַמד איז באַלד געוואָרען וואָלקענס מיט שטויב, די שטיינער זיינען געוואָרען סטאַנציאָנען פיר קראַנקע און פערוואונ־דעטע. אַ שוק האָט זיך ביי מיר איבערגעריסען אויף צווייען און הייסע זאַמד און שאַרפע שטיינדלעך האָבען געשייערט און גע׳כשר׳ט מיין אָרעמע אידישע פוס... אַי! און די קינדער? די קינדער האָבען שוין נעבעך געשוויגען, וואָרום איך בין, געוועהנליך, ניט אויפגעלעגט געוועזען און האָב זיי אַזאַ פּלעזשור געמאַכט, אַז נאָך אַין אַ וואָך אַרום איז ביי זיי געוועזען דער פּיקניק אָבגעדרוקט אויף דעם געוועהנליכען אָרט פון וואַנען די פיס וואַקסען אַרויס.

פּלוצלונג האָבען מיר דערהערט אַ טראָמבאָן בלאָזט, אַ באַס ברומט, אַ פּויק רוישט, אַ פּיעדעלע זיפצט און מיר האָבען דערזעהען פון דער ווייטען אַ הילצערנע, געוועהנליך, אַ כאַלאַבודקע, נעבען איהר צוויי פּערדאַרטע בוימער און אַן אונטערגעפּוילטע קלאָץ, אויף וועלכע עס איז געהאַנגען אַ סיין: „דהי וואודלאַנד־אַמעריקאַן־סופּיריאָר־קאַר־עקסעלזיאָר־פּאַרק־גאַרדען"... און מיר האָבען זיך געלאָזט לויפען אויפ׳ן פּיקניק מיט אַלע לעצטע קרעפטען.

אַלזאָ זאָל איך אייך דערצעהלען אַז אויפ׳ן פּיקניק איז ניט געוועזען ניט קיין פּיק און ניט קיין ניק, אין פּאַרק איז ניט געוועזען קיין בוימער און אין גאַרדען קיין גרינס? זאָל איך אייך דערצעהלען אַז עס איז ניט געווען וואו צו זיצען, וואו צו שטעהן, וואָס צו עסען, וואָס צו טרינקען? זאָל איך אייך דערצעהלען, אַז די רעדנער פון „אגודת אחים בני לעקיש בער" זיינען הייזעריג געוואָרען, וויי׳ל זייערע העלזער זיינען געוועזען פערשטאָפּט, במחילה, מיט זאַמד? אַז די זינגער האָבען, ווי געוועהנליך, ניט געזונגען און די טענצער ניט געטאַנצט?... אַ טעררי בעל דעי! קוים האָבען מיר געהאַט די פּלעזשור צורוקען זיך צום בעריהמטען פּאַרק, איז דער הימעל ברוגז געוואָרען אויף די בני לעקיש בער. וואָלקענס האָבען אונז בעדעקט ווי מיט אַ יאַרמעלקע, אַ ווינד האָט איבערגעקעהרט דעם גרענד־

מאַרשאַל אַליין מיט די פּיס אַרויף און דעם ברודער פּרעזידענט אַריינגעבלאָזען אַ זשמעניע זאַמד אין נאָז אַריין, דער דונער האָט אָנגעהויבען דונערען, דער בליץ בליצען און דער רעגען רעגענען.

געוועהנליך זיינען מיר געקומען אַהיים שפּעט אין דער נאַכט. נאַס, הונגעריג, בייז, מיעד, צובראָכענע פּיס, צוריסענע שטיוועל, צוקנייטשטע קליידער, געשוואָלענע זייטען, פּערקיהלטע נעזער, פּערדאָרבענע מאָגענס, פּערשטויבטע געזיכטער, קראַנקע אויגען און... נאָ מאָר! קומט יעצט געוועהנליך אַ ברודער פון אַ לאָדזש אָדער אַ גענאָסע פון אַ סאָסייעטי און עפּענט נאָר דעם מויל און זאָגט: פּיק... שריי איך שוין אַלזאָ: ניין! ניין! ניט פּיק און ניט ניק!

דאס גרויסע געווינס

פון דער חברה אנשי בני יקנהוז.

1.

די גרויסע עקסטרא פערזאמלונג פון אלע ברידער פון דער צהאלרייכער לאדזש „חברה אנשי בני יקנהוז נומער זיעבען אף דהי גרייט ארדען סאנס אף אייזיק אף דהי יונייטעד סטייטס אף אמעריקא“, האט שטאטגעפונען די ערשטע נאכט חול המועד אין איינעם פון די צימערען פון „דהי גרייט פלעזשור אלימפיק אסטראַ־נאמיע האלל“.

דאס פראכטפאלע צימער איז געווען רייך אילומינירט פון זעקס גאז־רעהרען, פון וועלכע צוויי האבען ניט געהאט קיין ברענערס און דער גאז האט פון זיי געשאסען מיט א גרויסען פייף־קוויטש און האט געהוזשעט ווי א פאנטאז. דערפאר אבער איז אויף די איבריגע רעהרען געהאנגען אזוי פיעל גראבע שווארצע פאסען פון שפינוועבס, דאס זיי האבען אויסגעזעהן ווי מאסטען פון א שיף, בעפעסטיגטע מיט שטריק, בעשמירט מיט סמאלע. פון איין זייט, געוועהנליך, א הויכער שטוהל און צוויי קלענערע שטוהלען פאר'ן ברודער פרעזידענט און צוויי טראסטים; פון דער אנדערער זייט דאס זעלבע פאר'ן ברודער וויים־פרעזידענט און מעמבערס פון דער עקזעקוטיווע. אין מיטען ביים וואנד א טישעל פאר דעם גרויסען און געלעהרטען מענטאר פון דער לאדזש „חברה אנשי בני יקנהוז נומער זיעבען אף דהי ארדען סאנס אף אייזיק אף יונייטעד סטייטס אף אמעריקא“.

געגען דעם מענטאר'ס טישעל איז געשטאנען דער ארון קודש פון דעם „בית המדרש אנשי קליוקווע“. דער פרוכת פון ארון קודש איז געווען פערשמאלצען ווי דער פארטוך ביי אן אשת חיל, וואס האנדעלט מיט פיש אין שעריף סטריט. דערפאר האבען די מייז

צוגריזעט דעם מגן דוד און צוקראַצט דעם חלב, וואָס האָט זיך אָנגעגאָסען פון אַ צושמאָלצענע ליכט; צום ארון קודש זיינען געווען צוגערוקט צוויי ביינק, אויף וועלכע עס זיינען געלעגען אַן אַלטער צוריבענער מאַטראַץ און אַ קאָלדרע, וועלכע האָט אַמאָל אין די גליקליכע צייטען געהאַט אַ רויטע פאַרב. דאָ איז, געוועהנ־ליך, נאָך די פערזאַמלונגען געשלאָפען אַליין דער הערר הויז־קיפּער פון דער גאַנצער געביידע פון „דהי גרייט פּלעזשור אָלימפּיק אַסטראָנאָמיע האָלל". אויף אַלע ביינק איז געווען אַזוי פיעל שטויב, דאָס אַלע ברידער האָבען אָהן שמעק־טאַבאַק די גאַנצע צייט געניסט און געפּערכעט... און אויסער דעם איז דער רויטער קאַרפּעט אויפ׳ן מיטען פלאָר געווען אויסגעריבען און אויף דעם אויסגעריבענעם מקום איז געלעגען אַ לאַטע פון אַ שטיק ווייסען אילקלאָטה, וועלכער איז געווען אַזוי גראָב, דאָס פאַר איהם פלעגען זיך די ברידער פערטשעפּען מיט די פיס, ווען זיי פלעגען זיך געהן נייגען צום ברודער פּרעזידענט און צום ברודער וויס־פּרעזידענט.

געוועהנליך, יעדער ברודער, איידער מען לאָזט איהם אריין, גיט אַכט מאָל אַ שנעל מיט׳ן גראָבען פינגער אין טהיר... די אַכט שנעלען זיינען גערעכענט אין קבלה׳שע ספירה געגען די י"ב שבטים אָדער נגד די עשרת בני המן. נאָכדעם געהט דער ברודער ביז אין מיטען האָל, נייגט זיך צום ברודער פּרעזידענט און גיט זיך אַ ציה ביים נאָז. דאָס בעדייטעט: אַזוי ווי דער נאָז לויפט פריהער און פיהרט דעם מענשען, אַזוי איז דער ברודער פּרעזידענט די סימבאָ־לישע „נאָזע" פון דער גאַנצער לאָדזש „אנשי בני יקנהוז נומער זיעבען אָף דהי גרייט אָרדען סאָנס אָף אייזיק אָף יונייטעד סטייטס אָף אַמעריקאַ."... נאָכדעם קעהרט מען זיך אום, מען נייגט זיך צום ברודער וויס־פּרעזידענט און מען גיט זיך אַ דרעה ביים אויער. דאָס בעדייטעט: אַזוי ווי אַ הונד, ווען ער כאַפּט דעם חזיר ביים אויער, זאָגט ער איהם: זיי קיין חזיר ניט, אַזוי דאַרף יעדער ברודער פון דער לאָדזש זיין לאָיאַל, גוט און פרום און לייטזעליג. ווען אַלע ברידער זיינען פערזאַמעלט, גיט דער ברודער פּרעזידענט דריי מאָל אַ קנאַק מיט׳ן האַמער, אַלע שטעלען זיך ווי

צו שמונה־עשרה און דער ברודער מענטאָר האָלט אַ תפילה צו גאָט און אַלע ברידער ענטפערן: אָמן, אמען, איימען. „אָמן" אין העברעאיש, ווייל די העברעער זיינען דאָס ערשטע פאָלק דער וועלט; „אמען" אויף דייטש, ווייל די דייטשע יהודים זיינען די בעסטע אידען פון דעם יודענטהום און „איימען" אין ענגליש, ווייל דאָס שמעקט מיט גוטען פאַטריאָטיזמוס.

אַלזאָ, אָמן, אמען, איימען — און דיא פערזאמלונג איז געעפענט. אין צווייטען צימער אַנטקעגען הערט מען אַ געשריי פון אַ רוסישע „זאסעדאַניע"... אַ הייזעריגער באַס שרייט: „קאַקאָיע ווי אימעיעטע פּאָלנאָיע פּראַוואָ? או וסיעך סאָסאיעטאָוו טאַק!" אויבען לערנט זיך זינגען אַ זינגער־פעראיין, אַלע מנגנים חזר'ן צעהן מאָל מיט איין ניגון: „מיר זיינען! מיר זיינען..." און אונטען הערט זיך ווי צוויי פיעדלען ריפּען, אַ צובראָכענע פּאָרטע־פּיאַנאָ צימבעלט, ליידים קוויטשען, דזשענטעלמענער הירזשען, אַ פּראָפעסאָר שרייט: לעפט, ראַיט!... און די טריט טאָפּען: האָפּ! האָפּ!...

אַ פענסטער צום גאַס ווייל זיך בשום אופן ניט צומאַכען: וויפיעל מען קוועטשט איהם ניט אַרויף, גליטשט ער זיך אַלץ אַראָב און פון דרויסען טראָגען זיך פערשיעדענע שטימען, מחנות מיט קינדער הוקען און טיוקען, קאַרס קלינגען, עקספּרעסען רוישען איבער די שטיינער און דאָס גיסט זיך צונויף מיט'ן ניגון: „מיר זיינען! מיר זיינען!" מיט דער טאָפּעריי פון די טענצער, מיט דער גלענצענדער רעדע פון פּרעזידענט. „ברידער און פריינדע", זאָגט דער פּרעזידענט. „מיר זיינען! מיר זיי—נען!" זינגט דער פעראיין. „לעפט! ראַיט!" שרייט דער פּראָפעסאָר. „האָפּ! האָפּ!" טאָפּען די פיס.

2.

— אַלזאָ, די זאַך דערפון איז אזוי, זאָגט דער פּרעזידענט, אויב מיר וועלען נעהמען יעצט אַ לאָטערי־צעטעל, טהוט אונזער לאָדזש צוויי גוטע זאַכען: ערשטענס, ווייל דער קאָלעקטאָר איז אונזער

ברודער אין לאָדזש, טהוען מיר א מצוה, וואָס מיר שטיצען א ברודער. צווייטענס איז דאָס א פּראָפּיטאַבּלע ביזנעס. אונזער לאָדזש קען געווינען דעם גרויסען געווינס. פופציג טויזענד מארק פאר א גאר ניט!... ווען מיר האָבען העכער צעהן טויזענד דאָלאר אין קאסע, מעגען שוין אונזערע ברידער צו יעדער צייט נויט האָבען. אָרימע אַלמנות קענען מיר בעהאנדלען מיט א ברייטע האנד און יעדען ברודער בעערדיגען מיט גרויס פערגניגען. ווהאַי נאָט?

— עס איז א פּלאַן! עס איז א פּלאַן! — האָבען אויס־געשריען עטליכע ברידער.

— אונטערשטיצט! סעקאָנדעד!

— קיינער האָט ניט דאַגעגען?

— ניין! ניין! נאַטהינג עט אָלל!...

— אַלזאָ איז בעשלאָסען צו נעהמען א לאָטערי־צעטעל פאַר דער לאָדזש „אנשי בני יקנהוז נומער זיעבען אָף דהי גרייט אָרדען סאָנס אָף אייזיק אָף יונייטעד סטייטס אָף אמעריקא“... ברודער סעקרעטער, מעלדעט, וואָס איז דאָ נאָך אויף דער טאָגעס־אָרדנונג...

אָבער אזוי גיך ווי דער ברודער סעקרעטער האָט נור געעפענט זיין ברידערליכען מויל, איז אויפגעשטאַנען ברודער קנאָבעלס און האָט אזוי געזאָגט: וואָס הייסט שוין בעשלאָסען? וואָס פאר א צעטעל? איהר ווילט א לייפּציגער? אפשר וויל איך א דרעזדע־נער און דער ברודער וויל א ברוינשווייגער?

— א לייפּציגער! ניין! א דרעזדענער! א לואיזיאַנער!

— האָבען אָנגעהויבען שרייען פיעלע מיט אמאָל. עס האָט זיך אָנגעהויבען א הייסע און שווערע דעבאַטע און ביים ברודער פּרעזי־דענט האָט געשלאָגען פיענע פון מויל און שוים האָט געקאָכט פון שטערן, ווען ענדליך איז דאָך בעשלאָסען געוואָרען צו נעהמען א לייפּציגער צעטעל.

— יעצט, — זאָגט דער פּרעזידענט — מעלדעט אונז וואָס האָבען מיר וויכטיגעס אויפ'ן טאָגעס־אָרדנונג, ווארום עס איז שוין שפּעט.

אָבער איידער דער ברודער פּרעזידענט האָט א קוק געטהאָן אין

טאָגעס־אָרדנונג איז שוין ברודער קנאָבעלס וויעדער געווען אויפ'ן פלאָר.

— כאַפּט־זשע ניט! וואָס הייסט שוין? נו, און ביי וועמען וועט זיך געפינען דאָס צעטעל?

—ביים פּרעזידענט! נאַטירליך ביים ברודער פּרעזידענט!

— וואָס הייסט? מיר קענען דאָך אָפּיציעל ניט שרייבען, אַז ביי איהם איז אַ לאָטערי־צעטעל, עס איז עגענסט די לאָא... אַ לאָדזש דאַרף אָפּיציעל ניט מאַכען קיין פּייק־ביזנעס. און מיט וואָס זיינען מיר גאַראַנטירט, אַז ער וועט אונז טאַקע אָבגעבען דעם גרויסען געווינס?...

—עס איז טאַקע אַ שאלה!

— יאַ! עס איז העכער צעהן־טויזענד דאָלאַר!

— עס איז אַ קאַפּיטאַל!...

— עס וועט זיך ניט וועלען אָבגעבען!

— געהע שריי נאָכדעם חי וקים!

— שאַ! זאָל דער ברודער פּרעזידענט טאַקע האַלטען דעם צעטעל, נור ער זאָל געבען דעם ברודער וויים־פּרעזידענט אַ סעקיו־ריטי אויף צעהן־טויזענד.

— וואָס הייסט? אין דער סעקיוריטי וועט מען דאָך ניט קענען שרייבען, אַז דאָס איז פאַר אַ צעטעל פון אַ לאָדזש. וואָס טהוט מען, אַז דער וויים־פּרעזידענט נעהמט צו די סעקיוריטי?

— אַ פּלאַן! זאָל דער וויים־פּרעזידענט פון זיין זייט געבען דעם טראַסטי ברודער צוועקעלקלאָפּ באָנדס אויף צעהן טויזענד.

— אַי, אַ חכם!...

— און אַז ער וועט פערכאַפּען די באָנדס, וואָס וועט זיין?

— נו, וואַרט אויס, דאָס קען מען בעוואָרענען. זאָל ברודער צוועקעלקלאָפּ געבען ברודער קנאָבעלס נאָטס אויף צעהן טויזענד, פערשטעהט איהר? אז דער וועט ניט געבען דעם גרויסען געווינס, וועט דער ניט אָבגעבען די סעקיוריטי, וועט דער ניט אַרויסלאָזען די באָנדס, וועט דער ניט אומקעהרען די נאָוטס...

— אַזוי? — שרייט ברודער צוועקעלקלאָפּ — נאָוטס וועל איך דיר געבען? אַ מכה ווילסטו ניט? אַ בטוח!...

— דו ביזט אַ בטוח? באַנקראָט!...

— גנב!

— איך האָב דיך אין דער ערד!

— איך פייף אויף דיין טאַטען!... ביי די ווערטער איז געוואָרען אַזאַ געשריי, געפּילדער, קלאַפּעריי, צאַנקעריי, דאָס פון דעם גאַנצען יקנהוז איז געוואָרען קאַשע: אויפ'ן פּרעזידענטס אָרט האָט געקנאַקט ברודער קנאָבעלס מיט'ן האַמער, דער ברודער פּרעזי־דענט האָט געשריען ביים עמוד פון די „אנשי קליוקווע", ברודער צוועקעלקלאַפּ האָט געצופּט דעם ברודער וויים־פּרעזידענט ביי זיין באַקענבאַרד, דער וויים־פּרעזידענט האָט געשטורכעט דעם מענטאָר, אַלע האָבען געליאַרעמט, געמאַכט אַמענדמענטס, געפּאָדערט, גע'טענה'ט... דער געזאַנג־פּעראיין האָט פּלוצלינג אויפגעהערט זינגען „מיר זיינען, מיר זיינען"; מיט אַ געשריי „פּייט!" האָבען זיי זיך אַ וואָרף געטהאָן פון די טרעפּ אַראָב... ביי די טענצער אונטען האָט מען דעם געשריי „פּייט" פערטייטשט מיט'ן פּירוש „פייער!", די קאַוואַליערען האָבען זיך אָנגעהויבען וואַרפען פון די פענסטער, די מאַמזעלען האָבען אָנגעהויבען חלש'ען... איינינע האָבען געשריען: „געוואַלד, ראַטעוועט!..." און... און מיט איין וואָרט, דער ברודער פּרעזידענט איז די נאַכט געקומען אַ היים מיט אַ גרויסען בלויען פּאָנאַר אונטער'ן אויג, און ווען די מיסים פּרעזידענטשע האָט אַ געשריי געטהאָן: אַ קלאָג איז צו דיינע ביינער! וואָס איז דאָס? — האָט דער ברודער פּרעזידענט טרויעריג געענטפערט: דאָס איז דער גרויסער געווינס פון דער גרויסער לאָדזש „חברה בני יקנהוז נומער זיעבען אָף דהי גרייט אָרדען סאָנס אָף אייזיק אָף דהי יונייטעד סטייטס אָף אַמעריקאַ!..."

מ. ווינטשעווסקי

תמוז

בלוט, בלוט, בלוט! עס איז צום משוגע ווערען! איך זאג אייך מען דארף ניט קיין תמוז; מען דארף ניט גלויבען אין די בעשרייבונגען, די שרעקליכע בעשרייבונגען פון גיהנם; מען דארף ניט זיצען פיער־פינף יאהר, אלס פאליטישער ארעסטאנט (פאר׳ן משפט), אין א רוסישע טורמע; מען דארף ניט לייענען קבלה ספרים און זיי וועלען פערשטעהן; מען דארף ניט זיין גאנצע חדשים איינגעשפארט אין גאטשינא, זייענדיג א בעל־הבית איבער הונדערט מיליאן נפשות; מען דארף ניט דורכ׳ן טוידט פערלירען א געליעבטע אונטער דער חופה; מען דארף ניט שטודירען די עסט־רייכישע פאליטיק; מען דארף ניט פערשפיעלען א מיליאנער׳ס אייגענם אין איין טאג אויף דער בערזע; מען דארף ניט מיט הארץ בעטראכטען די געמיינהייטען פון דיפלאמאטען; מען דארף ניט זיין א באיערישער קעניג — אום משוגע צו ווערען. מען דארף דאס אלץ ניט, עס איז נור נויטיג צו האבען אזא געלעגענהייט דערצו, ווי איך האב, און דאן אדיע פערנונפט! אדיע שכל!

בלוט, בלוט, בלוט! אה ווי בלייבט מעןביין קלאהרען זינען! בלוט אין מזרח און אין מערב, בלוט אין צפון און אין דרום — אומעטום גיסט זיך בלוט, אבער ניט ארום אזעלכע בלוט רייד איך איצט: די בלוט זעה איך ניט. איך רייד ארום אנדערע שפיכות דמים... איך וועל אייך זאגען ארום וועלכע, אויב איהר וועט נור האבען געדולד צו ווארטען. פריהער מוזט איהר וויסען, אז עס איז דא א זאך, וואס איהר בעטראכטענדיג, ווערט מיר אפט פינס־טער אין די אויגען, עס נעהמט מיר שווינדלען די קאפ און איך פיהל אז די מארך אינוויינינג ריהרט זיך און בורעט זיך... איך פאל דאן אויף די קניע, לעג צוזאמען די הענד, הויב אויף די אויגען צום הימעל און בעט זיך ביים „הנותן לשכוי בינה“ ער זאל מיט מיר אלץ טהאן, וואס ער וויל, נור מיך ניט משוגע מאכען...

ווען איהר וואָלט געקענט הערען מיין תפילה, די תפילה, וואָס איך טהו אין אַזעלכע אויגענבליקע, וואָלט איהר אויף מיר רחמנות געהאַט. איהר וואָלט געזאָגט: דעם אָרימען פילאָזאָף מוז זיין זעהר, זעהר, זעהר שלעכט! און איהר וואָלט יעדען פון די דריי „זעהערס" אויסגערעדט מיט אַזוי פיעל הארץ, ווי אַ פרומער איד רעדט אויס דעם „אחד" פון שמע ישראל יום־כפור נאָך נעילה, וואָס דאָס הערענדיג, האָט אַמאָל אַן אפיקורוס ביי אונז אין מינסק געזאָגט, אַז זיי קוועטשען דעם אחד, אַזוי ווי זיי וואָלטען פון איהם געוואָלט ארויסקוועטשען דריי, ווי די קריסטען האָבען געטהאָן... אָה, ווען איהר וואָלט געקענט הערען מיין תפילה! איבריגענס... אָט איז זי; איך האָב פאַר אייך קיין סודות ניט.

„בארמהאַרציגער פאָטער!" זאָג איך, ווען דער טירוף שטעהט מיר פאַר די אויגען (ווען איך בין ביים פולען זינען, דאַווען איך ניט, פון פיעלע טעמים ווענען) — „בארמהאַרציגער פאָטער! דיינע וועגען זיינען וואונדערבאַר און קיינער פערשטעהט זיי ניט. איך וויים, אַז דיין האַרץ איז גוט צו אַלע דיינע קינדער, נאָר דו שיקסט אַמאָל אויף מענשען אַרויף יסורים — פאַרוואָס, ווייסטו אַליין. למשל: דו לאָזט פון די ערשטע צוויי ברידער קין'ען צו'הרג'ענען הבל'ען און בעשטראָפסט דערנאָך דעם מערדער; דו לאָזסט די אנשי־סדום זיין שלעכט און שיקסט אויף זיי אַרויף פייער, שוועבעל און פעך; דו לאָזסט (מיט עטליכע הונדערט יאָהר פריהער) די מענשען ווערען זינדיג און דו ברענגסט נאָכדעם אַ מבול, וואָס פערניכטעט ניט נור די זינדיגע מענשען, זאָנדערן אויך די אונשולדיגע קינדער און די נאָך אונשולדיגערע בהמות, חיות, עופות, שרצים און פלאַנ־צען; דו מאַכסט פרעה'ס הארץ שווער, ער זאָל פייניגען דיינע אידען און זיי ניט אַרויסלאָזען פון שקלאַפעריי, און נאָכדעם גיסטו צעהן שרעקליכע מכות און אַ געזאַלצענעם וואַסער־טויט אין ים ניט נור דעם האַרט־האַרציגען פרעה'ן אַליין, זאָנדערן אויך אַלע זיינע אונטערטהאַנען, פערגעסענדיג אָן זייערע יתומים און אלמנות; דו לאָזסט אידען זינדיגען און ווילסט זיי נאָכהער פיער מאָל אויס־ראָטען, וואָס דו וואָלסט געוויס געטהאָן, ווען דיין קנעכט משה וואָלט זיך ניט אריינגעמישט; דו בעשאַפסט מענשען ווי נערא,

קאליגולא, היינריך (נומער אכט) פון ענגלאנד, ריכארד דעם דריטען, נאפאלעאן דעם ערשטען און דריטען (א דאנק דיין היילינען נאמען פאר דאס, וואס עס איז ניט געווען קיין צווייטער!), און הונדערט אנדערע אזעלכע ליודאיעדען און לאזסט זיי ליודאיעדסטוואווען וויפיעל זייער הארץ געלוסט... דו לאזסט די שוואכע צוטרעטען ווערען פון די שטארקע, די ארעמע בערויבט ווערען פון די רייכע, די עלענדע בעהערשט ווערען פון די מעכטיגע און דו ווייסט געוויס וואס דו טהוסט.

„בארמהארציגער פאטער! איך וויים — איך בין זינדיג. טאמער ווילסטו מיך בעשטראפען, זעה, מאך מיך ניט משוגע. מאך מיך אויף די אלטע יאהרען פאר א רויבער און ברענג מיך אריין אין טיורמע; (און טאקע דו אליין ברענג מיך אהין, ווארום די פאליציי וואלט מיך וואהרשיינליך ניט ארויסגעפינען...), מאך מיך פאר א צבוע און לאז דעם ווארעם, וואס מען רופט געוויסען, מיך נעגענען ביז'ן טוידט; מאך מיך פאר א סאציאליסט און ענט־פער מיך איבער צו ביסמארק'ן; מאך מיך פאר אן אפיקורוס, וואס איז „געצוואונגען“ צו זיין א בעל־תפילה; מאך פון מיר א בארג זאלץ, ווי פון לוט'ס ווייב; א שטיין, ווי פון משה'ס האלז, ווען פרעה האט איהם געכאפט; לאז מיך אריין אין א לייבען־גרוב, ווי דניאל'ן, אין א קאלך־אויווען, ווי אברהם'ן, און היט מיר ניט, ווי דו האסט זיי געהיט; עפען אויף די ערד און לאז זי מיך איינ־שלינגען, ווי זי האט איינגעשלונגען קורח'ן מיט זיין געמיינדע; מאך מיך פאר אן אדוואקאט, א בעטלער, א פאליצייסקען, א גנב, א צייטונגס־שרייבער, א דיענסטמיידעל, א פראקוראר, א ישיבה־בחור, א מארק־אידענע, א לומפ, א הונד, א... א... אלץ, וואס דו ווילסט, נור פערהיט מיך פון משוגעת!“

אט דאס איז מיין תפילה. איצט וועל איך אייך דערצעהלען, וואס פאר א געלעגענהייט איך האב משוגע צו ווערען.

מיט עטליכע וואכען צוריק... לאמיך דאס דערצעהלען כסדר... מיט עטליכע... ליעבע לעזער, דער טירוף קומט אן, איך קען מעהר ניט שרייבען...

א דרשה פאַר פערד

איך האָב אייך געזאָגט אז יאָזש הייסט אויף דייטש א מויל־וואורף. דאָס איז ליגען. יאָזש הייסט גאָר אַ איגעל און וואָס די דייטשען רופען מוילוואורף איז אַ קראָט. איצט פערשטעה איך, ווי לייכט עס איז צו בעטריגען אידישע לעזער, און איך רעכען, אז מיט אביסעלע חוצפה און מיט אַ פעדער אין האַנד וואָלט איך נאָך אפשר אמאָל קענען ווערען אַ שרייבער מיט אַ פולק לעזער ארום זיך, וואָס...

ווער וויים צי דער קראָט האָט זיך ניט געפונען בעליידיגט דורך דעם, וואָס איך האָב איהם גערופען יאָזש. איהר דאַרפט וויסען אַז דער קראָט איז דער ערפינדער פון אונטער־דער־ערדיגע סטראָיע־ניעס. ער האָט געמאַכט קליינע טונעלען אין דער ערד, ווען מען האָט נאָך ארום אייזענבאַהנען גאָר ניט געטראַכט און ווען די פערד (אין מאַנכע לענדער די אָקסען און עזלען) האָבען נאָך געמיינט אַז די וועלט קען זיך אָהן זיי ניט ריהרען פון דאַנען אַהין... דער קראָט האָט פיינד דאָס ליכט, ער האָט פיינד די זון און ער מיינט אַז עס איז פינסטער און וועט אימער בלייבען פינסטער, ווייל ער ליגט אימער בעהאַלטען אין זיין נאָרע, אַ שטייגער ווי סענדער דער „אַני־ואפסי־אין־קייזער" פון מלכות רייסען מיינט אַז עס הערשט אין זיין מדינה די גרעסטע פינסטערניס, ווייל ער ליגט אין אַ נאָרע אין גאַטשינא, וואו עס שיינט קיינמאָל ניט אריין די זון פון אויפקלעהרונג... האַלט! אפשר האָב איך דעם קראָט נאָך אמאָל בעליידיגט, מיט דעם, וואָס איך האָב איהם פערגליכען מיט...

ווארום איז אייגענטליך דער פערד אַזאַ יחסן ביי זיך? עזלען זעהט מען אָפט אויך, וואָס האַלטען זיך גרויס, אָבגלייך זיי געהען מיט אראָבגעלאָזענע קעפּ. ביי זיי אָבער איז דאָס ניט אייגענע גאוה. אַזעלכע עזלען האַלטען זיך פאַר מיוחסים: איינער, ווייל שמשון האָט בענוצט זייגעם אַן אור־אור־אור־אור־אור־אור־אור

עלטער זיידע'ס אַ באַק צו בעקעמפּפען די פּלשתים; אַן אַנדערער, ווייל זיינע אַן אור־אור־אור־אור אור־אור עלטער־באָבע האָט, טראָגענדיג אויף זיך בלעם'ען, גערעדט לשון־קודש; ווידער אַן אַנדערער, מחמת ער קומט אַרויס פון דעם עזעל, וואָס דער קריסטלי־כער משיח איז אויף איהם געריטען און וואָס אונזער משיח וועט אויף איהם קומען (איך גלויב, נעמליך, אַז דאָס איז דער זעלבער עזעל ביי זיי ביניהם און ביי אונז); אַנדערע עזלען קענט איהר געפינען, וואָס האָבען אַן אַנדער מין יחוס, איבערהויפּט צווישען די צוויי־פיסיגע חמורים... דאָס איז אָבער אַלץ ניט קיין אייגענע גאוה. ביין פערד אָבער איז די מעשה אַנדערש. ער איז טאַקע שטאָלץ מיט זיך אַליין. איך פרעג נאָך אַמאָל: וואָרום איז דער פערד אַזאַ יחסן ביי זיך?

עס קען זיין, אַז דער פערדישער שטאָלץ איז אַזוי ווי דער מענשליכער. מיט וואָס, למשל, שטאָלצירען די פעלקער? מעהרס־טענס מיט דעם, וואָס זיי האַלטען זיך פאַר גרויסע קריעגער, מיט דעם, וואָס זיי האָבען בעזיעגט אַנדערע פעלקער, פערגיסענדיג טייכען בלוט, האָפענדיג אַז זיי וועלען דאָס זעלבע ווידער טהאָן אין דער צוקונפט. אַזוי ווי דער פערד ווייס אַז ער שפּיעלט אין אַ מלחמה זעהר אַ גרויסע ראָלע, האַלט ער זיך דערמיט אַזוי גרויס, ווי דער מענש. איז דאָס אַ וואונדער? אָט געהען פאַרביי טויזענדע אָרעמע אַרבייטער, פעק־טרעגער, הונגער־ליידער, מכות־האָבער פערביי אַ מאָנומענט פון גענעראַל וועלינגטאָן. ביטער ווי זיי איז, שטאָלצירען זיי דענגאָך דערמיט, וואָס דער גרויסער בלוט־פערגיסער, דער בעריהמטער מענשען־שוחט איז געווען זייערער אַ לאַנדסמאַן. קען איך דען פערדענקען דעם אָרעמען פערד, וואָס געהט אויך פערביי, שלעפּענדיג אַ וואָגען מיט משא, — ווען ער קוקט אויף זיין לאַנדסמאַן (וועלינגטאָן'ס פערד) און פיהלט זיך אויך שטאָלץ? אַ פערד איז אַ פערד און אַ מענש איז צייטענווייז אויך נישט מעהר...

און דאָך, ווען מען זאָל די זאַך גענוי איבערלעגען, איז די פערד, ווענינסטענס די אַרבייטער־פערד, גאָר ניט אַזוי גוט, אַז זיי זאָלען, אַנשטאָט צו זוכען אַ פערבעסערונג אין זייער לאַגע, זיך איבערנעה־

מען מיט זייערע בריוו[ער]'ס זיעגע אין דער מלחמה. ווען איך זעה די פערד, וואָס זיינען משא־פיהרער (ליעבער זעצער, מאַכט ניט קיין טעות־הדפוס אין דעם וואָרט; דרוקט משא־פיהרער און ניט מאַסען־פיהרער, ווייל דיעזע זיינען ניט קיין פערד, זיי זיינען געוועהנליך פוקסען; איהר האָט מעהר ווי איין וואָרט מיינעם פערדרעהט און איך האָב געשוויגען, דאָס אָבער מוזט איהר דרוקען ריכטיג)... אַלזאָ, נאָך אַמאָל, ווען איך זעה פערד, וואָס זיינען משא־פיהרער,וועלכע ווערען — ווי די ענגלענדער דריקען זיך אויס — איבערגעאַרבייט און אונטערגעפיטערט, וואונדער איך מיך: וואָרום זיי טהוען ניט נאָך די מענשען אין דעם פּרט פון סטרייקס, ווי זיי טהוען זיי נאָך אין נאַציאָנאַלען שטאָלץ. אָה, ווי אינטערעסאַנט עס וואָלט געווען צו זעהן אַזא סטרייק! איך וואָלט זיי גערן געהאַלטען אַזא דרשה, ווי די פאָלגענדע, גלייך ביין ערשטען מיטינג. איך וואָלט געזאָגט:

„געעהרטע פערד און קליאַטשעס!

„ענטשולדיגט מיר, וואָס איך אונטערשטעה זיך צו קומען אייך האַלטען אַ רעדע, זייענדיג אַ פרעמדער. איך ווייס אַז ביי מענשען, למשל, איז אַ פרעמדער לעסטיג, אפילו ווען ער איז פריינד־ליך, און אַזוי ווי איך בין ניט פון אייער נאַציאָנאַליטעט (ווער הירזשעט דאָרטען?) קען זיין, אַז איהר וועט אויף מיר קוקען קרום. איך זאָג אייך, איך מיין אייער טובה. בעטראַכט, וואָס דאָ טהוט זיך. איהר, ענגלישע פערד, האַלט זיך פאַר אַ גרויסע נאַציאָן. איהר האָט אַרויסגעגעבען אַזעלכע בעריהמטהייטען, ווי דאָנאָוואַן, דעם צעסאַ־רעוויטש, יושאַנט און הונדערט אַנדערע, וועלכע האָבען זיך ערוואָר־בען אונשטערבליכען רוהם אויף די רייסעס. פון אייער ראַסע ווערדער שטאַמען די גרעסטע קריעגסהעלדען און איהר זייט שטאָלץ דערמיט. איך פרעג אייך אָבער: איז דאָס רעכט, אַז צוליעב דעם וואָס איין דאָנאָוואַן זאָל זיך מאַכען אַ נאָמען און שטעהן אין די צייטונגען און לעבען אַ גוטען טאָג, אָדער צוליעב אַן אַנדערען, וואָס ער ווערט בעריהמט אין דער וועלט־געשיכטע, אַלס גרויסער שלאַכט־פערד — אַז צוליעם דעם, זאָג איך, זאָלט איהר, איהר, דער גרעסטער טהייל פון דער נאַציאָן, לעבען איינגעשפּאַנט אין יאָך אונטער אַ בייטש, אין שמוציגע שטאַלען,אויף קנאַפּע האָבער און פערפוילטע היי?

וואו איז דער דאָקטאָר, וועלכער היילט אייך, ווען איהר זיינט קראַנק? וואו איז דער שטאַלקנעכט, וואָס פוצט אייך? געעהרטע פערד און קליאַטשעס — איך זאָג אייך, איהר זייט שקלאַפען! יאַ, שקלאַפען! צי איהר דיענט אַלס יאַגד־פערד אָדער אַלס וועגען־פערד; צי איהר זייט רייט־פערד אָדער לאַסט־פערד, שקלאַפען זייט איהר אימער, איהר, אייערע קליאַטשעס און אייערע זשערעבעצעס! און ווער האַלט אייך אין יאָך? ניט דער מענש: איהר זייט שטאַרקער פאַר איהם — אייערע ווירקליכע אונטערדריקער זיינען אייערע אייגענע אַריס־טאָקראַטישע ברידער, די זעלביגע בעריהמטע רייט־פערד און שלאַכט־פערד, מיט וועלכע איהר נעהמט זיך איבער. זיי פערבלענ־דען אייך די אויגען מיט זייער רוהם און איהר זעהט ניט אייער שלעכטע לאַגע און דאַדורך העלפען זיי דעם שוואַכען מענשען אייך האַלטען אין יאָך. ביי די מענשען איז אויך דאָס נעמליכע, אָבער זייערע לאַסט־טרעגער הויבען אָן זיך צו פעראייניגען, זיי קומען צום שכל. זייט זשע איהר אויך קיין פערד ניט. אמן.“

א גרינער איד פון מינסקער גובערניע

אַ שם־רע איז ערגער ווי אַלץ אין דער וועלט, אָבער אַן אומ־זיסטער, אויסגעטראַכטער שם־רע איז ערגער ווי אַלץ אין אַלע פיער וועלטען: די און יענע וועלט, די אַלטע און די נייע וועלט. אַ בייזער נאָמען קלעבט צו אייך ווי אַ שמאָלער רינג צו אַ גראָבען פינגער, ווי אַ מיניסטער צו זיין שטעלע, ווי דער ליגען צו אַ מדרש, ווי אַן אָרעם־בחור צו אַ טאָג, ווי אַלטע אייל צו געפרייטע פיש, ווי בייזע צינגער צו גוטע שכנים, ווי אַלכסנדר פון רייסען צום היילינגען קנוט, ווי די ניעדערטרעכטיגקייט צו אַ שפּיאָן, ווי די פערצווייפעלטע אָהנמאַכט צום פּאַלעסטיניזמוס, ווי אַ משולח צו דער מטבע, ווי דער שלים־מזל צו די רוסישע אידען, ווי אַ שבועה צו אַ ליגנער, ווי אַ שמעק טאַבאַק צו אַ מלמד׳ס באָרד, ווי אַ בייבעל צום סוועטער, ווי אַ לאַנגע צונג צו אַ פּוסטען מוח, ווי דער דלות צום עהרליכען אַרביי־טער, ווי... ווי... ווי מיינע אויסגעראָט־ווערען־זאָלענדיגע משלים צו אַלץ וואָס איך זאָג.

ניין, די געלעהרטע, וועלכע ווילען האָבען אַז דער מענש — ניט דוקא אַ רוסישער אונטערטהאַן — האָט קיין פרייען ווילען ניט, זיינען גערעכט. ווי פיעל מאָל האָב איך זיך אַ נדר געטהאָן צו שרייבען ניט־ווי׳ענדיג, און איך קען דאָס פּונקט אַזוי אויספיהרען ווי אַ איד ווען ער נעהמט זיך אונטער צו רעדען ניט מאַבענדיג מיט די הענד; ווי אַ קרעמער, ווען ער וויל ניט מעהר נאַרען; ווי אַ קאָרטעוואָניק, ווען ער וויל אָנהייבען צו טראַכטען ארום ווייב און קינדער; ווי... האַלט! אַט האָט איהר דאָס ווידער... אָה, ניין! דער מענש איז ניט קיין בעל־בחירה און די היינטיגע זיינען גערעכט מכח דעם פרייען ווילען. דאָס געהט — איך ווייס גאַנץ גוט — אביסעלע געגען די אמונה, אָבער... ליעבע, טהייערע אלטע אמונה־לעבען, איך קען דיר אסור ניט העלפען: דער מענש האָט פּאָרט ניט קיין פרייען ווילען, דען אַ מענש (אויף אַלע מיינע מינסקער

שונאים'ס צופּלאַצענעם) וואַר איך, בין איך און בלייב איך. און ווען איך וואָלט געהאַט אַ פרייען ווילען וואָלט איך, מיין פעדער, די בלייענע אותיות און די אונגעדולדיגע לעזער שוין לאַנג פּטור געוואָרען פון מיינע אייביגע משלים און איך וואָלט זיך איצט ניט געדאַרפט פערענטפערן, ווען דער עולם שטעהט און וואַרט אויף דאָס, וואָס איך וויל אויספיהרען וועגען דעם בייזען נאָמען.

איצט, אזוי ווי איך האָב מיך שוין סאַי ווי סאַי דערוויימערט פון מיין ענין, לאָמיך אייך זאָגען אַ פּאָאַר קלוגע ווערטער טאַקע מכח דעם פרייען ווילען, וועלכער איז ניט פריי, צי ער וויל צי ניט.

* * *

דער מענש איז ניט נור ניט קיין בעל־בחירה, ער איז אייגענט־ליך אַ פערקויפטער ביי זיך אַליין. דאָס וואָס מען הערט איהם זאָגענדיג: „איך וויל", איז ניט מעהר ווי געזאָגט. דאָ אין ענגלאַנד, ווען עס ווערט געמאַכט אַ געזעץ און ווען אַלץ איז פערטיג, ווערט אויסגערופען אין די האוז־אָוו־לאָרדס אויף אַלט־פראַנקיש: „די קעניגין וויל עס!" דערביי וויים אָבער יעדער איינציגער, אז בעצם האָט די אַלטע גאָר קיין שום דעה ניט, און די ווערטער: „די קעניגין וויל עס", האָבען צו בעדייטען (ווען מען זאָל עס איבערזעצען אויף אמת־לשון) „די קעניגין מוז עס". דאָס נעמליכע איז מיט דעם וועלען פון אַלע מענשען. זיי ווילען אפילו, אָבער זיי מוזען וועלען, וואָס דער פועל יוצא דערפון איז, אז זייער ווילען איז ניט פריי. וואָס? פערקאָרצעט ניט דעם נאָז, איך בעט אייך, און זאָגט מיר ניט מיט אַזאַ אפּיקורסישע מיענע — „עה"! ווילט איהר אַ בעוויז? נאָט אייך!

היינטיגע צייטען, ווען די גאַנצע וועלט איז ווי איין שטאָדט; היינט, ווען מען קען גיכער קומען פון ניו יאָרק נאָך לאָנדאָן, ווי איך צו מיין געזונד; היינט, ווען אַלץ וואָס אַ מענש בעדאַרף איז דאָ צו פיעל און ניט צו ווייניג; היינט, ווען אַלע קענען גענוג רעכענען אום צו פערשטעהן, אַז פופציג איז מעהר ווי איינס און אַז פופציג קענען זיך ספּראַווען מיט איינעם, — ווי, פרעג איך אייך, וואָלט

דאָס מעגליך געווען, אז נעבען די קליידער־קראָמען זאָלען ארומגעהן האַלב־נאַקעטע, נעבען די שיך־קראָמען האַלב־באָרוועסע, נעבען די שפּייז־קראָמען האַלב־פערהונגערטע, נעבען די ווייַן־טראַקטירען האַלב־פערטריקענטע, נעבען די הויך־שולען האַלב־פערווילדעטע, נעבען די טהעאַטערע האַלב־פערקומערטע, נעבען די קאָנצערט־זאַאַלען האַלב־פעריאָמערטע, נעבען די באַנק־הייזער פעראָרעמטע, אויסגע„פעטער"טע אביונים? ווי וואָלט דאָס מעגליך געווען אזוי צו זעהן זיי אלעמען, — זיי וואָס האָבען ענטוועדער אליין, אָדער דורך זייערע טאַטעס, אָדער דורך זייערע קינדער מיט שוויים און מיט מיה אריינגעבראַכט די געלד אין די באַנקען, אין די קאָנצערט־זאַאַלען די מוזיק, אין די טהעאַטערע דעם שוישפּיעל, אין די שולען די ביכער, אין די טראַקטירען די משקה, אין די שפּייז־אַנשטאַלטען די עסענוואַרג, אין די שוכהאַנדלונגען די שיך און די קליידער אין די מאַגאַזינען? ווי וואָלט דאָס מעגליך געווען, ווען זיי וואָלטען געהאַט אַ פרייען ווילען? ווען דער מענש וואָלט געזאָגט: איך וויל! איך וויל לעבען!! אמת, ער זאָגט היינט אויך אמאָל ער וויל, ער וויל — זאָגט ער — לעבען, אָבער ווען מען לאָזט איהם ניט, לעבט ער ניט; ווען מען שניידט איהם אָב זיינע יאָהרען, געהט ער אין דר'ערד פאַר דער צייט, און וואָס די ווערים אין מענשענגעשטאַלט האָבען אויף זיין גוף איבערגעלאָזען, דאָס דער־עסען די געוועהנליכע ווערים אין קבר. זיין „איך וויל לעבען" האָט צו בעדייטען: איך קען ניט שטאַרבען, דער גאַנצער „איך וויל" זיינער איז אַ פערשטעלטער, צבוע'קישער, איבערגעניצעוועטער „איך מוז". דאָס איז וואָס ער איז — אַ חורבן אויף איהם!

* * *

אָט דיעזע ווערטער, כמעט וואָרט פאַר וואָרט, האָב איך עהער־נעכטען געזאָגט מיינעם אַ לאַנדסמאַן (ער איז אַ גרינער פון מינסקער גובערניע, אַ באָברויסקער, אָדער אפשר נאָך ערגער, אַ סלוצקער) וועלכער טראָגט אַ סך וואונדען אין הארצען (ער קומט פון רוסלאַנד) און אַ פּאָאר ספּאַקולען ווי מיינע, מעהר ניט מיט זילבערנע

האַליאַבליעטשקעס. טאָמער מאַכט זיך אייך צו זעהן צווישען בריק־ליין און דיוקס־פּליים אַ אידען, נעבעך אַן איינגעבויגענעם, מיט אַ בעראָזעווען ווייסליכען שטעקען אין האַנד, וואָס זיין גאַנג איז, ווי דער פאָרטשריט פון דעם ענגלישען אַרבייטער, אַ לאַנגזאַמער, אַ שטייגער, מען שטופּט איהם כאָטש ער וויל ניט; אַ מאַן מיט לאַנגע, קאַלטוואַטליכע, געל־געוועזענע האָאר, אין אַ צילינדער־הוט, וואָס טראָגט אויף זיך סמנים פון אַ לאַנגען קאַמפּף מיט אַלע בייזע וועטערען (ווי דער איד, לערך, אליין), — טאָמער זעהט איהר, זאָגט איך, אַזאַ גרינעם, זאָלט איהר וויסען, אַז דאָס איז דער בעל־דבר.

נו, מיט איהם האָב איך עהערנעכטען גערעדט טאַקע אַרום דעם פרייען ווילען. ער איז ניט קיין פריץ אין נייע אידעען, ער האָט זאָגאַר אַ ידיעה פון סאָציאַליזמוס און אַ זוהן אין סיביר, הגם ער גלויבט אין די אַלע מעשיות ניט. ער האַלט, משמעות, קריעת־ים־סוף, דניאל׳ס לייבען־גרוב, אברהם אבינו אין קאַלך־אויווען, בלעם׳ס אייזעל און רבה בר־בר חנה׳ס העלדישע ציגען פאַר נאַטירליכערע זאַכען, ווי סאָציאַליזמוס. ווען איך האָב איהם עהער־נעכטען געזאָגט דאָס, וואָס איהר האָט מיט אַ פּאָאר מינוטען צוריק געלייענט, האָט ער אָפט געקוועטשט מיט די פּלייצעס, אָדער אונטערגעשמייכעלט, אָדער אַ בורבעל געטהאָן אונטער׳ן נאָז: „זאָל דאָס טאַקע אמת זיין?“ מיר האָט עס ניט געאַרט.

„נאָך אייערע רייד נאָך“ — האָט ער זיך אָבגערופען, ווען איך האָב געקאָנטשעט רעדען — „קומט דאָך טאַקע אויס, אַז איך בין גערעכט. וואָרום, הייסט עס, אַז דער מענש איז טאַקע, הייסט עס, אַ... אַ... איך זאָל זאָגען ניט קיין בן־בחירה, אַז ער האָט ניט, ווי איהר רופט דאָס, קיין פרייען ווילען, טאָ ווי שיקט זיך, אַז ער, דער מענש, הייסט עס, זאָל ווען־עס־איז זיך בעפרייען, הייסט עס, פון זיין היינטיגע לאַגע?“

— אייער קשיא, — האָב איך איהם געענטפערט — איז ניט אַזוי האַרב ווי איהר מיינט. בערעכענט ווי אַזוי איהר אַליין זייט היינטיגען טאָג דאָ אין לאָנדאָן: איהר זייט געוועזען אַ איד אַ בעל־הבית אין באַברויסק אָדער אין סלוצק — ווייס איך דער גוטער יאהר וואו, איהר האָט געהאַט אַ געשעפט, אַ ווייב מיט

קינדער. אַט האָט איהר אויסגעגעבען די טעכטער און אַלעם איז געגאַנגען כשורה. מיט אַמאָל האָט מען פערשיקט אייער בן־יחיד, אייער ווייב האָט זיך די מעשה גענומען נעבעך שטאַרק צום הארצען. איהר זייט געבליעבען אַן אַלמן, דער מסחר איז געגאַנגען שלעכט, איהר האָט פערלאָרען דעם מוטה, דאָ האָט זיך דערווײלע דער קייזער מורא׳דיג פאַנאַנדערגעראַזושעט, איהר האָט זיך מעהר, ווי מען זאָגט, ניט געפונען קיין אָרט אין דער היים. האָט איהר עפּעס געהאַט אייער פרייען ווילען אין די אַלע מעשיות? דאַכט זיך אַז ניט. האָט איהר ווידער מיט אַ פרייען ווילען זיך אַ הויב געטהאָן, צוזאַמענגעהמענדיג די לעצטע כחות, אום צו פאָהרען קיין לאָנדאָן? דאַכט זיך אויך ניט. טויזענדע פערשיעדענע פערהעלטניסע האָבען זיך פעראייניגט אייך צו צווינגען אַז איהר זאָלט זיך אַ הויב טהון און ארויסגעהן פון דעם אָרט וואו איהר האָט אַזוי פיעל געליטען. דאָס זעלבע, מיין פריינד, וועט קומען ווען די ארבייטער וועלען אויפמאַכען די אויגען, זיך אַ שטעל געבען אויף די פיס, אַ הויב טהון די הענד און, נאָך אַלע טויזענדע ליידען, דער־לאַנגען אַ קלאַפּ און בעפרייען זיך, בעפרייען די מענשהייט! ווארום האָבען זיי ביז איצט דאָס ניט געטהאָן? קענט איהר פרעגען. אוים דעמזעלבען גרונד, ר׳ קרוב, ווארום איהר זייט ניט שוין פאַר צוויי־יאָהרען אוועקגעפאָהרען פון דער היים. ווען איהר האָט געמוזט... נו, איהר פערשטעהט וואָס איך מיין.

ביז די לעצטע ווערטער האָב איך געמערקט אַז ער האָלט אין מיר אריינגעלאָזען די אויגען און אַז ער בעטראַכט מיך אַזוי ווי ער וואָלט מיך געדאַרפט קויפען. מיר זיינען איינגעפאַלען די ווערטער, וועלכע ער האָט געבורבעלט פריהער אונטער׳ן נאָז.

„זאָגט מיר, מיין פריינד, — האָב איך איהם געפרעגט — וואָס האָט איהר געמיינט מיט די ווערטער: „זאָל דאָס טאַקע אמת זיין?“

— שטות! גאָר נישט, גאָר נישט!

— דאָך אַזוי...

— ווערט איהר, הייסט עס, קיין פאַראיבעל ניט האָבען, וועל איך...

— איהר ווילט מיר וואָס זאָגען?

— ניין. איך וואָלט אייך עפּעס פרעגען.

— פרעגט, פרעגט.

— ווער האָט דאָס אויף אייך אויסגעטראַכט... ווייל, הייסט עס, — נעהמט ניט פאַר אומגוט — איך האָב געהערט, אז איהר, הייסט עס, זייט ניט ביין קלאָרען זינען... ווער האָט...?"

—אויסגעטראַכט אז איך בין מטורף? ווער ווייס! משמעות א ליידאַק, אָדער א שונא.

איצט זעהט איהר, קינדער, וואָס פאַר א קלעפּעדיגע זאַך א שם רע איז? א בייזער נאָמען איז ערגער ווי אַלצדינג אין דער וועלט — איבערהויפּט אַן אומזיסטער.

נאך מיין טויט

איך האָב שוין אין מיין לעבען געהאַט אַלערליי צייטען, דאָרונטער מעהר ווי איין מאָהל־צייט, אַ יאָהר־צייט, אַ האַב־צייט און אַזוי גלאַט צייט, איבערהויפּט ווען איך בין מיט יאָהרען צוריק עטליכע זמנים ארומגעגאַנגען אָהן אַ קנעלונג, וואָס דערפון איז געדרונגען, אַז איך האָב טועם געווען אין מיין לעבען דעם ביטערען טעם פון מלמדות, וואָס דערפאַר האָב איך צו קריעגען מיט אַ קלאָפּ ווען עס וועט קומען צו חיבוט הקבר, וואָס אַרום דעם וועל איך רעדען מיט אייך אַ ווייליגקע שפּעטער, ווייל אַלץ אויף איינ־מאָל קען מען ניט טהון, ווי דער אַלטער גלעדסטאָן זאָגט, ווען ער גיט דעם פאָלק שטימען צום פּאַרלאַמענט און הייסט זיי וואַרטען אויף ברויט ביז די בעקערם פון אלף החמישי וועלען אויפשטעהן תחית המתים, וואָס דאָס קען ניט לאַנג דויערן: זעכסטענס אַ יאָהר... פינף—זעקס הונדערט. וואָס דאָס איז אַ קלייניגקייט, ווען אַ מענש האָט נור אַ ביסעלע געדולד און ליעגט ניט אין תאות עולם־הזה, וואָס דאָס וואָלט איך אייך געקענט נאָך דייטליכער ערקלערען, ווען איך וואָלט ניט געמוזט אַבבאַפּען דעם אָטהעם, וואָס דערפאַר מוז איך אוועקשטעלען אַ פּונקט, וואָס דאָס רופט מען ביי אונז אין דקדוק אַ פסיק, וועלכעם איהר אַלע ווייסט און אַ היגער בעל־קורא מעג פון איצט ערפּאַהרען אָהן עקסטרא־געצאָהלט.

בקיצור, איך האָב שוין געהאַט אַלערליי צייטען, אָבער קיינ־מאָל אין מיין גאַנצען לעבען (66 יאָהר, 3 חדשים, 25 טעג און 3 שטונדען מיט אַ האַלבע איז אַ לאַנגע צייט פאַר אַ פילאָזאָף, וואָס ראַנגעלט זיך שוין אַזוי לאַנג מיט'ן לאָנדאָנער פּאַג עטליכע חדשים אין יאָהר און מיט'ן רעליגיעזען און פּאָליטישען פאָג די איבריגע צייט פון יעדען יאָהר, וואָס דאָס איז דער גרונד דערפון וואָס מיין אָטהעם איז אַזוי קורץ, וואָס דערפאַר מוז איך צוערשט אוועק־שטעלען די האַלבע לבנה, אָט אַזוי:) און דאַן נאָך אַמאָל זאָגען:

פּסיק. נור אַזוי ווי איך בין דאָ געבליעבען אין מיטען פון דאָס וואָס איך האָב געוואָלט זאָגען און אַזוי ווי איך בין היינט ניט מעהר קיין מלמד, מוז איך אָנהייבען פון דאָס ניי, אַזוי צו זאָגען:

איך האָב שוין אין מיין לעבען געהאַט אַלערליי צייטען, אָבער ניט אַ צייט ווי די היינטיגע. איצט טראַג איך זיך נעמליך אַרום מיט אַזאַ מין טירוף אין קאָפּ, אַז איך וואָלט לייכט געקענט קריעגען הסכמה אויף אַ משוגענעם אין אַ קליין שטעדטעל, אָדער אַ דיפּלאָם (אויב איהר ווייסט וואָס דאָס איז) אויף אַ טהעאָזאָפיע־דאָקטאָראַט (אויב איהר ווייסט וואָס דאָס איז) פון מיסים בעזענט אַליין (אויב איהר ווייסט ווער זי איז) און פון די הייליגע מאַהאַטמאַס, וועלכע וואוינען ערגעץ־וואו אויף די הימאַלאַיאישע בערג, וואו זיי האָבען פּרישע לופט, צאָהלען ניט קיין רענט און שיקען בריעף אָהן פּאָסט־מאַרקען ווי די ענגלישע טשינאַוניקעס.

וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ מין טירוף? הערט וועל איך אייך זאָגען. איך קלער נאָכאַנאַנד, ווי אַזוי צו לעבען געשטאָרבענערהייט. מיר ווילט זיך נעמליך וויסען וואָס די וועלט וועט זאָגען, ווען זי וועט ערפאַהרען (ניט אומזיסט איז דאָך דאָ היינט אַ טעלעגראַף צווישען אַלע מדינות) אַז איך בין טויט, מיר וואָלט זיך וועלען זעהן דעם גערודער וואָס וועט ווערען אין אַלע ארבע כנפות הארץ, ווען דער ערשטער קלאַנג וועט אַרויסגעהן, אַז איך בין אויס פילאָזאָף און אַז די ווערים זעצען זיך אָקאָרשט האַלטען מאָהלצייט איבער די האַלב פונט פלייש און די עטליכע פונד ביינער (אַ פּראָ־פּאָרציע פון אַ געוועהנליכען ליטווישען קצב אין די אָרעמע קוואַר־טאַלען) וואָס זיי, די ווערים געפינען אין מיין שפּאָגעל־נייעם קבר. לאָמיך אייך אגב אורחא זאָגען, אַז הגם איך בין די ווערים ניט מקנא זייער מאָהלצייט, פערגין איז זיי ניט אפילו דאָס ביסעלע הנאה וואָס זיי וועלען פון מיין פלייש יא האָבען. אָה, ניין! איך פערגין זיי דאָס אפילו ניט און האָב דערביי אפילו ניט דעם טרייסט, וועלכען איך האָב אַמאָל געגעבען אַ אידישען ליבעראַל, ווען איך האָב איהם געזאָגט, אַז ער דאַרף פאַר ווערים ניט מורא האָבען, מחמת עס שטעהט ערגעץ־וואו געשריעבען (און וואָס שטעהט דען ניט ערגעץ־וואו געשריעבען?) אַז זיי, די ווערים, עסען ניט קיין

רינד־פליישׁ; איצט לאָמיך איך ווידער אַגב אורחא בעמערקען, גלויב איך ניט מעהר אין דעם, ווייל איך זעה פון טאָג צו טאָג אַלץ מעהר און מעהר אָקסען, וועלכע רייסען זיך קיין ארץ ישראל, וואָס דאָס איז פאַר מיר אַ בעוויז, אַז די ווערים עסען יעדען מין פלייש וואהרשיינליך אפילו דבר־אחר, וואָס דערפון קענט איהר פערשטעהן אַז קלוגע פּראָצענטניקעס און סוועטערס דאַרפען זעהן צו שטאַרבען ניט ווייט פון מערת־המכפלה, אויב זיי ווילען קומען מיט אַ גאַנצען גוף, מיט די בייכלעך מיט אַלעם מיט אַנאַנדער פאַר'ן בית־דין של מעלה אויף יענער וועלט. אי, וועט איהר זאָגען: אין ארץ ישראל עסען ניט די ווערים, אָבער די ערד אַליין עסט אויף די מענשען, וואָס דערפון איז געדרונגען, אַז מען קומט אפילו דאָרטען ניט אין גאַנצען אויף די בעסערע וועלט, — וועל איך אייך ענטפערן, אַז איך בין גאָר ניט מחויב צו זאָגען דורכאוים גלייכע זאַכען און אַז איך האָב זאָגאַר אַ רעכט צו רעדען נאַרישקייטען, כל זמן די נאַריש־קייטען טראָגען ניט אויף זיך דעם טרייד־מאַרק פון אַ בעקאַנטען פּראָפעסיאָנעלען נאַר און כל־זמן איך דאַרף ניט מורא האָבען, אַז אַ מגיד זאָל מיך קענען פערקלאָגען דערפאַר פאַר'ן געריכט.

קומענדיג צוריק צו מיין ענין, זאָג איך נאָך אַמאָל, אַז מיר וואָלט זיך שטאַרק וועלען זעהן, וואָס פאַר אַ גערודער עס וועט ווערען אין די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט (די ווילדע פעלקער לעזען וואהרשיינליך מיינע שריפטען וועניג־וואָס) ווען די בשורה פון מיין טויט וועט זיך פערשפּרייטען ווייט און ברייט. אום אָבער, אַז איך זאָל דאָס קענען זעהען און הערען — איז נויטיג, אַז איך זאָל שטאַרבען ווי אַן אָרעמאַן לעבט, דאָס הייסט, האַלב־און־האַלב, אַז איך זאָל לעבען געשטאָרבענערהייט, ווי איך האָב פריהער געזאָגט.

איהר ווילט געוויס וויסען ווי אַזוי אַזאַ משוגענער רעיון האָט מיר געקענט אַרויפקומען אויפ'ן מוח? הערט:

מיט עטליכע טעג צוריק איז מיין אייניקעל געקומען פון גאַס אַ פערכליפּעטער, מיט רויטע געשוואָלענע אויגען און מיט אַ פּאָאַר

בעקלעך, רויט פון וויינען און געוואשען מיט טרערען. עס האט געדויערט זעהר לאנג ביז ער האט געקענט אויסרעדען וואס ער האט געבעך געהאט אויפ'ן הערצעל. ענדליך האט ער זיך פאנאנדער־גערעדט:

— זיידע, — זאגט ער — מען זידעלט דיך.

— עס מאכט ניט אויס, מיין קינד. — ענטפער איך איהם.

— עס מאכט ניט אויס? וואס הייסט, עס מאכט ניט אויס?

— פרעגט ער — דו ווייסט מסתמא ניט ווער די זידלער זיינען!

— לאזען זיי זיין ווער זיי זיינען, דאס מאכט גאר ניט אויס. אויב דער כעס קומט פון געקרענקטע ליעבע, איז די זידלעריי פאר מיר א כבוד; אויב די זידלעריי קומט פון קליינליכע קנאה, בין איך פילאזאף גענוג איהר צו פעראכטען; אויב זי, די זידלעריי, קומט פון אונפערשטאנד, בין איך מענש גענוג איהר צו בעדויערען, און אויב זי קומט פון פייגהייט (פייגהייט, פיליכט, אין א רעוואלו־ציאנערע העמדעלע) דאן מאכט זי, די זידלעריי, זיך אליין נור לעבערליך.

„און דאן, מיין קינד, דארפסטו וויסען, אז דער וואס וויל דיענען זיינע מיטמענשען, מוז קענען פיעל פערטראגען. ער מוז ניט נור מורא האבען פאר די בעליידיגונגען פון זיינע געגנער, וואס דאס איז פאר איהם א כבוד, ער מוז אויך קענען אריבערטראגען בעשימפפונגען פון זיינע גוטע פריינד. ער מוז ניט נור זיין צופריעדען צו אפפערן זיינע בעסטע יאהרען, זיין פערגניגען און זיין וואוילטאג, ער מוז אויך זיין ענטשלאסען צו זעהן ווי זיין עהרע ווערט אנגעגריפען, ווי זיין אונשולד ווערט בעשמוצט און ווי זיין נאמען ווערט בעליידיגט.

„יא, מיין קינד, מען ליידט ניט נור פון פרויענליעבע אליין,

— מען ליידט פון יעדען מין ליעבע, אפילו פון מענשענליעבע. ווער עס האט ניט קיין כח צו ליידען, יענער האט ניט קיין רעכט צו ליעבען און ווער עס וויל ליעבען און ניט ליידען, יענער איז א נארר.

„און מיין ניט, אז דאס טהוט מיר ניט לייד, אה, יא! אבער גלויב מיר, ווען איך זעה, ווי מיינע געגנער בויגען זיך איין, ווי זיי ערניעדריגען זיך ביז'ן בלאטע, ווי זיי שטעקען דאן אריין א ריינע

האַנד אין שמוץ אום מיך צו בעשמירען, דאַן פערדריסט מיך אַם מייסטען דאַס וואָס זיי ווערען צעהן מאָל אַזוי שמוציג ווי איך. דען דו דאַרפסט פערשטעהן, מיין קינד, אַז זיי זיינען שלעכטע וואָרפער, זעהר ניט געשיקטע, און ווען זיי דערלאַנגען אַ וואָרף דעם הויפען שמוץ צו מיר צו, קריעגען זיי ניין חלקים דערפון אין זייער אייגענע צורה. דאַס קרענקט מיך, ווייל אין גרונד הארצען האָב איך זיי ליעב.

„דו שמייכעלסט? דו בעגרייפסט ניט ווי איך קען ליעבען די וואָס בעפאַלען מיך? קינד! ווייסטו דען ניט אַז אַלט ווי מיין בויגען איז, שוואַך ווי די שטריקעל איז, און טעמפּ ווי מיינע פיילען זיינען, וואָלט איך נאָך געקענט זיך פערטהיידיגען אפילו געגען גרעסערע שיסערס ווי זיי זיינען, און וואָלט געקענט ענטפערן מיט אַ גיפטיגען שטאָך אויף אַ שמוציגען וואָרף. איך טהו דאָס ניט ווייל איך ליעב זיי, און איך ליעב זיי ווייל זיי זיינען מענשען, הגם זיי טהוען אַלץ וואָס זיי קענען אום צו בעווייזען דאָס געגענטהייל.

„און איצט נאָך אַ זאַך. הער מיך אויס, מיין קינד, אין גאַנצען: איך וועל אַזוי גיך אַרום דעם נאָך אַמאָל ניט רעדען.

„מיינע געגנער! ווייסטו ווער זיי זיינען? זיי זיינען מעהר־סטענס פערבלאַנדזעטע שעפּסעלעך, וועלכע האָבען מיך אין גרונד הארצען ניט ווייניגער ליעב ווי איך זיי. אַט לאָמיך היינט שטאַרבען...“

— אָה! זיידע!

„שרעק זיך ניט, מיין קינד, דאָס רעדט זיך נור אַזוי, לאָמיך היינט, זאָג איך, שטאַרבען...“

— זאָג: אוועקפאָהרען, זיידע!

„שטער מיך ניט. לאָמיך היינט שטאַרבען, וועסטו זעהן ווי די זידלער וועלען זיין די ערשטע צו דערצעהלען מיינע שבחים, די ערשטע אָבצוואַשען יעדען פלעקעלע פון זייער טויטען פריינד אויפ'ן טהרה־ברעט. דו וועסט זעהן, ווי זיי וועלען נעהמען די זעלביגע ווערטער, וועלכע זיי געברויכען היינט, אום מיך צו זידלען און וועלען מיך מיט זיי ריהמען. דער ביטרעסטער צווישען זיי

וועט בעווייזען, אז ווען ער האָט געזאָגט דאָס, האָט ער געמיינט אַנדערס.

„איך ווייס ניט וואָס זיי זאָגען היינט, וואָס זיי קענען זאָגען, אָבער איך שטעל מיר די מעשה פאָר אַזוי:

היינט זאָגט מען: —
ער שרייבט מיט הארץ, ווייל ער קען שרייבען.
דאַן וועט מען זאָגען: —
ער קען שרייבען, ווייל ער שרייבט מיט הארץ.

היינט זאָגט מען: —
ער רעדט אַרום הונגעריגע און דאָך ער אַליין הונגערט ניט.
דאַן וועט מען זאָגען: —
ער אַליין הונגערט ניט און דאָך רעדט ער אַרום הונגעריגע.

היינט זאָגט מען: —
ער שרייבט פאַר אידישע אַרבייטער, ווייל ער קען ניט שרייבען פאַר גוי'שע גבירים.
דאַן וועט מען זאָגען: —
ער קען ניט שרייבען פאַר גוישקע גבירים, ווייל ער שרייבט פאַר אידישע אַרבייטער.

היינט זאָגט מען: —
ער האָט אויך גוטע מעלות, אָבער אַ סך פעהלערען.
דאַן וועט מען זאָגען: —
ער האָט אויך פעהלערען, אָבער אַ סך גוטע מעלות.

היינט זאָגט מען: —
ער האָט געוויס עטוואָס אויפגעטהאָן, אָבער ער שטאָלצירט דערמיט.
דאַן וועט מען זאָגען: —
ער שטאָלצירט דערמיט, אָבער ער האָט געוויס עטוואָס אויפגעטהאָן.

היינט זאָגט מען: —

ער איז געווען אַ פילאָזאָף, אָבער אַ משוגענער.

דאַן וועט מען זאָגן: —

ער איז געווען אַ משוגענער, אָבער אַ פילאָזאָף.

„אָט אַזוי, מיין קינד, קענען די זעלביגע ווערטער פון זלזולים ווערען שבחים. ווען אַלזאָ, דו הערסט נאָך אַמאָל אימיצען מיך זידלענדיג, הער איהם אויס רוהיג און געלאַסען און פערכליפּע זיך ניט.

„דיין אַלטער זיידע וועט זיך געהן זיין אַלטען וועג און ווי איהם האָבען ביז איצט ניט געצעפּעט זיינע שונאים, אַזוי וועלען איהם ניט צעפּענען זיינע גוטע פריינד.

„ער וועט געהן זיין וועג; ווער עס גלויבט אין איהם ניט, יענער זאָל נאָך איהם ניט נאָכגעהן; ווער עס האָט קיין וויכטיגערע זאַך ניט צו טהון, מעג איהם זידלען און ווער עס איז אַ נאַרר, מעג דאָס אַרויסווייזען: ענגלאַנד איז אַ פרייע מדינה.

ס. זייפערט

טאַגעבוך פון א גרינעם

אַ גענויע בעשרייבונג פון דעם ערשטען טאָג אָן, וואָס ער איז געקומען אין ניו יאָרק. — די פערשיעדענע גלגולים, נסיונות און צרות, ליידען און פריידען, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט ביז ער איז געוואָרען „אָלל־רייט“ אין אמעריקא.

איך אַמעריקאַניזיר זיך.

יולי דעם 25טען, 1908, בין איך בשלום אָנגעקומען אין ק"ק ניו יאָרק. אַז פאַר דעם איינגעוואַנדערטען אידען איז „זיך אויסגריינען“ דער עיקר, האָב איך באַלד פערשטאַנען. אויף דער פראַגע ביי מיינע לאַנדסלייט: וואו גרינט מען זיך אוים? האָבען זיי מיר אָנגעוויזען דעם „עדיוקיישאָנאַל עלייענס“. איך מאַרש אהין און האָב מיך פאָרגעשטעלט פאַר'ן סופעראינטענדענט.

נאָך מיין גרינעם שכל איז אויסגעקומען, אַז אַ טשינאָווניק פון אַן אַנשטאַלט, וואָס האָט צו טהאָן נאָר מיט גרינע, מוז גוט קענען די אידישע שפּראַך, כדי די גרינע זאָלען איהם קענען פערשטעהן; אָבער דער סופעראינטענדענט, אויסהערענדיג מיין בקשה, האָט מיר געענטפערט בזה הלשון:

— דהי פוירסט טהינג, ר' קרוב, איז גוט קענען די עמעריקען קאָנטרי, פערלאַסען די אייראָפּעאישע זיטען ענד אייגענטהימליכ־קייטען ענד אַסימילירען אין זיך דעם אַמעריקאַנישען גייסט. זי מיססען לערנען טו לאָוו עמעריקע, טו בי ען עמעריקען פּאַטריאָט!

איך האָב איהם אפילו זעהר ווניג פערשטאַנען; אָבער ווייל „זיך אויסגרינען“ איז ביי מיר געווען די הויפּטזאַך, האָב איך מיך איבערגעגעבען אין זיינע הענד.

און ער האָט זיך באַלד גענומען צו דער אַרבייט מיך צו „אַמע־ריקאַניזירען“. מען האָט מיך אַריינגעפיהרט אין אַ גימנאַסטיק־זאַאַל, מען האָט מיר אָנגעטהאָן אַ פּאָר קורצע תחתונים מיט אַ קורצען העמדעל, אַ פּאָר געזונדע יונגען האָבען מיר געצויגען די הענד

און די פּיס, מען האָט מיר געהייסען הויבען צוויי שווערע אייזערנע קוילען, איך האָב געמוזט שפּרינגען איבער אַ שטריק, זיך ראַנגלען מיט אַ ריעז, און נאָכדעם ווי איך האָב בעקומען תרי"ג בוכצעס, רמ"ח שטורכעס און שס"ה קולאַקעס אין די האַרטע און ווייכע טהיילען פון מיין קערפּער, אַ צושפּאָלטענע ליפּ און צוויי „בלויע אויגען", האָט מיר דער סופּעראינטענדענט ערקלעהרט, אַז איך וועל מיך גיך „אַמעריקאַניזירען"

מיין סטייק פליהט אין יאַנקערס.

עס איז ממילא מובן, אַז איך בין אַהער נישט געקומען אָבקוי־פען אַלע אַמעריקאַנישע אייזענבאַהנען. דערצו האָט מיר געפעהלט אַביסעל געלד, און מיט דעם ביסעל, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט, האָב איך געמוזט קאַרגען. צאָהלען 25 אָדער 30 סענט פאַר אַ מאָהל־צייט, איז געווען איבער מיינע פינאַנציעלע כחות. ואפן כה וכה און האָב דערזעהן אַ "כשר'ע קיך", וועלכע אידישע פילאַנטראָפּען האָבען געגרינדעט פאַר זייערע אָרימע אידישע ברידער און וואו מען קריגט „מעדני מלכים" נאָר פאַר 7 סענט. „פרעהט זיך, מיינע קישקעס!" — האָב איך אויסגערופען און בין געגאַנגען אין דער „כשר'ע קיך".

איך זיץ ביי אַ טיש און שטודיר דעם טישטוך. דער טישטוך זעהט אויס ווי אַ לאַנדקאַרטע פון דעם ערד־קוגעל. רויטע, גרינע, געלע, בלויע און שוואַרצע פלעקען. דאָס מוזען זיין די פערשיעדענע מדינות און ימים. איך זוך יאָקאָהאַמאַ און קען עס ניט געפינען. אַ פּאָר רויטע פּאַסען צווישען צוויי גרינע פלעקען, ווייזען מיר אויס ווי דער סועץ־קאַנאַל, אָבער אָט איז שוין דער „ווייטער" מיט'ן עסען!

אַ גרויסער טעלער מיט צוועלף טראָפּענס זופּ. איידער איך נעהם דעם פערראָסטעטען אייזערנעם לעפעל אין האַנד, פאַלט אַ הייסער שטראַהל פון דער זון אויפ'ן טעלער. נישטאָ וואָס אָנצור־שעפּען. די זון האָט די צוועלף טראָפּענס אויסגעטריקענט. מילא, זאָל זיין אָהן זופּ! אַ טיש־גענאָסע בלאָזט מיר אין פּנים דעם רויך

פון א כאַליפּאָרניע־ציגאַר. איך הויב אָן צו ניסען און פון דעם ערשטען נאָס פליהט אוועק מיין סטייק און מאַכט א רייזע נאָך יאָנקערס.

מיין רייזע נאָך אַלאַסקאַ.

עס איז קיין תכלית ניט ארומצוגעהן פּוסט־און־פּאַס. מיינע „היימישע מיליאָנען“ געהען אויס. מען דאַרף עפּעס טהאָן, עפּעס פערדיענען. און אין ניו יאָרק איז ניטאָ וואו צו פערדיענען. אָבער דערפאַר האָבען די אידישע „רחמנים בני רחמנים“ אויך געזאָרגט. זיי האָבען מיט זייער גרויס גענאַד אויפגעעפענט א „רעמואוועל אָפיס“ און פערזאָרגען אָרעמע מענשען מיט ארבייט און מיט שטעלען אין אנדערע שטאַאטען.

צו וואָס דאַרף איך ניו יאָרק? אחוץ וואָס מען קען דאָ ניט געפינען קיין חיונה איז דאָ די לופט פערפעסטעט פון שרייבער, פון פּאָעטען, פון אקטיאָרען, פון פּאָליטיקער און פון אנדערע פורעניות'ן. אין דער „קאָנטרי“ (אויסער ניו יאָרק) האָט מען געווים ריינע לופט און מעהר פרנסה. איך געה אין „רעמואוועל אָפיס“.

— גוט וואָס איהר זייט געקומען! — זאָגט צו מיר דער בעאַמטער. — אויב איהר ווילט קענען מיר אייך גלייך געבען א שטעלע. אין אלאַסקאַ דאַרף איינער האָבען א פעל־שינדער. דאָס איז ניט קיין שווערע ארבייט. איהר וועט נור האָבען אָבצושינדען די פעלען פון בערען, פון וועלף, פון פיקס און פון ים־הינד. דער מאַן וויל צאָהלען פינף דאָלאַר א וואָך און פריי עסען. מיר וועלען אייך צו איהם געבען א בריעף און מיר וועלען אייך אוועקשיקען אויף אונזערע קאָסטען ביז פילאדעלפיא. פון דאָרט ביז אלאַסקאַ קענט איהר געהן צו־פוס; ס'איז ניט זעהר ווייט.

איך בעשליס צו ווערען א פּראָפעסאָר.

נאָך פיעל ישוב הדעת האָב איך די שטעלע אין אלאַסקאַ ניט אָנגענומען. שינדען פעלען פון חיות, איז עפּעס א מלאכה בזויה. פון מענשען שינדען די פעל איז שוין א סך שעהנער; אָבער דערצו

דאַרף מען קיין גרינגער ניט זיין... איך וועל מיך בעסער נעהמען צו בילדונג. פאַר דעם געבילדעטען מענשען זיינען אין אַמעריקאַ געווים אָפען אַלע טהירען. און קיין געלד קאָסט עס אויך ניט. אידישע פּאַטריאָטען און בעלי צדקה האָבען דאָ אויפגעעפענט אַן „עדיוקיי־שאָנאַל ליעג". אומר ועושה. איך געה אַהין.

— וואָס קען איך ביי אייך לערנען ? — פרעג איך.

— אַלץ וואָס איהר ווילט — ענטפערט מען מיר, — אַסטראָ־נאָמיע, פיזיאָלאָגיע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, מאַטהעמאַטיק, כעמיע, געאָגראַפיע, טעכניק, סטראַטעגיק און דער גלייכען. די סטודענטען וואָס האַלטען ביי אונז אויס עקזאַמען און בעקומען אונזערע דיפּלאָ־מען, קריגען פּראָפעסאָר־שטעלען מיט גרויסע געהאַלטען אין אַלע אַמעריקאַנישע און אויסלענדישע אוניווערזיטעטען.

איך האָב זיך אויסגעוועהלט די פּאָליטישע עקאָנאָמיע און בין געקומען הערען די ערשטע לעקטשור.

און פּראָפעסאָר יאָקטאָן האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף דער קאַטהעדער און האָט מיר און אַנדערע „סטודענטען" געלעקטשורט איבער דער מיסטיק און דעם סימבאַליזם וואָס געפינען זיך אין די דראַמעס: „מחמד", „אויף די בערג", „גלות גאַליציען" און „האַמלעט". איך האָב געפיהלט ווי מיין לעבער ווערט געשוואָלען פון דער לעקטשור און בין אוועק אַהיים.

איך וויל עפּענען אַ געשעפט פון סעמיטשקעס.

שלעכט! ניטאָ פון וואָס צו לעבען, נישטאָ וואָס צו קייען. קען דאָס מעגליך זיין, אַז אין אַ שטאָדט, וואו עס לעבען אַ מיליאָן אידען, האָט מען ניט געזאָרגט פאַר אַן אָרימען גרינעם? אָט זעה איך ווי אַנדערע גרינע און געלע זיינען מאסף ממון פון פערקויפען סעמיטשקעס. עס איז געוואָרען אַ מאָדע אויף סעמיטשקעס קנאַקען. מען קנאַקט אויף וואָס די וועלט שטעהט און מען פלאַסטערט אויס די גאַסען מיט זייער שאָלעכץ. ווען איך זאָל קריגען צו לייהען אַ פּאָר דאָלאַר, עפען איך אויף אַ געשעפט פון סעמיטשקעס. אָבער ביי וועמען לייהט מען?

אהא, אַט איז אַ „גמילות חסדים“! מיין הארץ האָט מיר טאַקע שוין פריהער געזאָגט, אַז די ניו יאָרקער אידען האָבען נאָר איין עובדה: צו העלפען די אָרימע און די געדריקטע אויף אַלערליי אופנים. מיט זיכערע טריט קום איך אַריין אין אָפיס. דאָ וועל איך קריגען וואָס איך דאַרף, און היינט נאָך ווער איך אַ סוחר פון סעמיטשקעס. איך גיי צום סופּעראינטענדענט און בעט אַ גמילות חסד פון פינף דאָלאַר.

— האָט איהר ווער עס זאָל פאַר אייך ערוב זיין? — פרעגט ער מיך.

— ניין, איך האָב דאָ נישט קיינע בעקאַנטע! — ענטפער איך.

— האָט איהר אפשר אַ משכון? — פרעגט ער מיך ווייטער.

— יאָ, איך קען אייך געבען פאַר אַ משכון דעם מאַנוסקריפּט פון מיינע לירישע געדיכטע — ענטפער איך אביסעל שטאָלץ ווי אַלע פּאָעטען.

— אזעלע משכנות האָבען ביי אונז קיין שום ווערטה ניט; אבער איך וועל אייך געבען אַ גוטע עצה. איהר קענט מר. יאָזעף פּאָליטצער, דעם אייגענטהימער פון דער צייטונג „וואָירלד“? בעט איהם ער זאָל פאַר אייך ערוב זיין. פאַר אַ ליטעראַט וועט ער עס געוויס טהאָן בלי שום ספק.

סטרייק־ברעכעריי, תורה און ברויט מיט הערינג.

הידד, ניו יאָרק האָט טויזענדער קוואַלען פון פרנסה!! מען דאַרף נור דעם מוטה ניט פערלירען און ניט אויפהערען צו זוכען. און איך האָב דעם מוטה נישט פערלאָרען, האָב ניט אויפגעהערט צו זוכען און האָב טאַקע געפונען.

אַ ניו יאָרקער „תלמוד תורה“, אין וועלכער די תלמידים זיינען אַרויס אין אַ סטרייק, זוכט סטרייק־ברעכער. די מנהיגים ערקלעהרען, אַז זיי וועלען געבען צו יעדען איינעם, וואָס וועט זיך מעלדען, תורה מיט ברויט מיט הערינג בחנם. אמת, עס איז זעהר ניט אָרענטליך צו גיין סקעבען; אָבער איז דאָס אַ תירוץ פאַר אַ

הונגעריגען מאָגען? איך גורט אָן מײנע לענדען און גײ אין דער „תלמוד תורה".

אָבער עס איז הפּנים אויף מיר נגזר געװאָרען מן השמים, אַז איך זאָל ניט האָבען ניט קײן תורה און ניט קײן ברויט, איך בין צו שפּעט געקומען. די תורה מיט'ן ברויט מיט הערינג האָבען שוין אַנדערע פאַרכאַפּט. שוין צוגעהענדיג צו דער תלמוד תורה, האָב איך געזעהן, אַז איך װעל דאָ זײן אַן איבעריגער. עס זײנען אָנגעקומען סקעבס פון ארבע פּינות העולם. אונטער זײ זײנען געװען עטליכע גאַסען־קעהרער אין זײערע װײסע היטלען, אַ טוץ מאַטראָזען פון אַמעריקאַנישע און אויסלענדישע שיפען, עטליכע אויסגעדיענטע סאָלדאַטען פון דער אַמעריקאַנישער אַרמעע, פינף־זעקס כינעזער, דרײ־פיער אַקטיאָרען פון אַ געשלאָסענעם מוזיק־האָל און אַ פּאָר צעהנדליג איטאַליענער. אַלע האָבען געװאָלט אומזיסטע תורה און אומזיסטע ברויט מיט הערינג.

דער ראש הישיבה איז אַרויסגעקומען און האָט געהאַלטען אַ קורצע רעדע:

— רבותי! מײן האַרץ איז פול מיט שמחה, װאָס די תורה איז בײ אײך אַזוי חביב; אָבער מיר קענען נישט אַרײננעהמען אַזוי פיעל תלמידים. װאו װעלען דאָס אַלע קריגען שטעלען, װען מיר װעלען אַלעמען מאַכען פאַר רבנים? נור דאָס מוז איך אײך זאָגען, רבותי, אַז באַם עס װעט בײ אונז װידער אויסברעכען אַ סטרײק, נעהמען מיר די תורה און מיר פיהרען זי אַװעק צוריק צו דעם באַרג סיני!

מײן בעזוך אין אידישען טהעאַטער.

מיט מיר אין אײן צימער געפינט זיך אַן אָשער (דיענער) פון אַ אידישען טהעאַטער. מיר האָבען בײדע אײן צימער און מיר שלאָפען בײדע אין אײן בעט. אַזוי איז ער זיך אַ גאַנץ אַנשטענדי־גער מענש, נאָר ער עסט צופיעל קנאָבעל און די גאַנצע נאַכט האַלט ער מיך אין אײן פערפומירען... ער דאװענט אין מײנע תפילין און

איך רויכער זיינע סיגאַרעטלעך. ער האָט מיך זעהר ליעב און פאַר ליעבשאַפט האָט ער מיך אויסגעלערנט שפּיעלען אין קאָרטען.

היינט האָט ער מיך מיטגענומען אין טהעאַטער און האָט מיך אריינגע'גנב'עט דורך אַ הינטערשטע טהיר. אַ פּלאַץ האָט ער מיר געגעבען דוקא אויבענאָן.

איך זיץ אויף מיין פּלאַץ און קוועל אָן פאַר נחת. גאָר ניט ווי ביי אונז אין איירָאפּאַ. פרייהייט אומעטום, אפילו אין טהעאַטער. דער עולם זיצט אויף די שטוהלען, עסט ברויט מיט גערויכערטע פיש, טרינקט סאָדאַ־וואַסער, קנאַקט ניסלעך, דרעהט זיך די וואַנד־צעס און דערצעהלט זיך מעשיות פון די פאַבריקען. איינער אַ יונגער מאַן, וואָס זיצט נעבען מיר, נעהט זיך איין אַ קנעפּעל, וואָס האָט זיך אויסגעריסען, מחילה, פון זיינע תחתונים. פרייהייט! ווען איך וואָלט מיך ניט געשעהמט, וואָלט איך אויסגעשריען: „הורריי פאָר דהי אמעריקען קאָנטרי!“

אָבער אָט געהט שוין אויף דער פאָרהאַנג! איך זעה אַ פעלד מיט אַ וואַלד. אַ פּאַסטוך פיהרט אַ טשערעדע לעבעדיגע שעפּסען און זינגט עפּעס. עס קומט אַ מיידעל, אָדער אַ ווייבעל און זינגט אויך.ביידע גלאָצען מיט די אויגען, צאַפּלען זיך ווי אין קאָנוואול־סיעס, קושען זיך און זינגען ווידער. נאָך דעם געזאַנג צוואַווינען זיי זיך און גלייך נאָך דעם געוויין טאַנצען זיי די רוסישע „קאַמארינ־סקאַיאַ“. אזוי געהט עס אַקט פאַר אַקט. מען זינגט, מען שפּרינגט, מען גלאָצט מיט די אויגען, מען צאַפּעלט זיך, מען קושט זיך, מען וויינט און מען טאַנצט ווידער.

איך רוף צו מיין בעקאַנטען און פרעג איהם: „ווען וועט מען שפּיעלען די פּיעסע?“

ער מעסט מיך אָב פון אויבען ביז אַראָב מיט אַ גיפטיגען בליק און ענטפערט:

— אַ גרינהאָרן בלייבט אַ גרינהאָרן! דאָס, וואָס דו האָסט געזעהן, איז דיר נאָך ווענינג? אַזעלכע שעהנע דעקאָראַציעס, אַזעלכע טהייערע קליידער, אזוי פיעל ליעדער און קופּלעטען, אזוי פיעל טענץ — און ער פערלאַנגט נאָך אַ פּיעסע!

רייז אַ רפואה צו אַ געשוואָלענער באַק.

דער גאָט פון אַלע גרינע האָט זיך אויף מיר מרחם געווען און האָט מיר געשענקט אַ געשוואָלענע באַק. עפּעס איבער נאַכט איז מיין באַק גרויס און קיילעכדיג געוואָרען ווי וויליאם טאַפט'ס בויך. די מיסעס, ביי וועלכע איך שטעה, האָט מיר גלייך אָבגעשפּראָכען אַן עין הרע — עס העלפט נישט! זי האָט מיר צו דער באַק צוגעלעגט געריבענעם כריין — עס העלפט אַלץ ניט! זאָגט זי צו מיר: „דאָ ניט ווייט איז אַ אידישער האָספּיטאַל. די גרעסטע דאָקטוירים אין דער וועלט. זיי זיינען פּשוט מחיה מתים. קאָסט ניט קיין סענט געלד. געהט גלייך אַהין!"

איך געה. דער דיענער הייסט זיך מיר ווענדען צום דאָקטאָר קאַראַפּוזיק. איך געה צו איהם. עפּעס אַ בריאה מיט אַ לאַנגער נאָז. הפנים די גאַנצע דאָקטאָריע האָט ער אין נאָז. ער הייסט זיך מיר אויסטהאָן מוטער־נאַקעט. איך פאָלג. ער לעגט צו זיין אויער צו מיין ברוסט און הייסט מיר הוסטען. איך דערלאַנג איהם אַ תקיעה־גדולה־הוסט. ער קלאַפּט מיר מיט אַ האַמער אין מיין בויך. ער צעהלט איבער די פינגער פון מיינעביידע פיס. ער נעהמט אַראָב אַ מאָס פון מיין קאָפּ. קוקט אריין מיט אַ ספּאַקטיוו אין מיינע ביידע נאָז־לעכער. עלעקטריזירט מיר דעם גראָבען פינגער פון מיין לינקען פוס און זאָגט צו מיר: „איהר מוזט פאָהרען אויף צוויי יאָהר נאָך דענווער, קאָלאָראַדאָ!" איך ערקלעהר איהם, אז איך בין שטאַרק בע'קבצנ'ט און האָב ניט מיט וואָס צו פאָהרען. ער קנייטשט דעם שטערען, טראַכט אַ לאַנגע צייט און ענטפערט מיר: „קויפט אייך דריי קוואָרט רייז און נעהמט אַלע טאָג אויפ'ן ניכטערען האַרצען צוויי רייז־קערנער. ווען איהר וועט האָבען דאָס גאַנצע רייז אויס־גענומען, וועט די געשווילעכץ פון אייער באַק אוועקגעהן."

מען שלעפּט ביי מיר אַוועק מיינע תפילין.

מזל־טוב מיר! די לעצטע צעהן סענט פון די תרפ"ט אלפים דאָלאַר, וועלכע איך האָב מיטגעבראַכט פון דער היים, זיינען מיר אויסגעגאַנגען, און היינט אין דער פריה האָט מיר מיין „מיסעס"

געהייסען זיך ארויסקלייבען פון דער וואוינונג. עס איז נאך א גליק וואס איך האב דערצו ניט געדארפט קיין וואגען די זאכען אוועקצו־פיהרען. איך האב גענומען מיין תפילין־זעקעל און האב זיך אריינ־געקליבען אין ניו יארק. א גאנצען טאג בין איך ארומגעגאנגען ווי א שרה און קיינער האט ביי מיר קיין רענט ניט געבעטען. פאר־נאכט, ווען איך בין מיעד געווארען, האב איך מיך אוועקגעזעצט אויף א באנק אין העסטער־פארק. א מתנה פון גאט דער העסטער־פארק! מען קוויקט זיך מיט די בשמים פון פערשוויצטע פיס און מיט דעם פארפום, וואס שלאגט פון די טעגליכע צייטונגען, פון איבער'ן וועג. און בעלי־עגלות זיינען אויך דא, אהן עין הרע, א סך. מען רעדט פון נאראוויסטע פערד און פון לייט־ארטיקלען אין די צייטונגען. אבער פאר דעם נחת האב איך טהייער בעצאהלט. אימי־צער, געווים א פרומאק, האט ארויסגעשלעפט מיינע תפילין פון מיין קעשענע. וואס וועל איך דאס טהאן אהן תפילין? דערצו האב איך אן עצה. ביי דער נעקסטער „אספת הרבנים“ וועל איך מיך צו זיי ווענדען און בעטען, זיי זאלען מיר מתיר זיין דאווגען אהן תפילין. דערהווייל איז שוין שפעט געווארען, עס ווילט זיך שלאפען און איך האב ניט וואו. שלאפען אין העסטער־פארק האב איך מורא. מען קען נאך אראב'גנב'ענען מיינע צוריסענע שיך פון מיינע פיס. אבער גאט איז א גוטער! עס קומט מיר אנטקעגען מיינער א לאנדסמאן, און ווי ער האט אויסגעהערט מיינע צרות, לאדעט ער מיך איין צו זיך אויף דער נאכט. איך האב איהם שיער ניט אויסגעקושט אלע זיינע רמ"ח אברים און שס"ה גידים פאר שמחה. ער האט מיר געגעב־בען א בעט מיט קישענס און מיט א קאלדרע, און אויף מארגען אין דער פריה, אז איך האב מיך אויפגעכאפט פון שלאף, האב איך געזעהן, אז איך ליג א צוביסענער, א צואוואונדעטער פון ששים רבוא וואנצען אין גאווערניער האספיטאל און צוויי דאקטוירים לענען מיר צו זאלבען.

א שטראהל פון גליק.

די וואנצען פון גאווערניער האספיטאל זיינען אויך ניט קיין חזירים! זיי האבען אויך חשק צוצוקומען צו מיין זינדיגען קערפער

און האָבען זיך אין גאַנצע מחנות אַ לאַז געטהאָן; אבער אַ קדחת אין הארצען! מיין לאַנדסמאַנ'ס וואָנצען האָבען פאַר זיי אפילו קיין כזית ניט איבערגעלאָזען און עס איז מיר פערשפּאָרט געווען זיך צו קראַצען. פאַר כעס האָבען זיי זיך אָן מיר נוקם געווען. יעדעס מאָל ווען דער דיענער פון האָספּיטאַל פלעגט מיר ברענגען מיין פּאָרציאָן ברויט, זופּ און פלייש, פלעגען זיי דאָס אויפעסען. דאָך בין איך אין צוויי וואָכען צייט געזונד געוואָרען און בין ארויס פון האָספּיטאָל. ביז היינטיגען טאָג ווייס איך נאָך ניט, וועמען איך האָב דאָס צו פערדאַנקען: די דאָקטוירים פון האָספּיטאַל, אָדער דעם פערצעהן־טעגיגען תענית.

נו, קענט איהר שוין פערשטעהן, ווי איך בין הונגעריג געווען! און ווייל קיין אונגליק קומט ניט אויף דער וועלט אליין, האָט זיך מיר געטראָפען נאָך אַ צווייטע סיבה: ארויסגעהענדיג פון האָספּי־טאָל, האָב איך אין איסט בראָדוויי פערלאָרען אַ שוך פון מיין רעכ־טען פוס. איך בין אריינגעגאַנגען אין דער רעדאַקציע אריינשטעלען אין דער צייטונג אַן אויפרוף צום פאָלק מיט דער בקשה: ווער עס האָט געפונען מיין שוך זאָל מקיים זיין די מצוה פון „השבת אבדה", האָט דער מענעדזשער (אדמיניסטראַטאָר) פערלאַנגט צעהן דאָלאַר פאַר דרוקען דעם אויפרוף. נו? איז ער ניט אַ „חאַמער"? פאַר צעהן דאָלאַר קען איך דאָך קויפען אַ גאַנצע קראָם מיט אַזעלכע שיך ווי מיינע! אָבער ווי קומט אַ מענעדזשער פון אַ אידישער צייטונג צו שכל!...

פאַר גרויס שברת הלב האָב איך מיך אָוועקגעזעצט אין העסטער פּאַרק, דאָרט, וואו מיך האָט שוין איינינע גליקען געטראָ־פען. עפּעס אַ רוח נבואה האָט מיר געזאָגט, אַז דאָ וועל איך געפי־נען מיין גליק. אויף דער זעלביגער באַנק זיצט אַ יונגער מאַן און רויכערט אַ סיגאַר. דער אַראָמאַט פון סיגאַר דערמאָנט מיר דעם גערוך פון אַ גע'פגר'טער קאַץ.

— איהר רויכערט זעהר גוטע סיגאַרען, מיסטער! — זאָג איך צו איהם.

— אָה, זיי שטאַמען פון אַ הויכען אָרט! — ענטפערט ער מיר

מיט שטאָלץ — איך האָב די סיגאַרעז פון דעם „שטערן" פון אידי־שען טהעאַטער!

— פאַר וואָס שענקט ער איך דאָס אַזעלכע „טהייערע" סיגאַרען?

— ווייל איך בין זיינער אַ „פּאַטריאָט". יעדעס מאָל, ווען ער שפּיעלט אַפּלאָדיר איך איהם און רוף איהם אַרויס פאַר'ן פאָר־האַנג. דערפאַר בעקום איך פון איהם יעדען אָבענד 25 סענט מיט דריי סיגאַרען.

די „כאָלערא־סיגאַרען" וואָלט איך איהם מוחל געווען; אָבער די פּאָר סענט האָבען שטאַרק געקיצעלט מיין אויסגעהונגערטע אינ־געווייד.

—קען איך אפשר אויך ווערען אַ פּאַטריאָט? — האָב איך איהם געפרעגט.

— איהר ווילט? קומט נאָר מיט מיר! עס וועט שוין רעכט ווערען!

ער האָט מיר געגעבען אייניגע לעקציאָנען ווי איך זאָל מיך נוהג זיין. דער עיקר איז נאָר דעם „סטאַר" צו אַפּלאָדירען, ער מעג שפּיעלען גוט אָדער שלעכט.

איך בין געוואָרען אַ פייערדיגער פּאַטריאָט. דער „סטאַר" האָט פון מיר פּשוט אָנגעקוואָלען. איך האָב רעגעלמעסיג בעקומען מיינע פּאָר סענט און דעם „סטאַר'ס" אַ פּאָר אַלטע שיך.

אָבער דער שטראַהל פון גליק האָט מיר נור אַ קורצע צייט געשיינט. עס האָט זיך אריינגעמישט דער שטן און האָט מיך געלאָזט מאַכען אַ גראָבען פעהלער. איינמאָל, ווען דער „סטאַר" האָט געשפּיעלט „האַמלעט", האָב איך איהם ניט דערקענט; איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַן אַנדערער און האָב איהם פון דער גאַלערי מכבד געווען מיט אַ פויל איי, וואָס האָט געהאַט דעם זעלבען גערוך ווי זיינע סיגאַרען. עס איז געוואָרען אַ מהומה, מען האָט באַלד אויסגעפונען אַז איך האָב דאָס געטהאָן, מען האָט מיך מכבד געווען מיט אַ פּאָר „בלויע אויגען" און אַ רויטען קאַרק און אַ צודראָ־פּעט פּנים און געשוואָלענע זייטען און אַרויסגעוואָרפען פון טהעאַטער.

ענדליך געפונען מיין גליק.

אבער הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל! אַ איד ווערט ניט פערפאַלען, בפרט נאָך אַ ליטוואַק, ובפרט נאָך אַ סמאַרגאָנער נכתב!

איך האָב ענדליך דאָך געפונען מיין גליק, וועלכע די השגחה־פרטית האָט פאַר מיר אַנגעגרייט אין אַמעריקאַ!

איך זיץ מיר אַזוי פאַרנאַכט אין העסטער פּאַרק און די דאגות החיונה קריכען מיר אַרום אין קאָפּ ווי שוואַרצע שלאַנגען. פון דעם לעצטען טהעאַטער־קוואָדער האָב איך נור צוויי סענט אין קעשענע. גענוג אויף היינטיגער וועטשערע! אבער מאָרגען? וואָס וועל איך טהון מאָרגען?... אַזוי טראַכטענדיג פיהל איך ווי אַ האַנד רוקט זיך אין מיין קעשענע. ווי ניט גוט עס איז מיר געווען אויפ'ן האַרצען, האָב איך מיך געמוזט צולאַכען... יענער, וואָס האָט די האַנד גערוקט אין מיין קעשענע האָט זיין האַנד האַסטיג צוריק־געצויגען און האָט מיך כמעט מיט כעס געפרעגט: „וואָס לאַכט איהר, פעטער?“...

— איהר האָט אודאי געמיינט, אַז איהר וועט אין מיין קעשענע געפינען אַ פּאָר הונדערט אַקציעס פון דער פּענסילווייניאַ אייזענ־באַהן, ניט אַזוי? — האָב איך איהם צוריק געפרעגט.

— זייט ניט קיין יאָלד! — האָט ער מיר געענטפערט — אויף אייער פּנים שטעהט אָנגעשריבען מיט קלאַפּטער־לאַנגע אותיות, אַז איהר זיינט דער מלך מלכי המלכים פון אַלע דלפנים. איך האָב נאָר מיט מיינע פינגער געמאַכט אַ רעפּעטיציע, ווייל איך דאַרף היינט מאַכען אַ שווער שטיקעל אַרבייט.

— אַ רעפּעטיציע? — האָב איך מיך גע'חידוש'ט — דאַרפען די גנבים אויך איינשטודירען זייער ראָלע איידער זיי געהען אויס־ליידיגען אַ קעשענע?

— וואָס דען האָט איהר געמיינט? גנב'ענען איז אַ וויסענ־שאַפט און אַ מלאכה ווי אַלע וויסענשאַפטען און אַלע מלאכות. איבערהויפּט דאַרף מען דערצו האָבען פ י י נ ע פ י נ ג ע ר.

— איך וואָלט אויך וועלען לערנען די דאָזיגע מלאכה. פינגער האָב איך זעהר פיינע. נאַט זעהט!

ער האָט אַ ווײַלע בעטראַכט מײַנע פינגער און האָט בעגײַס־טערט אויסגערופען:

— מענש! איהר זייט דאָך געבאָרען געוואָרען אין אַ זיידען העמדעל! די נאַטור אַליין האָט אייך בעשטימט צו דער איידעלער פּראָפעסיאָן! ווען איך האָב אייערע פינגער, ווער איך אין עטליכע יאהר צייט אַ צווייטער ראָקעפעלער, אַ צווייטער ראָטשילד.

— ווילט איהר אפשר מיט מיר מאַכען דעם עסק אויף שותפות?

— אויב איך וויל? וואָס פרעגט איהר קשיות? קומט נאָר!

און ווי איהר קוקט מיך איצט אָן, בין איך ברוך השם, לייטען גלייך. מײַנע קליידער קויף איך מיר ביי ראָדזשערס ענד פּיט, מײַנע שיך לאָז איך מיר ברענגען פון באָסטאָן און מײַנע שפּאַציער־שטעקלעך קויף איך מיר ביי וואַנאַמייקער. איך לאָזשיר מיר אין האָפמאַן־האַוז און עסס ביי דעלמאַניקאָ. אָפטמאָל באַפ איך מיר אַ פאָהר אין אַן אויטאָמאָביל דורך דעם ריווער־סייד־דרייוו און די עלעגאַנטע לײַדיס קוקען מיר נאָך מיט ליעבעס־פלאַמענדע אויגען. איך בין זיכער, אַז איך וועל נאָך אַ גוטען שידוך אויך טהון. בכלל, ברידער, אַ גוטער מלאך האָט מיך געפיהרט אין אַמעריקאַ! חוץ מײַן שאַדען אויף איך געזאָגט געוואָרען...

ג. זייקין

לעבען אדער שטארבען?

(אַ סצענקע)

פּ ע ר ז אָ נ ע ן:

אידישער טהעאַטער־מענעדזשער (דירעקטאָר); אויטאָר; אַקטריסע; ראָלען־שרייבער.

אָרט: ניו יאָרק. מענעדזשער'ס פּריוואַט־צימער אין טהעאַטער.
צייט: צוויי וואָכען פאר פּורים.

מענעדזשער: יא, אזוי מוז עס זיין — לעבען!

אויטאָר: און דער פּרינצעסינ'ס לאַנגער מאָנאָלאָג פאר'ן טויט? און די גאַנצע טויט־סצענע?

מענעדזשער: וועט מען אויסשניידען. אנשטאַט דעם וועט די פּרינצעסין זינגען אַ ליעד, דאַן וועט די קאָמישע פּאָר זינגען און טאַנצען אַ קופּלעט, דער כאָר וועט זינגען אַ מארש מיט עלעקטרישע עפעקטען, און מען וועט אַרונטערלאָזען דעם פאָרהאַנג.

אַקטריסע: וואָס הייסט איהר וועט מיר אויסשניידען גאַנצע אכט זייטען? וואָס הייסט איהר וועט ארויסוואַרפען אזא שטאַרקע דראַמאַטישע סצענע?

מענעדזשער: מען קען ניט העלפען. אַ יום־טוב־פּיעסע מוז זיך ענדיגען פרעהליך.

אויטאָר: די האַנדלונג פאָדערט אָבער, אז די פּרינצעסין זאָל צום סוף שטאַרבען.

מענעדזשער: און די קאַסע פאָדערט, אז זי זאָל בלייבען לעבען.

אויטאָר: שטאַרבען איז אָבער לאָגישער, רעאַליסטישער...

מענעדזשער: דרעהט מיר ניט אַ קאָפּ מיט אייער רעאַליז־מוס.

אַקטריסע: און איך זאָג, אַז אויב איהר וועט אויסשניידען די לעצטע סצענע, וועל איך די ראָלע ניט שפּיעלען.

מענעדזשער: דאַרף מען ניט, וועט מיסיס גראַגער שפּיעלען. זי איז ניט אַזאַ מיוחסת ווי איהר, אַז מען וועט איהר זאָגען ל ע ב ע ן — וועט זי בלייבען לעבען.

אויטאָר: ענטשולדיגט, אבער —

אַקטריסע (שפּרינגט אויף שטאַרק אין כעס): איהר האָט קיין רעכט ניט אַוועקצוגעבען מיינע ראָלען אַן אנדערער!

מענעדזשער (אויך אין כעס): און איהר האָט קיין רעכט ניט צו ענטזאַגען זיך פון צו שפּיעלען אַזוי ווי איך וויל. אַז איך זאָג לעבען — דאַרפט איהר לעבען!

אויטאָר: אָבער שטאַרבען איז אַרטיסטישער, נאַטירליכער, נעהענטער צו דער וואָרהייט...

אַקטריסע: אין דער לעצטער סצענע איז דאָ אַ געלעגענהייט צו שפּיעלען, מען קען צייגען קונסט.

מענעדזשער: וואָס מיר שפּיעלען, וואָס מיר קונסט! ס'איז אַ יום־טוב־פּיעסע און די פּרינצעסין מוז לעבען.

אַקטריסע (שרייט, שטאַרק אויפגערעגט): ניין, איך דאַרף שטאַרבען, איך מוז שטאַרבען!

מענעדזשער (שרייט נאָך העכער): ניין, איהר מוזט — איהר מוזט לעבען! איך צאָהל געהאַלט, איהר מוזט פאָלגען מיינע בעפעהלע!

ראָלען־שרייבער (אין אַ רוהיגען געלאַסענעם טאָן): איך האָב אַ גוטע אידעע. עס קען זיין אי לעבען, אי שטאַרבען.

אַלע דריי (נייגיעריג): ווי אַזוי?

ראָלען־שרייבער: גאַנץ איינפאַך. די פּרינצעסין זאָגט טאַקע אב איהר מאָנאָלאָג, טרינקט אויס גיפט און פאַלט אַזוי ווי טויט. קומט שנעל אַ דאָקטאָר, גיט איהר געגענגיפט, און זי ווערט לעבעדיג. דאַן זינגט זי אַ ליעדעל, דאָס קאָמישע פּאָאר זינגט און טאַנצט דעם קופּלעט פאַר גרויס פרייד, וואָס זייער פּרינצעסין איז פון טויט לעבעדיג געוואָרען, דער כאָר ענדיגט מיט אַ מאַרש און מיט עלעקטרישע עפעקטען, די „משה'ס" געהען אהיים צופריעדען.

אקטריסע: בראוואָ, בראוואָ! אַן אויסגעצייכענטע אידעע!

אויטאָר: גוט, גוט, מיין מאָנאָלאָג און די גאַנצע טוידט־סצענע וועט בלייבען אזוי ווי איך האָב אָנגעשריבען — אַ גוטע אידעע.

מענעדזשער: זעהסט, דאכט זיך אַ קרומער פּיסק און זאָגט אמאָל אַ גלייכע זאַך. נאַ, רויבער אַ גוטען צעהן־סענטיגען סיגאַר — און כאַפּט דיך דער רוח!

ג. זעליקאָוויטש

די לעצטע מעשים טובים פון אַ יונגער טאָמייטאָ

(אַ נייע מעשה'לע פון צמח בעל משלים)

אין קאַפע־הויז האָט געקאָכט ווי אַ קעסעל. ביי אַ גרויסען טיש האָבען „פּראָמינענטע אידען" פון דער איסט סייד דעבאַטירט וועגען די לעצטע ענטדעקונג פון פּראָפעסאָר האַראָלד דאַרווין און דר. ווײדזשער אַז אויך פּלאַנצונגען, גרינס, וועדזשעטייבעלס פיהלען זייער „איך", פערשטעהען, געדענקען און זעהען פּונקט ווי חיות און עופות אויב ניט ווי מיר מענשען. יעדער פון די פּראָמינענטע אידען האָט וועגען דעם געמאַכט אַן אַנדער בעמערקונג אָדער געזאָגט אַ וויץ. צמח בעל־משלים, וועלכער איז געזעסען די גאַנצע צייט און האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט, האָט ענדליך זיך אריינגעמישט מיט דיעזער בעמערקונג:

— זיי קענען אויך רעדען, די פּלאַנצונגען און גרינס, און זיי האָבען אַן אייגענע שפּראַך. איך אַליין האָב היינט גערעדט ניט אַ רעטיך!

אַלע אין קאַפע־הויז האָבען זיך צולאַכט און זיי האָבען פער־שטאַנען אַז צמח דער בעל־משלים קומט דאָ מסתמא אַרויס באַלד מיט אַ משל אָדער ווי ער רופט עס — אַ מעשה'לע.

— דערצעהלט אונז, ר' צמח, וואָס איהר האָט גערעדט מיט'ן רעטיך. — האָבען אויסגעשריען אייניגע פּראָמינענטע מיט אַמאָל.

צמח בעל־משלים האָט געגעבען אַ שמייכעל.

—וואָס איך האָב גערעדט מיט'ן רעטיך איז מיין עסק, ניט אייערער, און איך וועל עס אפשר איבערגעבען אַן אַנדערם מאָל. היינט קען איך אייך דערצעהלען מיין געשפּרעך מיט אַנדערע וועדזשעטייבעלס. היינט וועט איהר פון מיר הערען די לעבענס־געשיכטע פון אַ טאָמייטע, לויט ווי די טאָמייטע אַליין האָט עס דערצעהלט, וואָרט פאַר וואָרט און פּינטעלע פאַר פּינטעלע. איך

האָב עס אויפגעשריבען, איך זאָל קיין וואָרט ניט פערגעסען, און איך געה עס איצט פאַרלעזען.

ארום די טישלעך פון קאפע איז געוואָרען שטיל, ווערהענד צמח האָט ארויסגענומען א שטיק פאפיער און אָנגעפאנגען לעזען די אויטאָביאָגראפיע פון דער טאָמייטע אזוי:

„ווי גוט עס איז צו לעבען אויף דער וועלט. איך בין א שעהנע יונגע טאָמייטע און איך וואוין אין א גערטיל וואָס איז דער שטאָלץ פון מיין גאס. איך גלויב ניט אז אין גאַנץ בראָנקס געפינט זיך נאָך אזא שעהנע טאָמייטע ווי איך בין.

„איך בין שוין פינף טעג אלט, און פול מיט אמביציאָן. וואָס וועט זיין פון מיר דער תכלית ווען איך וועל אויסוואקסען? אָט האָב איך געהאַט א חבר וואָס האָט פיעל געהאלטען פון זיך פונקט ווי איך, און פון איהם האָט זיך אויסגעלאָזען א שרעקליכער סוף: מען האָט איהם פערשפּארט אין א טאָמייטע־קען! עס קען גאָר ניט זיין קיין גרעסערע טראגעדיע פאר א טאָמייטע ווי צו ווערען אריינגעשפּארט און צוזאמענגעקוועטשט מיט אלערליי קראנקע און העסליכע טאָמייטעס אין א פערשלאָסענע קען וואו די טאָמייטע פערליערט אין גאנצען איהר אייגענעם „איך". אָה, ניין, איך וויל ניט אזא סוף, איך וויל בלייבען טאָמייטע ביז די לעצטע מינוט, איך וויל פּאָפּולער זיין אויפ'ן טיש. איך וויל נאָך מעהר: איך וויל עפּעס טהון גוטעס פאר דער וועלט. נור שאַ! איך הער ווי מען קומט צו מיר.

„אוי!!! א האנד פון א פרוי האָט מיך ערשט אויסגעריסען פון פּלאַץ וואו איך האָב מיין יוגענד פערברעכט. ניין, עס איז קיין מאכל צו ווערען אזוי אויסגעריסען; עס איז נאָך ערגער ווי א צאָהן אויסרייסען. איך זאָג ניט, אז מען האָט מיר אמאָל אויסגעריסען א צאָהן, אָדער אז איך האָב געזעהן ווי מען רייסט אויס א צאָהן, דאָס וואָלט געווען א צו גרויסער ליגען פאר א טאָמייטע, נור עס רעדט זיך אזוי, דען מיר טאָמייטעס כאפּען אָפּט ווערטלעך פון די מענשען ארום אונז.

„איך בין שוין אין א גרויסען באסקעט מיט נאָך טאָמייטעס, און פיעל פון זיי וויינען מיט בלוטיגע טרערען. איך האָב אָבער

פּיינט צו וויינען און איך האָב טאַקע פּראָפּיטירט, דען די וויינענ־דיגע טאַמייטעס האָט מען דארום אָבגעקליבען פאַר די קען, צו מאַכען פון זיי געקענטע טאַמייטעס. איך בין גערעטעט געוואָרען פון אזא סוף, און פאַר גרויס שמחה פאַנג איך אָן זינגען א טאַמייטע־סאָלאָ, וואָס דער צושפּיעל האָט זיך געענדיגט:

„גליקליכע טאַמייטע,
האָסט געמאַכט פּליטה!"

„איך בין געלעגען אין פענסטער פון אַ שעהנע גראָסערי אין הארלעם, אַלע האָבען מיך בעוואונדערט ווי שעהן איך בין, נו־נו, האָב איך געהאַט כבוד! אַט אזוי. דאָס איז דאָך וואָס איך האָב אימער גענאַרט.

„א פרוי פון הארלעם האָט מיך אָבגעקויפט. אזא גוטהערציגע פרוי האָב איך צום ערשטען מאָל געזעהן: זי האָט מיר באַלד אויסגעזעהן א מוטער אָהן א גאַל, א דאַמע מיט אַן איידעלער נשמה. ווען זי האָט מיך געבראַכט אהיים, האָט זי ערקלערט איהרער א שכנה אַז זי אַליין איז מיך געגאַנגען קויפען צוזאַמען מיט נאָך זאכען, אנשטאַט צו שיקען די דיענסט, ווייל זי וויל אַליין האָבען די שמחה איינצוקויפען אַלעס פאַר'ן מאָהלצייט פון איהר ערשטע טאָכטער'ס תנאים. זי האָט אזש געוויינט פאַר שמחה. און איך האָב שיער מיטגעוויינט. טאַקע א גאָלדענע מאַמע.

„איך ליעג שוין אויף א רייך־געדעקטען טיש. איך בין גראָדע ניט צושניטען ווי די אנדערע און אַלע האָבען מיך בעוואונדערט. איך האָב געזעהן די כלה, דעם חתן, די עלטערן, א האַלב טוץ שעהנע שוועסטער פון דער כלה. איך האָב געהערט א האַלב טוץ שעהנע רעדעס ביים טיש, שעהנע און וויציגע רעדעס פון מענשען מיט שכל. איך האָב זיך דערפרעהט וואָס איך האָב דערלעבט אזא כבוד. איך ווייס אז מיינע מינוטען זיינען געצעהלט, נור אבי איך ענדיג מיין קאַריערע ווי א לייט צווישען לייט. ניט אין א טאַמייטע־קען אָדער אין א ביליגע באָרדינג־הויז.

„אוי וועה! וואָס זעה איך? אין דער צייט ווען דער עולם האָט זיך פערקוקט, האָט א מאַן גאַנץ גיך מיך אראָבגעכאַפּט פון

טעלער און אריינגעלעגט אין טאַשע פון זיין ראָק. דאָס האָט מיך שטאַרק פערדראָסען, דען איך בין פּלוצלינג געבליבען אין דער פינסטער. צום גליק האָט מיין תפיסה לאַנג ניט געדויערט, דען דער מאַן וואָס האָט מיך גענומען אין פּאַקעט, האָט זיך ענטשולדיגט אַז ער קען לענגער ניט בלייבען. ער זאָגט אַז ער מוז געהן הערען עפּעס אַ פאָרלעזונג פון אַ בעוואוסטען אידישען רעדנער.

איך ליעג נאָך ביי דעם מאַן אין פּאַקעט און איך פיהל אַז איך בין דאָ אין אַ האָל פול מיט מענשען. איך הער ווי איינער האַלט אַ רעדע און שרייט ווערטער וואָס קלעפּען זיך ניט. איך דענק אַז דער רעדנער אַליין פערשטעהט אויך ניט וואָס ער פּלוידערט. הערט וואָס ער האָט געזאָגט:

„דאַרווין האָט אין זיינע סינטהעטישע טהעאָריען איבער עוואָ־לוציאָן דורכגעפיהרט מיט פּסיכישע דעדוקציאָנען אַלעס וואָס קען דע־מאָנסטרירען די סאָלידאַריטעט פון עפּעקטען און לכל הפּחות די אָרגאַ־נישע סובסטאַנצען פון באַטאַנישען אוניווערזום וואָס ווערען אַמאַלגאַ־מירט מיט..."

„מעהר האָב איך ניט געהערט. ווייל דער מאַן ביי וועמען אין פּאַקעט איך בין געלעגען, האָט אריינגעשטעקט זיין האַנד דירעקט צו מיר, האָט מיך שטיל ארויסגענומען — און טררראַך!!! ער האָט מיך געוואָרפען אַהין צום רעדנער אין נאָז! ווען איך בין געפלויגען אין דער לופט צום רעדנער, האָב איך געוואוסט אַז דאָס איז מיין ענדע. אָבער איך האָב אמת פערגניגען געהאַט וואָס פון מיין ענדע וועט ארויסקומען אַ טובה פאַר די הונדערטע מענשען אין האַלל, וועלכע האָבען געמוזט הערען די עזעלשע פּלוידעריי פון אַזאַ אידיאָט.

„פון רעדנער'ס נאָז בין איך אַראָבגעפאַלען אויף דער ערד, און מיין רויטער מאַנטעל איז שוין געוועזן צושפּאָלטען. ווען איך האָב זיך בעקענט מיט'ן רעדנער'ס נאָז האָבען אַלע זיך צולאַכט, און דער רעדנער האָט זיך ארויסגערוקט גאָר אָהן כבוד. איך האָב שעהן געלעבט און בין נאָך שעהנער געשטאָרבען, ווען איך האָב אַראָבגעטריעבען אַ חצוף פון דער פּלאַטפאָרמע."

ווען צמח בעל־משלים האָט געענדיגט זיין ביאָגראַפיע פון דער טאָמייטע, האָבען אַלע פראָמינענטע איהם אַפּלאָדירט, און צמח האָט געמאַכט די פאָלגענדע בעמערקונג:

— איך האָף אז די מעשים טובים פון יענע טאָמייטע וואָס איז געשטאָרבען לטובת הכלל, וועלען ליעפערן אַ ווידער־קול אויך ביי אַנדערע טאָמייטעס, וועלכע וועלען אויך שטאַרבען פאַר'ן כלל יעדעס מאָל, ווען עס וועט ערשיינען אַ רעדנער צווישען די אקטען אין אידישען טהאַטער צו לאַנגווייליגן דאָס פובליקום...

צוויי גענזענע גבורים

א קאָמעדיעלע אין 1 אַקט און 3 סצענעס *)

פּערזאָנען:

קאָהען, 65 יאהר אַלט, לענדלאָרד. לעבט פון זיינע רענט.
ליוואַי, 60 יאהר אַלט, לענדלאָרד, לעבט פון זיינע רענט.
מיסים קאָהען, 55 יאָהר אַלט.

(די סצענע קומט פאָר אין אַ פאַמיליען האָטעל, לענאָקס עוו., נ״ו יאָרק)

ערשטע סצענע.

ליוואַי: יא, פריינד קאָהען, ווי איך האָב אייך געזאָגט, איז דאָס לעבען פון אַ לענדלאָרד צוריקגעצויגען פון ביזנעס אַ ביסעל לאַנגווייליג. עס ווערט איינפאַך נמאס און מאוס צו זיצען און עסען פון פארטיגען.

קאָהען: יא, פריינד ליוואַי, עס איז געווים קיין מאכל צו עסען לעבעדיגע געלד. איך בין פון אייער מיינונג.

ליוואַי: בראַוואָ, מיסטער קאָהען, עס פרעהט מיך וואָס איהר שטימט איין אין אַלעם וואָס איך זאָג, טאַקע ווי אמת׳ע פריינדע.

קאָהען: אַ שעהן פּנים וואָלט געהאַט אונזער וועלט, ווען זאָלכע צוויי גוטע פריינדע ווי מיר ביידע זאָלען חלילה ניט שטימען. עס איז פינף־און־צוואַנציג יאָהר זייט מיר זיינען פריינדע. געדענקט איהר, ווען מיר האָבען געפּעדעלט אויף די זעלבע עוועניו מיט בלעך? אונזער פריינדשאַפט דויערט שוין זייט דאַן, נו, וואָס איז דער וואונדער וואָס מיר שטימען איין אין אַלעם?

---

*) אַלע רעכטע פון דיעזע קאָמעדיע רעזערווירט פון פערפאַסער.

ליוואַי: פריינדשאַפט איז דאָך אַלעס, און אָהן פריינדשאַפט איז דער מענש אַ האַלבער מענש. אייך קומט טאַקע אַ גרויסען דאַנק פאַר אייער קלוגען פּלאַן, אַז איך זאָל וואָהנען מיט אייך צוזאַמען. איהר האָט אייך צוויי צימערען, איך האָב צוויי צימערען, און מיר האָבען איין פּאַרלאָר פאַר ביידען, טאַקע ווי אמת'ע גוטע פריינד. דער חילוק צווישען אונז איז נור, וואָס איהר האָט אַ ווייב, זאָל זי אייך געזונד און שטאַרק זיין, און איך בין אַן אַלטער בחור. נו, איז וואָס? אבי איך האָב אייער פריינדשאַפט.

קאָהען (שטעלט זיך): בראַוואָ, מיין טהייערער פריינד, איך בין מיט אייך איינפערשטאַנען. יעצט מוז איך אריבערלויפען צו מיין שניידער אין 125טע סטריט (ער נעהמט ארויס זיין זייגער), עס איז 5 אוהר 20 מינוטען. איך האָב נאָך צייט 15 מינוטען.

ליוואַי (נעהמט ארויס זיין זייגער): ניין, עס איז 5 אוהר 25 מינוטען.

קאָהען: 5.20, זאָג איך אייך.

ליוואַי: ענטשולדיגט, עס איז ניט 5.20 נור 5.25! אָט נאַט אייך, קוקט אייך איין.

ליוואַי: אייער זייגער פערשפּעטיגט זיך אין 5 מינוטען.

קאָהען: ניין, אייער זייגער לויפט אין 5 מינוטען.

ליוואַי: ווי קען מיין זייגער לויפען אַז איך האָב איהם אַליין געשטעלט היינט נאָכ'ן זייגער פון סאַבוויי ביי גרענד סענטראַל דיפּאָ?

קאָהען: און ווי קען מיין זייגער קריכען, ווען איך האָב איהם געשטעלט היינט אויפ'ן זייגער פון העראַלד סקווער? אָה, ניין, איך האָב קיין טעות.

ליוואַי: דער זייגער אויפ'ן העראַלד סקווער איז אַן אַלט-מאָדישע מאַשינע אויף וועלכע מען קען זיך מעהר ניט פערלאָזען. וואָס קען מען ערוואַרטען פון אַ זייגער צו וועלכען די זון קומט צומאָל ניט צו ווי געהעריג, ווייל עס איז פערשטעלט פון עלע-וויי־טער?

קאָהען: וואָס טויג מיר „זון", „עלעווייטער"? מיין זייגער איז דער ריכטיגער און אייערער איז היינט „צודרומשקעט".

ליוואַי: אייער זייגער איז צודרומשקעט!

קאָהען: אָה, זיינט איהר אַן עקשן!

ליוואַי: אָה, זיינט איהר אַן איינגעשפּארטער! מיין זייגער איז גאַראַנטירט פון די „האַף־פּאַסט סיקס קאָמפּאַני", אַז ער וועט געהן ריכטיג צוואַנציג יאהר מיט עלף טעג.

קאָהען: מען לאַכט פון אייך, מען קען קיין זאַך ניט גאַראַנ־טירען פאַר צוואַנציג יאהר, און מען האָט אייך געפיהרט אין באָד. צוואַנציג יאהר מיט עלף טעג! כאַ־כאַ־כאַ!

ליוואַי: מען האָט אייך געפיהרט אין באָד, ווען מען האָט אייך איינגערעדט אויף אַ ציבעלע אַז דאָס איז אַ זייגער, כאַ־כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!

קאָהען: עס איז כלעבען נאַריש צו הערען, ווי איהר שטעהט מיט אייער חזיר'שע „פּאַטייטאַ" אין האַנד און רעדט פון מיין „ציבעלע"...

ליוואַי: וואָס האָט איהר געזאָגט? „חזיר'שע פּאַטייטאַ"? זייט מוחל, מיסטער קאָהען, און בעהאַלט אייערע „כבודים" פאַר אַנדערע פון אייער משפּחה.

קאָהען: דאָס איז אַ ביסעל אַ חוצפּה צו זידלען מיין פאַמיליע. איך האָב עפּעס מיט אייך צוזאַמען חזירים געפיטערט? איהר זיינט אַן אונפערשעהמטער מענש!

ליוואַי: איהר זיינט אַן אַלטער אידיאָט!

קאָהען: איך בין ניט מעהר אייער פריינד.

ליוואַי: איך בין קיינמאָל ניט געוועזן אייער פריינד.

קאָהען: איך אויך ניט. מיינע פריינדע זיינען אַלע שעהנע מענשען, פערהייראַטהע מענער ווי איך, ניט קיין אַלטע בחורים וואָס זיינען ניט מאָראַליש און קיין גוטע סיטיזענס, ווי רוזוועלט זאָגט.

ליוואַי: און איהר זיינט מאָראַליש און עהרליך, האַ? איך קען אייער מאָראַל ווען איהר לויפט נאָך די קעכין אין קיך, און איך קען אייער עהרליכקייט ווען איך שפּיעל מיט אייך אַלע אבענד אין

פינאַקעל... עס איז אסור ניטאָ וואָס מקנא צו זיין אייער ווייב. זי האָט פון אייך געגנוב.

קאָהען: יא, ווי איהר קוקט איהר אָן האָט זי אויף זיך 260 פונט צרות.

ליוואַי: זי איז נעבעך טאקע ניט קיין פּארשוין, אָבער א מענש איז זי דאָך ווענינסטענס.

קאָהען: און איהר זיינט ניט קיין מענש און גאָר ניט, אויס מחותן מיט אייך, איך געה אייך צוריק אָבגעבען דעם קריסטמעס־פּרעזענט וואָס איהר האָט מיר געגעבען, אָדער גיכער — וואָס איהר האָט מיין ווייב געגעבען, און איך וויל פון אייך ניט וויסען! (קאָהען געהט ארויס).

צווייטע סצענע.

מרס. קאָהען: וואָס איז, האָסט זיך געקריגט?

קאָהען: אזאַ חזיר, אזאַ באָדיונג ווי דער ליוואַי איז.

מרס. קאָהען: ווי אַזוי איז געוואָרען אזוי גיך דיין בעסטער פריינד א באָדיונג? דאָס האָט זיך אויסגעלאָזען פון 25 יאָהר פריינדשאפט?

קאָהען: ער האָט אונז ביידע געמאכט ווי די בלאָטע.

מרס. קאָהען: עס קען ניט זיין. אזאַ געלאַסענער מענש ווי ליוואַי איז זאָל פּלוצלינג...

קאָהען: מילא, וואָס ער האָט פון מיר געמאכט בין איך איהם מוחל, אָבער ער האָט אָבגעלאַכט פון דיר, אַז דו ביזט א שטיק פלייש פון 260 פונט און העסליך ווי די נאַכט.

מרס. קאָהען: רעכט אויף דיר. מען האנדעלט ניט מיט לומפּען, מען וואוינט ניט אין שכנות מיט לומפּען און מען שפּיעלט ניט מיט א לומפּ פּינאַקל. מיין אונגליק איז וואָס דו ביזט קיין מענש ניט!

קאָהען: מיינסט אַז איך האָב איהם געשוויגען? איך האָב איהם אויסגערעכענט אזאַ יחוס־צעטעל אַז עס איז איהם פינסטער געוואָרען אין די אויגען.

מרס. קאָהען: קוק איהם נאָר אָן! ער האָט איהם „נעגעבען". אַזאַ פּרא אדם ווי ליוואַי'קע דאַרף זיצען אין קייטען, אום ער זאָל וויסען אַז מען דאַרף האַלטען מויל.

(ליוואַי קומט אָן מיט אַ פּעקעלע אין האַנד).

דריטע סצענע.

קאָהען: ער איז דאָ דער מטורף.

מרס. קאָהען: זיינע אויגען זיינען רויט. ער האָט געוויס געוויינט.

ליוואַי: איך ברענג אייך צוערשט אָב אייער פּרעזענט, און איהר גיט מיר אָב צוריק מיין פּרעזענט. פון אַ שונא וויל איך קיינע מתנות. אנשטאט צו זיצען צווישען שונאים, געה איך בעסער פערוויילען אַ פּאָאר שטונדען אין אידישען טהעאַטער, זעהן דעם „אידישען אָדער". עס איז שוין געוויס באַלד האַלב נאָך 7 אוהר. (ער ציהט אַרויס זיין זייגער) אָה, וואָס זעה איך? ! מיין זייגער שטעהט, עס איז נאָך 5.20 ווי פריהער. (ער לעגט צו דעם זייגער צום אויער). יאַ, ער שטעהט!

קאָהען: און איהר האָט מיר געוואָלט איינרעדען אַז מיין זייגער איז אַ פּאַטייטע. (ער ציהט אַרויס זיין זייגער). וואָס זעה איך? ! ביי מיר איז נאָך אַלץ 5.25, ניט מעהר. (ער לעגט איהם צו צום אויער) כלעבען, אויך מיין זייגער שטעהט!

ליוואַי: אויב אַזוי, בין איך דאָך טאַקע געוועזען אונגערעכט.

קאָהען: אויב אַזוי, בין איך דאָך אויך געוועזען אונגערעכט. ענטשולדיגט מיר, מיסטער ליוואַי.

ליוואַי: ענטשולדיגט מיר, מיסטער קאָהען.

מרס. קאָהען: קוקט זיי נור אָן די צוויי געגזענע גבורים ווי זיי שטעהען מיט די זייגערס אין האַנד און ווילען וויינען! וואָס איז אייך ביידען? קראַנק?

קאָהען: עס איז געוועזען אַ טעות, מיין ווייב. ליוואַי געהט שוין ניט אין טהעאַטער, מיר געהען אַלע דריי מאַכען אַ פּינאָקל.

פערפאַלען, ווען מען איז פריינדע 25 יאהר קען מען ניט ווערען קיינע שונאים אין אַ מינוט צוליעב אַ זייגער וואָס שטעהט.

ליוואַי: לאָזען אונזערע זייגערס שטעהען, אבער אונזער פריינדשאַפט שטעהט העכער פאַר אונזערביידענ'ס זייגערס, ניט אמת?

קאָהען: אַ מענש אָהן פריינדשאַפט איז בלויז אַ האַלבער מענש.

מרס. קאָהען (צולאַכט זיך): איך האָב מורא אז איהר זיינט ביידע עובר בטל. נו, זייערע זייגערס שטעהען — געזונטע גבורים!

(פאָרהאַנג.)

פנים־רעפאָרם־אינסטיטוט

(אַ פאַנטאַסטישע מעשה'לע)

לאַנגע נעזער, געזיכטען פערדרעהטע,
קורצע שטערענס, ליפען צושפּרייטע,
איהר אַלע געהט צו דר. סקינער דע־לינץ,
ער וועט אייך מאַכען שעהן, ווי אַ פּרינץ.

דאָס איז געווען די מליצה מיט גרויסע ווערטער און אַ שעהן בילד וואָס איז געהאנגען פאר'ן טהיר פון דר. סקינער דע־לינץ, דער דירעקטאָר פון „פנים־רעפאָרם אינסטיטוט" ווי ער האָט אליין בעטיטעלט זיך און זיין מעדיצינישען אנשטאַלט.

נור, לאָמיר לאָזען געהן ווי עס האָט אויסגעזעהן דרויסען פאר'ן טהיר פון דיזען מערקווירדיגען אינסטיטוט, און לאָמיר בעסער אריינפיהרען דעם לעזער אינוועניג. דר. סקינער דע־לינץ איז געזעסען מיט אַ ציגאַר אין מויל און האָט גאַנץ ערנסט ערקלערט זיין אסיסטענט דר. סקימער, אַז זייער „פנים־רעפאָרם אינסטיטוט" האָט שוין דערגרייכט די העכסטע קונסט צו ענדערן אבי וועלכען פנים, פונקט ווי אַ גוטער שניידער קען מאַכען פון אַ בגד וואָס ער וויל, און בכן איז שוין פאר זיי צייט עפּעס ארויסצוקומען מיט אַ שפּאָגעל נייע סענסיישען אין זייער פּראָפעסיאָן, און מאַכען נאָך מעהר געלד.

— איך וועל אייך זאָגען, דר. סקינער — האָט דר. סקימער אָנגעפאנגען — ווי באַלד אַז איהר פערגלייכט אונז שוין יאָ צו שניידערס, איז מיר איינגעפאלען צו פרעגען: ווער זיינען די בעסטע שניידערס פון דער וועלט? געווים ניט די יעניגע וואָס מאַכען קליידער לויט די מאָדע, נור די וועלכע ברענגען אליין ארויס אַ נייע מאָדע ווען זיי ווילען און צווינגען דעם עולם זיך צו קליידען

לויט די מאָדע וואָס די שניידערס לאָזען ארויס. יעצט פרעג איך איך, פריינד סקינער, פאַרוואָס זאָלען מיר ניט נאָכטהון די גרויסע שניידערס? פאַר אונז טויג ניט ווען אַ קליענט קומט צו אונז און זאָגט אַז זיין נאָז איז צו קורץ אָדער צו לאַנג, אָדער זיין מאָרדע צו שפּיציג, און מיר זאָלען עס מאַכען ווי ער וויל. ניין, דאָקטאָר, מיר אַליין דארפען בעשליסען צווישען זיך אַז איין סיזאָן זאָל זיין די מאָדע צו טראָגען לאַנגע נעזער, אַן אַנדער סיזאָן וועלען מיר אַרויסברענגען קורצע נעזער, נאָך אַן אנדער סיזאָן פלאַטציגע נעזער און אַזוי כסדר, ווי די שניידערס טהוען, און אויף אזא אַרט וועלען מיר זיך אָנשיטען מיט מיליאָנען. ניט אמת?

— טאַקע אַן אויסגעצייכענטער פּלאַן! — האָט אויסגעשריען דר. סקינער דע־לינץ — אָבער מיר מוזען צוערשט זיך פערשאַפען אַ געוויסען מאָדעל פון אַ פּנים וואָס זאָל געפעלען אַלעמען. און דיזען שעהנעם פּנים וועלען מיר „קאָפּיראַיטען“ אין וואַשינגטאָן. צו־ערשט לאָמיר אויפזוכען אַ שעהנעם מאָדעל פון אַ מענערשע געזיכט, און ווען דאָס וועט זיין אַן ערפאָלג, וועלען מיר זיך אויך נעהמען צו די פרויען, ווייל מיט דאַמען מוזען מיר זיין מעהר פאָרזיכטיג. אַלזאָ, צוערשט אַ שעהנעם מאָדעל פון אַ פּנים פיר מענער.

דר. סקימער איז אַרויסגעגאַנגען אויף בראָדוויי און 42טע סטריט, און אויף פינפטע עוועניו פון יענער געגענד, אום צו געפינען עפּעס אַ אידעע, אַ מאָדעל פון אַ ריכטיג שעהן פּנים וואָס זאָל אונגעפעהר געפעלען ווערען אַלעמען, און וואָס זאָל דיענען אַלס אַ מוסטער־מאָדעל פאַר'ן „פּנים־רעפאָרם אינסטיטוט“. נאָכדעם ווי דאָקטאָר סקימער האָט אַזוי אַרומשפּאַציערט איינינע שטונדען האָט ער בעמערקט אין אַ פאָטאָגראַפישע גאַלערי אַ בילד מיט אַ מערק־ווירדיג שעהנעם פּנים פון אַ מאַן, אַ פּנים וואָס איז ניט נור שעהן, נור אויך נאָבעל, אַנגענעהם, פריינדליך און מאַגנעטיש. דאָקטאָר סקימער האָט ניט לאַנג געטראַכט, ער האָט געקויפט דאָס בילד אום עס איבערצוגעבען צו אַ גוטען סקולפטאָר, און ער איז געווען זיכער אַז מיט נאָך קלענערע אויסבעסערונגען פון סקולפטאָר, וועט דער קאָפּ אין גיפּס זיין דער שעהנסטער מאָדעל וואָס וועט מוזען געפעלען אַלעמען! אין איינינע טעג אַרום, ווען דער סקולפטאָר האָט

נעבראַכט דעם וואונדערשעהנעם קאָפּ, זיינען ביידע דאָקטוירים געווען העכסט צופריעדען מיט זייער מאָדעל און זיי האָבען אָנגעפאַנגען שטאַרק אדווערטייזען אין אַלע צייטונגען וועגען זייער נייעם פּלאַן. דער אַדווערטייזמענט, וואָס איז געווען אין גראַמען, האָט געלויטעט אונגעפעהר אַזוי:

ווילט איהר האָבען א פּנים פאַל חן
און אויך זיין ווי א מלאך שעהן?
ווילט איהר זיין ערנסט ווי אַ ריכטער,
אָדער ווי אַ מוזיקער און אַ דיכטער?
ווילט איהר אויסזעהן ווי אַן אַריסטאָקראַט,
אַ חכם, אַ גבור, אָדער אַ דיפּלאָמאַט,
אַ טראַסט־מאַגנאַט אָדער אַ פּרינץ? —
דאַן געהט צו דר. סקינער דע־לינץ.

ביי דער זייט פון דיזע „פּאָעזיע" איז געווען דאָס בילד פון דעם נאָבעלען שעהנעם פּנים, און אונטען איז געווען די אדרעסע פון דעם „פּנים־רעפאָרם אינסטיטוט" אויף בראָדוויי. דער רעזולטאַט איז געווען ווי ערוואַרטעט. דען באַלד אויף מאָרגען האָבען זיך בעוויזען אייניגע פּערזאָנען מען זאָל „רעפאָרמירען" זייערע פּנים'ער לויט דעם פּנים וואָס זיי האָבען געזעהן אויפ'ן אדווערטייזמענט. דער ערשטער פּאַציענט וועלכען דער דאָקטאָר האָט אריינגענומען אין אָפּעריישאָן־צימער האָט געהאַט א שרעקליך געזיכט. ער האָט אויסגעזעהן עפּעס ווי א גזלן. „ער מוז זיין א באַנדיט" — האָט דער דאָקטאָר געטראַכט — אָבער ווען דער פּאַציענט האָט איהם געזאָגט אז ער איז א פּלאָמבער, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צו זיך אליין מיט א שמייכעל, אז ער האָט שיער געטראָפען... דער פּלאָמבער האָט ערקלערט, אז ער האָט א פּלאָמבינג סטאָר און מאַכט גוטע געשעפטען. אבער ער וואָלט געמאַכט צעהן מאָל אזוי פיעלע בעסערע געשעפטען, ווען ער וואָלט ניט געהאַט אזא שרעקליכען פּנים וואָס פערטרייבט מענשען.

אין ווייניגער ווי א שטונדע, ווען דער פּלאָמבער איז געלעגען „פערשלעפערט", האָבען ביידע דאָקטוירים אָבגעטהאָן דעם גרעסטען

טהייל ארבייט. אין הויט פון שטערן האָבען זיי אריינגעגאָסען פעטענט וואקס אז דער שטערן זאָל זיין איבעראל גלייך אָהן הויקערס, ווי אויף דעם נאָבעלען פנים פון זייער אדוועררטייזמענט. מיט אנדערע מיטלען האָבען זיי בעהאנדעלט דעם פלאָמבער'ס נאָז, מאָרדע און ליפּען, ביז זיין גאנצער פנים איז פערוואנדעלט געוואָרען אין א זעהר סימפּאטישעס געזיכט. ווען דער פּאציענט האָט ער־וואכט פון זיין שלאָף־טרונק און מען האָט איהם געצייגט א שפּיגעל, איז ער געוואָרען אויסער זיך פון פריידע און האָט בעצאָהלט מיט פערגניגען די 50 דאָלאר וואָס די ארבייט האָט געקאָסט.

דער נעכסטער פּאציענט איז געוועזען א באר־טענדער, אויך מיט א ווילד־שרעקליכער צורה. ער האָט דערצעהלט, אז ער וויל חתונה האָבען מיט א מיידעל וואָס ער ליעבט מיט'ן גאנצען הארצען, אָבער זי האָט קיין צוטרויען צו זיין משונה'דיגען ווילדען אויסזעהן. אויך דיזער באר־טענדער איז מרוצה געוואָרען צו האָבען אזא שעהן פנים ווי דער אויף דעם דאָקטאָר'ס אדוועררטייזמענט... דערזעלבער שלאָף־טרונק און דיזעלבע אָפּעראציאָן ווי ביים פלאָמבער און דער באר־טענדער האָט פערלאָזען דעם דאָקטאָר'ס אינסטיטוט מיט א פנים ווי אן איידעלער פילאנטראָפּ. דער דריטער פּאציענט איז געוועזען א פּאָליטישען, וועלכער איז געוועזען קאנדידאט פיר גאָווערנאָר, און איז געוועזען כמעט זיכער מיט זיין זיעג, נור זיין פנים איז איהם געשטאנען אין וועג.

באלד דעם ערשטען טאָג זיינען אין ניו יאָרק ארומגעגאנגען צוועלף מענשען, און יעדער פון זיי האָט געהאט דעם זעלבען פנים פון דעם מאָדעל וואָס דער דאָקטאָר האָט געהאט אין אָפּיס, אָהן צו רעכענען דעם דרייצעהנטען מאַן, פון וועמען דער מאָדעל איז אראָבגענומען געוואָרען! דר. סקינער און דר. סקימער זיינען געוועזען ביזי טאָג און נאכט, און ביז ענדע דער וואָך האָבען זיך ארומגעדרעהט אין ניו יאָרק 116 מענשען וועמעס געזיכטער עס האָבען אויסגעזעהן ווי אויסגעקנאָטען פון זעלבען פורעם!

אָבער דעם נעכסטען זאָנטאג האָט פּאסירט אין ניו יאָרק עפּעס וואָס האָט אויפגערודערט די גאנצע שטאדט. ווען דער בעריהמטער רעווערענד דר. פלים־פלאם האָט געענדיגט פּרעדיגען אין זיין טעמפּעל

אויף דער וועסט סייד, זיינען צוגעגאַנגען צוויי דעטעקטיוום און האָבען איהם אַרעסטירט אַז ער איז דער מאַן וועלכער האָט געגעבען אַ פאַלשען טשעק צו אַ פּאַרמער. דר. פּלים־פּלאַם האָט זיי אָנגעקוקט אַז ער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגען, אָבער זיינע טענות האָבען איהם ניט געהאָלפען: די דעטעקטיווס האָבען געהאַט אַ פאָלשטענדיגע בעשרייבונג פון פערברעכער'ס פּנים, לויט דעם פּאַרמער'ס שילדערונג, אַ פּנים וואָס שטימט אין יעדען האָאר מיט דעם דאָקטאָר פּלים־פּלאַם. נו, דאַרף מען נאָך האָבען בעסערע בעוויזע? אויף בראָדוויי איז אויך באַלד בעקאַנט געוואָרען אַז אין די זעלבע צייט ווען מען האָט אַרעטירט דר. פּלים־פּלאַם, האָבען אַנדערע צוויי דעטעקטיווס אַרעטירט אַ בעריהמטען טענאָר פון מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא הויז פאַר דעם זעלבען פערברעכען פון פאַלשען טשעק צום זעלבען פּאַרמער. און מען האָט אויך זאָגאר געמורמעלט, אַז אַ מיליאָנער פון וואָלל סטריט איז אַרעטירט געוואָרען אויך פיר דעם זעלבען פאַלשען טשעק צום זעלבען פּאַרמער.

אָבער די גרויסע סענסיישאַן איז געווען אויף מאָרגען, מאָנטאָג פריה, ווען צעהנדליגע דעטעקטיווס האָבען געבראַכט אין קאָורט צוזאַמען מיט דר. פּלים־פּלאַם ניט ווייניגער ווי נאָך זעכציג פערברעכער, אַלע זעכציג מיט דעם זעלבען פּנים, און יעדער פון זיי איז בעשולדיגט פאַר דעם זעלבען פערברעכען פון פאַלשען טשעק! דער געלעכטער אין קאָורט איז געווען אונבעשרייבליך. און זאָגאר די פּאָליסלייט מיט די דעטעקטיווס האָבען זיך געקייקעלט פון געלעכטער. וואָס איז דאָס פאַר אַ כשוף?! איז דאָס אַ חלום? אָבער ווי קענען אַ הונדערט מענשען אין קאָורט האָבען דעם זעלבען חלום? דער ריכטער האָט נור געהאָט כח צו זאָגען „פריי", און ער האָט באַלד גע'חלש'ט.

ווען דר. סקינער דע־לינץ האָט געלעזען אויף מאָרגען אין צייטונג וועגען דיזע קאָמעדיע אין קאָורט, האָט ער געשריעבען אַ בריעף און געבעטען אום ענטשולדיגונג דר. פּלים־פּלאַם, און אין די זעלבע צייט האָט ער בעשלאָסען מיט זיין פריינד סקימער אויפצוגעבען פּאָרלויפיג ביז אַ געוויסע צייט דעם פּלאַן אַז „אַלע יעוואַנים זאָלען האָבען איין פּנים".

טויזענד און איין סעקונדע

(קאָמישע צופעלע)

זיי זיינען געווען פיער פריינדע און זיינען געפאָהרען פון קוני־איילענד: א אידישער אַקטיאָר, א אידישער רעפּאָרטער, א אידישער ריעל־עסטייט בראָקער און א צאָהן־דאָקטאָר. ווען דער דאמפּפער איז געווען אין מיטען וועג, איז אַרוים א רעגען, און זיי האָבען זיך אַלע אזוי געלאנגווײלט, אז איינער פון זיי האָט געמאכט א פאָרשלאג אז יעדער פון זיי פיער זאָל דערצעהלען זיין גרעסטע קאָמישע ערפאהרונג אין לעבען, וואָס ער קען זיך דערמאָהנען, אבער יעדע מעשה׳לע דאַרף ניט דויערן לענגער ווי פיער מינוטען, און ניט וועניגער ווי צוויי מינוטען. מיר דאַרפען ניט דערצעהלען לאנגע מעשיות ווי פון 1000 אין 1 נאכט, מיר וועלען יוצא זיין מיט 1000 און 1 סעקונדען.

דער פאָרשלאג איז אָנגענומען געוואָרען, און יעדער פון זיי האָט אָנגעפאנגען קראַצען אין שטערן און זוכען עפּעס אין גאַלערי פון זיין זכרון.

— צוערשט קומט דער אַקטיאָר — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט און אַלע האָבען געשריען: „אונטערשטיצט !“.

וואָס דער אַקטיאָר דערצעהלט.

— ווי איהר ווייסט, מיינע העררען, — האָט דער אַקטיאָר אָנגעפאנגען — זיינען אונזערע אידישע אַקטיאָרען קיינע גרויסע שיסערס. דאָס הייסט אז יעדעס מאָל ווען אַן אַקטיאָר פון אחינו בני ישראל דאַרף אויסשיסען אין זיין דראַמאַ אויף דער ביהנע, ווערט דער רעוואָלווער אַן עקשן און וויל ניט שיסען, כאָטש צוריים זיך. ביי איינע פון דיעזע דראַמאַס, וואו איך האָב אויך געהאַט א ראָלע, האָט דער העלד מיך בעדאַרפט דערשיסען פאַר מיינע

„מעשים טובים“, ווייל איך בין לא עליכם געווען דער אינטריגאַנט. דער אַקטיאָר האָט געדריקט איינינגע מאָל זיין רעוואָלווער, אבער אומזיסט די ארבייט, עס געהט ניט! נור, הערט בעסער כסדר ווי עס איז צוגעגאַנגען די שיסעריי:

— וואַרט, דו באַנדיט! — האָט דער שיסער פּלוצלונג אויסגעשריען דראַמאַטיש צו מיר — דיין ענדע איז שוין געקומען, זאָג אָב „שמע ישראל“ און מיט דיעזען רעוואָלווער וועל איך דיינע געהירן פערברענגען, אַך טייפעל און העלע!

— אבער זעהט, האָט רחמנות, — האָב איך זיך געבעטען — איך וועל שוין מעהר ניט זיין קיין שלעכטער מענש. לאָזט מיך לעבען נאָך כאָטש איין שטונדע, האָט רחמנות און שיסט מיך ניט.

— ניין, ניין, דו טייפעל! — האָט געדונערט דער ליעבהאבער, ציעלענדיג אויף מיר זיין רעוואָלווער — האָסט נור צייט ביז איך וועל אָבצעהלען 3, און דאַן שיס איך. נו, איך צעהל שוין: איינס— צוויי— דדדריי— פּאַף! פּיף!

אָבער א געכטיגער טאָג! דער רעוואָלווער האָט ניט געוואָלט שיסען און האָט אויך צום מאָל קיין קלאַפּ ארויסגעגעבען. ווי דער שיסער האָט דערזעהן אז ער איז אין ראַסעל, האָט געגעבען א שליידער דעם רעוואָלווער און אויסגעשריען מיט א העכסט דראַמאַטישען טאָן דיעזע ווערטער וואָס זיינען גאַר ניטאָ אין זיין ראָלע:

— אָה, ניין, — האָט ער געברומט — איך וועל דיך ניט שיסען, ווייל דאָס איז א צופיעל איידעלער טויט פאַר דיר; איך וועל דיינע געהירן ליעבערסט ארויסשמייסען אויף אַן אנדער אַרט מיט א בריק אין הינטען!

און ביי דיעזע ווערטער האָט ער מיר געגעבען א לעדערנעם שלום עליכם, דאָס הייסט א בריק אין באַלף מחילות. איך בין געפאַלען „טויט“ און דער פאָרהאַנג איז געפאַלען. דאָס פּובליקום האָט אפשר ניט פערשטאַנען ווי אזוי מען קען פערליערען די געהירן דורך א בריק אין הינטען, אָבער מען האָט דאָך אַפּלאָדירט דעם העלד פאַר זיין לעדערנעם שלום עליכם אויף מיין רייִנעם אָרט. ביי אַן אנדער געלעגענהייט האָב איך אַליין בעדאַרפט דערשיסען מיין שוויגער אויפ'ן בית עולם אין דריטען אַקט, און אויך מיין רעוואָל-

ווער האָט דאָן געסטרייקט, אבער אויך איך האָב זיך אָן עצה געגעבען — איך האָב דערוואָרגען מיין שוויגער מיט אַ האַנדטוך.

דער רעפּאָרטער דערצעהלט.

ווי איהר ווייסט איז מיין ביזנעס צו געהן צו מיטינגס און בעריכטען דערנאָך אַלעס אין אַ אידישע בלאַט פאַר וועלכע איך ארבייט. נו, עס טרעפט מיר זעהר אָפט אז איך טרעף זיך צוזאַמען ביי זאַלכע אידישע מיטינגס מיט אייניגע ענגלישע רעפּאָרטערס וועלכע מען האָט איינגעלאַדען כדי זיי זאָלען אַלעס בעשרייבען אין די פּייפּערס. עס איז געווען אַ גרויסער מיטינג בערופען אין די בראָנקס וועגען אַ וויכטיגע זאַך. דער עולם איז צוזאַמענגעקומען פּונקט 8 אוהר אבענדס און דער ערשטער רעדנער האָט אָנגעפאנגען זיין דרשה. די ענגלישע רעפּאָרטערס האָבען זיך געזעצט אויפ־שרייבען וואָס זיי הערען. פּלוצלינג האָט דער רעדנער זיך צוהיצט און אויסגעשריען:

„נו, זאָגט אַליין, פאַרוואָס האָט מען בעדאַרפט מאַכען אַזאַ יאַריד אין הימעל?"

דער אמעריקאנער רעפּאָרטער האָט זיך באַלד געווענדעט צום שוחט וואָס איז דערביי געזעסען, און איהם געפרעגט וואָס דער רעדנער האָט יעצט געזאָגט.

„הי סייד דזשאָסט נאַו — האָט ער ערקלערט אין זיין ביסעל געבראָכענע ענגליש — הי סייד: וואַי דו יו מייק סאַטש אַ מאַרקעט אין העווען?"

— איך פערשטעה אייך ניט, — האָט דער ענגלישער רעפּאָר־טער געמורמעלט — האָט אפשר דער רעדנער געמיינט אַז די מלאכים מאַכען אַ מארק אין הימעל? ער רעדט געוויס פון אַ קאָנ־ווענשאַן פון מלאכים. אבער וואָס מיינט עס?

איידער דער שוחט האָט צייט געהאַט צו ערקלערען די מיינונג פון „מאַכען אַ יאַריד אין הימעל", האָט דער רעדנער אויף דער פּלאַטפאָרמע זיך ווידער צוהיצט און אויסגעשריען:

„איך זאָג אייך, מיינע פריינדע, אַז פון די גאַנצע זאַך וועט זיך אויסלאָזען אַ בוידים מיט אַ פּאָליצע".

דער יענקישער רעפּאָרטער האָט ווידער געפרעגט דעם שוחט וואָס ער האָט געזאָגט, און ער האָט געקראָגען דיעזע דייטליכע ערקלערונג:

— הי סייד: לעט מי טעל יו מאַי פרענדס, אָוו דהי האָל טינג וויל קאַם אוט אַ געֶרעט ענד אַ שעלף.

דער רעפּאָרטער האָט אַ ווײלע געשריבען, אבער ער האָט באַלד פערלאָזען די האָל האלב צומישט, און אויף מאָרגען איז געווען געדרוקט אין אַ גרויסע ניו יאָרקער צייטונג, אַז אַ מערקווירדיגער אידישער רעדנער האָט געהאַלטען אַ מערקווירדיגע רעדע אין וועלכע ער האָט ערקלערט די שווארצע קונסט, ווי אַזוי מען קען פערבלענדען די אויגען פון פובליקום און זיי ווײזען אַ קאָנוועגשאַן פון מלאכים אין הימעל, אָדער צו פערוואַנדלען אַ בווידעם אין אַ פּאָלדינג בעד, אַ קעלער אין אַ פּאַליצע און אַ פּיאַנאָ אין אַ וואַלגערהאָלץ. ער האָט אָבער ניט געהאַט איין וואָרט וועגען עיקר פון דער מיטינג — צו מאַכען אַ מקוה אין די בראָנקס. מען זאָגט, אַז דער רעפּאָרטער איז נעביך משוגע געוואָרען, און זיין משוגעת בעשטעהט אין דעם וואָס ער האַלט אין איין שרייען אויף ענגליש:

— אַוועק פון מיר, נעהמט אַוועק דעם יאַריד פון מיין הימעל, ווען ניט וואַרף איך אייך אַ בווידים אין אייער פּאַליצע.

דער ריעל־עסטייט בראָקער דערציעהלט.

— איך האָב אָנגעפאַנגען מיין פּראָפעסיאָן צו שפּעקולירען — האָט דערציעהלט דער ריעל־עסטייט בראָקער — ווען איך בין אַלט געווען בלויז 5 יאהר, און דאָס האָט פּאַסירט אין טעלז — די אונגליקליכע אָבגעברענטע טעלז — וואו איך בין געווען אַ ישיבה־בחור און געגעסען טעג. איך האָב דאָן געהאַט צוויי מיטוואָכס, אָבער עס האָבען מיר געפעהלט צוויי אנדערע טעג — מאָנטאַג און פרייטאַג. אין די זעלבע ישיבה איז געווען אַ ווידוקלער ישיבה־בחור, טאָדרעסקע מתמיד, וועלכער האָט בלויז געהאַט דריי פרייטאַגס און צוויי מאָנטאַגס. מיר זיינען ביידע צוזאַמענגעקומען אין די ווייבערשע שוהל, וואָס מיר האָבען פערוואַנדעלט אין אַ בערזע, און מיר האָבען זיך געביטען „טעג“ — צוויי פרייטאַגס פאַר

אַ מיטוואָך, מיט אַ פּעקעל טאַבאַק צוגאָב, דעם צוגאָב האָט מען געמוזט געבען, ווייל ווערענד מיטוואָך האָט דריי מאָהלצייטען, האָט פרייטאג בלויז צוויי מאָהלצייטען, דען דער דריטער מאָהלצייט געהערט דאָך שוין צו דעם ביי וועמען מען עסט שבת. ווי איהר הערט, פריינדע, איז דאָס געווען מיין ערשטער טריט אין ספּעקולייר־שען, און דארום בין איך פערבליבען אזא ספּעקולאַנט. מיין ערשטע ספּעקולאַציאָן איז אַלזאָ געווען מיט „טעג“.

— שאַדע וואָס איהר האָט ניט שפּעקולירט מיט נעכט אויך.

— האָט דער אַקטיאָר בעמערקט לאַכענדיג.

וואָס דער דאָקטאָר דערצעהלט.

— ווי איהר ווייסט, — האָט אָנגעפאַנגען דער דאָקטאָר — בין איך געווען מיט אייניגע יאָהר צוריק דער צאָהן־דאָקטאָר אין אַ קליינע שטאָדט פון דער וועסט. אַ פעראיין פון יונגע לייט האָט דאָרט געפּלעט (גערא‏פּעלט) אַן אינדיק און אַ חזיר׳ל, ווייל דיעזער פעראיין בעשטעהט איבערהויפּט פון קריסטליכע יונגע לייט, כאָטש דאָרט געפינען זיך אויך אייניגע אידען פון ביזנעס ווענגען. אָבער, ווי אויף להכעיס איז דער גורל פון פּלעט געפאַלען אַזוי אַז דעם אינדיק האָט געוואונען אַן איירישער קאָנדוקטאָר, און אַ אידישער סטאָרקיפּער האָט געוואונען דאָס חזיר׳ל. אַלע האָבען זיך צולאַכט ווען מען האָט אָבגעגעבען דאָס חזיר׳ל צום אידען וועלכער טראָגט אַ באָרד, פיהרט אַ שטאַטיק און איז אויך פּרעזידענט פון עפּעס אַ קאָנגרעגיישאָן.

אָבער, וואָס טהוט ער מיט׳ן חזיר׳ל? דער איד איז געפאַלען אויף אַ פּלאַן: עס אויסבייטען אויף אַן אינדיק אין מאַרקעט. בקיצור, אונזער פּרעזידענט האָט אייגגעוויקעלט דעם חנ׳עוודיגען חזיר אין זיין ראָק און האָט איהם געטראָגען איבער׳ן דער גאַס. אבער ער האָט אָנגעפאַנגען שרעקליך קוויטשען (דער חזיר, ניט דער פּרעזידענט) און נאַטירליך האָט ער (דער פּרעזידענט, ניט דער חזיר) זיך געבעטען מיט גוטען און בייזען ער זאָל ניט מאַכען זיינע פּאָעטישע קולות. אבער דער חזיר האָט נאָך שטאַרקער געקוויטשעט און זיי ביידע, דער חזיר מיט׳ן פּרעזידענט, זיינען ענדליך געקומען

צו א קריסטליכען בוטשער וועלכער האָט אויסגעביטען דעם חזיר אויף א גאנז. אָבער ווען ער איז געקומען אהיים האָט דער רב פון זיין קאָנגעריישאָן איהם דערצעהלט, אז אויך די גאנז איז טרפה ווי חזיר, ווייל מען טאָר קיין הנאה ניט האָבען פון א חזיר אפילו ווען מען בייט עס אוים אויף א כשרה זאך! דער פרעזידענט האָט א ווײַלע געטראַכט, האָט פערקויפט די גאנז פאַר צוויי דאָלאַר און איז געקומען צו מיר איך זאָל פאַר דיעזע צוויי דאָלאַר איהם ארויס־נעהמען צוויי שלעכטע ציינער.

און ווי איהר פערשטעהט, האָט ער פאַר זיינע צוויי דאָלאַר קיין הנאה געהאַט. אבער אויך איך האָב קיין הנאה געהאַט פון דיעזע צוויי דאָלאַר, ווייל איך האָב דערפאַר געקויפט צוויי טיקעטס צו זעהר א רעאַליסטישע דראַמא, וואָס איך האָב אויסגעקרענקט.

חבצלת

וואס דער גרויסער מאַן האָט געטראַכט

דער ריעזיגער לאָקאָמאָטיוו צוגעשפּאַנט צו זעקס פּרעכטיגע וואַגאָנעס פון דעם „טוועגטיעטה סענטשורי לימיטעד", האָט אַרויס־געלאָזען זיינע ערשטע שווערע טאָך־טאָך'ס, און דער צוג האָט זיך אַרויסגעריהרט פון „סענטראַל דיפּאָ", אויף זיין רייזע נאָך שיקאַגאָ.

דער בעריהמטער אידישער דראַמאַטורג, הערר ו פ ס י, האָט צום ערשטען מאָל אַרויסגעשטעקט זיין קאָפּ דורך אַ פענסטער פון דעם שלאָף־וואַגאָן, וואו ער איז געזעסען, האָט נאָך אַמאָל אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד אַ שטומען „זייט געזונד" צו דעם געזעמעל, וואָס איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפּאָרמע פון וואַקזאַל און איהם צוגעוואונשען אַ גליקליכע נסיעה. דאַן האָט ער זיך צוריקגעלעהנט אויף דער ווייכער פּלושענער באַנק און אַרויסגעלאָזט אַ שטאַרקען זיפץ.

און צוגלייך מיט דעם זיפץ האָבען פון הערר ופסי'ס מטושטש'ע געדאַנקען גענומען אַרויסטאַנצען בוכשטאַבען און ווערטער, וועלכע האָבען זיך ביסלעכווייז צוזאַמענגעשטעלט אין דעם קלאָרען זאַץ:

ב—ר—ו—ך ש—פ—ט—ר—נ—י.

און הערר ופסי, מיט יענעם דראַמאַטישען כח הדמיון, וואָס האָט איהם בעריהמט געמאַכט פון וואַרשאָ ביז ניו יאָרק, און פון ניו יאָרק ביז סאַן פראַנציסקאָ, און ערוואָרבען פאַר איהם דעם נאָמען פון דעם אידישען זודערמאַן — האָט גענומען ווידער איבערגעהן אין געדאַנקען די ערפאַהרונג און די אויפרעגונגען פון די לעצטע פיער וואָכען.

דער טעם פון די צעהן באַנקעטען, פון וועלכע איינער בלויז איז גענוג געווען צו געבען אַ דריי־יאָהריגען מאָגען־קאַטאַר, איז איהם שווער און זויער געלעגען אויף'ן גומען, און די בלומען, און די הונדערטער רעדעס, וואו מען האָט איהם פערגליכען צו משה רבינו,

צו נאַפּאָלעאָן, צו שעקספּיער און צו ניטשע, זיינען געלעגען אויף זיין נאָך קליינשטעדטעלדיגען געוויסען.

אָט איז שוין א קימאַ־לן פון פיער וואָכען, ווי מען האַלט איהם אין איין איינלאַדען פון איין שטאָדט אין די צווייטע, און אומעטום דיזעלבע חתונה, מיט באַנקעטען, מיט בלומען און מיט טאָאסטען.

און ווידער געשמועסט, בעקלאָגען איז זיך אייגענטליך ניטאָ אויף וואָס. פאָהרען פאָהרט ער ווי א גראַף, שטעהט איין אין די בעסטע האָטעלען, און פון בעצאָהלען וויים ער ניט. די קאָמיטע זאָרגט פאַר אַלץ... ער קריגט אין האַנד א פּאַרטיגען באַהן־בילעט, א קאָמיטע בעגלייט איהם אַרויס, און דאָרט אויפ׳ן צווייטען וואקזאל וואַרט שוין אַן אַנדער קאָמיטע.

און דאָ האָט זיך דער גרויסער ופסי דערמאָנט אָן עפּעס וואָס האָט איהם אַזוי ווי א שלאַנג א ביס געטהאָן.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט ניט אין דער קעשענע א צובראָכענעם פּיאַטאַק.

אָט האָסטו דיר! — האָט דער שטערען פון צוויי וועלט־טהיילען געטראַכט — מען גיט דיר בלומען וואָס קאָסטען א שלל מיט געלד, מען טראָגט דיך אויף די הענד, און מען פיהרט דיך אום ווי אַן אבן־טוב, און א סענט ביי דער נשמה האָסטו ניט.

און דאַן האָט ער זיך דערמאָנט ווי ער האָט אויפ׳ן וואקזאל געוואָלט קויפען א פּעקעל פּאַפּיראָסען, און האָט פּשוט ניט געהאַט קיין צעהן סענט... און א געפיהל פון ביטערקייט האָט זיך צוגאָסען אין קנייטשען אויף זיין געזיכט.

און ופסי האָט בעשלאָסען מעהר וועגען דעם אונאַנגענעהמען ענין ניט צו טראַכטען, האָט אויפגעהויבען די „טאַים־טייבעל“ און האָט גענומען לייענען מיט התמדה די מעלות און די גאָלדענע גליקען פון דעם „טווענטיעטה סענטשורי לימיטעד“.

„מיר גאַראַנטירען — איז דאָרט געשטאַנען — אין 18 שטונדען צו קומען אין שיקאַגאָ. פאַר יעדע שטונדע וואָס מיר וועלען זיך פערשפּעטיגען, קריעגט דער פּאַסאַזשיר צוריקגעצאָהלט, ביים אָנקומען אין שיקאַגאָ, א דאָלאַר.“

אַן עלעקטרישער בליץ פון פרייד איז דורכגעפלויגען דורך

ופסי׳ם מוח און די פרייד האָט אָנגענומען די געשטאַלט פון דעם פאָלגענדען גערדאַנקען:

— ווארום קען עס ניט פאַסירען טאַקע היינט, אז מיר זאָלען זיך פערשפּעטיגען? לאָז זיין כאָטש איין שעה — איז אויך א דאָלאר. און דעם דאָזיגען דאָלאר וועט מען נעהמען און מען וועט קויפען פּאַפּיראָסען.

— און רויכערן וועל איך דוקא 3 אויף איין מאָל, און רויכערנ־דיג וועל איך אויסלאָזען די גאַנצע תוכחה אויף דער קאָמיטע און זיי אויסרופען (נאַטירליך אין גערדאַנקען בלויז) וואָס אין קאָרט שטעהט.

דער צוג איז אונטערדעסען האסטיג געפלויגען, און עס איז געוואָרען נאַכט. הערר ופסי איז געלעגען אויף זיין ווייכען פּולמאַן־בעט, אָבער שלאָפען האָט ער ניט געקענט. ער האָט געווארט אויף טאָג. דאַן וועט ער אויסגעפינען אויב דער צוג האָט זיך פערשפּע־טיגט אָדער ניט. און אַזוי ווי מען גלויבט געוועהנליך אין וואָס מען וויל, האָט ער גענומען גלויבען באמונה שלמה, אַז דער צוג מוז זיך פערשפּעטיגען. זאָל זיין כאָטש אויף איין שטונדע. א דאָלאר געהט אויך ניט צו־פוס... און אַז צוויי, איז נאָך בעסער.

אויפגעשטאַנען איז ופסי פריה, און אויף איהם האָט געווארט א גרויסע שמחה. פרעגענדיג דעם קאָנדוקטאָר, האָט ער אויס־געפונען, אַז דער צוג האָט זיך אין דער נאַכט פערשפּעטיגט אויף 1¼ שטונדע.

— א דאָלאר איז שוין דאָ — האָט דער אידישער זודערמאַן געטראַכט — און אַז די געטער (ופסי פלעגט טראַכטען מיטהאָלאָ־גיש) ווילען וועט זיין נאָך איינער און אפשר נאָך צוויי, און די קאָמיטעס קענען געהן לעזאזל.

ארום 12 א זייגער איז אריין דער קאָנדוקטאָר און ופסי האָט זיך א קעהר געטהאָן צו איהם:

— אויף וויפיעל זיינען מיר פערשפּעטיגט?

— מיר זיינען געוועזען פערשפּעטיגט — האָט דער קאָנדוק־טאָר איהם בערוהיגט — אבער איהר דאַרפט זיך ניט ערגערן. מיר האָבען אין פערלויף פון די לעצטע פּאָר שטונדען אריינגעכאַפּט אַן

עקסטרא זעכציג מיילען, און איהר וועט קומען אין שיקאַגאָ צו דער מינוט.

— „אַ פּיפּעץ דיר אויף דער צונג" — האָט ופסי געקלערט. געענטפערט אָבער האָט ער העפליך: „איך דאַנק אייך פאַר די גוטע נייעס."

נאָכמיטאָג האָט דער קאָנדוקטאָר ווידער אַנאָנסירט מיט אַ ביסעל אַ זויערע מינע, אַז דער צוג האָט צוליעב אַ געוויסע סיבה געמוזט געהן אביסעל לאַנגזאַמער און האָט דאַדורך פערלאָרען אַ גאַנצע שעה.

און דער קעניג פון דער דראַמאַ האָט אָבגעלעבט...

עס זיינען געבליבען בלויז אַ 4—5 שעה ביז שיקאַגאָ, און די שטונדען האָט ופסי פערבראַכט, זיך פאַרשטעלענדיג די בלויע רינגען פון רויך, וועלכע ער וועט אַרויסבלאָזען פון די פּאַפּיראָסען, וועלכע ער וועט קויפען פאַר דער אייזענבאַהן קאָמפּאַניע'ס דאָלאַר.

קענען אָבענד איז דער צוג אָנגעקומען אין שיקאַגאָ. אויפ'ן וואקזאל האָט געוואַרט אַ קאָמיטע פון פופציג צו בעגריסען דעם אונפערגלייכליכען. פרויען מיט בוקעטען אין די הענד האָבען אזש געציטערט פון אונגעדולד צו זעהן דעם ליטעראַרישען גאון.

אָבער דער גאון איז געווען בעטריעבט. מרה־שחורה'דיג איז געווען זיין פּנים און אין זיינע אויערען האָט געקלונגען די בשורה וואָס דער קאָנדוקטאָר האָט איהם נאָר וואָס געגעבען:

— איהר זייט אין שיקאַגאָ אָנגעקומען אויף דער מינוט, אזוי ווי איך האָב געזאָגט... אונזער צוג ענטטוישט ניט זיינע פּאַסאַזשירען...

און אויף דעם פּאַסאַזשיר'ס צונג איז געבליבען דער ניט־אַרויסגערעדטער ענטפער:

— געה אין דר'ערד אריין מיט ד י י ן צוג און מיט מ י י נ ע קאָמיטעס אַלס צוגאָב.

דאַן איז ופסי אַרויסגעשטיגען אויפ'ן וואקזאל און גענומען שמייכלען רעכטס און לינקס.

בעשערט אָן אומגליק

חיים שלימאַק איז געווען אַ יונגערמאַן פון אַ גאַנץ יאָהר, אָבער אײן גרויסע מעלה האָט ער געהאַט, אַ מעלה מיט וועלכער ער האָט שטאַרק שטאָלצירט און צוליעב וועלכע ער האָט געקראָגען אַ שם צווישען אַלע זיינע בעקאַנטע. ער האָט נעמליך קײנמאָל קײן ליגען ניט געזאָגט.

אַז חיים שלימאַק האָט געזאָגט אַ וואָרט אָדער דערצעהלט אַ מעשה, האָט איהר געמעגט אַרויפלעגען די האַנד אויף אייער דיך און שווערען אַז עס איז אַזוי.

ווען חיים שלימאַק, כדומה, וואָלט געקומען און דערצעהלט אַז ער האָט געזעהן ווי אַ קוה איז געפלויגען איבער'ן דאַך, וואָלט מען איהם געגלויבט און זיך אפילו ניט פערקרימט.

חיים שלימאַק זאָגט און פערטיג.

מאַכט זיך אַזאַ געשיכטע.

חיים שלימאַק פאָהרט אַוועק אין שיקאַגאָ און קומט צוריק.

„נו — פרעגט איהר — איז בכן?...“

בכן איז —

נאָר לאָמיר דערצעהלען כסדר.

דעמזעלביגען טאָג וואָס חיים שלימאַק איז צוריקגעקומען פון שיקאַגאָ, איז ער געגאַנגען בעזוכען זיינעם אַ קאָזין. דאָרט האָט ער געטראָפען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע, וועלכע האָט איהם בעגריסט מיט דעם געוועהנליכען „אָט קומט דער אמת־זאָגער.“

אַלצדינג איז געגאַנגען כשורה ביז אײנער פון די אַנוועזענדע האָט צופעליג אַ פרעג געגעבען:

— ווען ביזטו אָנגעקומען פון שיקאַגאָ?

— האַלב נאָך אַכט. — האָט שלימאַק געענטפערט, און תיכף חרטה געהאַט. ער האָט אייגענטליך געוואָלט זאָגען האַלב נאָך עלף, נאָר די צונג האָט זיך עפּעס ביי איהם פערטשעפּעט.

דער פרעגער, וועלכער איז געווען אַ טרעוולינג־סיילסמען און אַ בקי אין דער צייט ווען די טריינס קומען פון שיקאַגאָ, האָט זיך

דער פרעגער, וועלכער איז געווען א טרעוולינג־סיילסמען און א בקי אין דער צייט ווען די טריינס קומען פון שיקאגאָ, האָט זיך געוואונדערט אויף אזא מין תשובה און איהם גלייך ווידער געפרעגט:

— דו האָסט ענטוועדער געזאָלט אָנקומען פיער פארטאָג אָדער האַלב נאָך עלף. וואס פאר א טריין קומט דאָס אָן האַלב נאָך אכט?

חיים שלימאַק איז רויט געוואָרען, אבער איידער נאָך ער האָט געהאַט צייט נאָכצודענקען, איז איהם פון מויל ארויס:

— אונזער טריין האָט זיך פערשפּעטיגט צוליעב אַן עקסידענט.

— אַן עקסידענט? — דער עולם איז געוואָרען נייגעריג, און שלימאַק האָט געשפּירט ווי קאַלטע טראָפּענס שוויים געהען איהם ארויס אויפ׳ן שטערען, און די פּאָדלאָגע לאָזט זיך ארונטער פון אונטער זיינע פיס ערגעץ אין תהום אריין.

אָבער איצט איז שוין געגאַנגען אין נצחון.

— עס איז געווען א צוזאַמענשטויס פון טריינס, — האָט ער כמעט ווי אויסגעשריען, און האָט בעת מעשה געשפּירט אזוי ווי א פיש־ביין וואָלט זיך איהם געשטעלט אין גרגרת.

— זיינען מענשען גע׳הרג׳עט געוואָרען? — האָט די בעל־הבית׳טע פון הויז צושראָקען געפרעגט.

— דריי זיינען טויט און צוועלף פערוואונדעט. — האָט שלימאַק געענטפערט און געפיהלט ווי איהם ווערט אזוי ווי צו חלש׳ן.

— שטאַרק פערוואונדעט מסתמא? — האָט אימיצער ווייטער געפרעגט.

— ביי איינעם האָט עס אָבגעריסען ביידע פיס מיט ביידע הענד, און איהר האָט געדאַרפט זעהן ווי דער אונגליקליכער האָט זיך געביך געבעטען, אימיצער זאָל איהם דערשיסען אויף טויט. — האָט שלימאַק האַסטיג ארויסגערעדט און געפיהלט אז אָט־אָט וועט ער דאָ פאַלען א בר־מנן.

איצט איז די גאַנצע קאָמפּאַניע צוגעשטאַנען, אז ניט אַנדערש ער מוז דערצעהלען אומשטענדליך, ווי אזוי עס איז צוגעגאַנגען. און חיים שלימאַק האָט אַן אויפגערעגטער, א בלייכער, האַסטיג

גערעדט, אזוי ווי ער וואלט זיך געאיילט וואס מעהר אריינצוכאפען. ער האט געשילדערט די שרעקליכע סצענע, ווי די פערוואונדעטע, צוברענטע פון דעם לאקאמאטיוו־פייער, צודריקטע פון די רעדער, זיינען געלעגען צושפרייט פון אלע זייטען און ווי פון זייערע קולות האט געקענט א טיגער'ס הארץ פלאצען.

און אין מיטען פון דעם סאמע פפור האט שלימאק געטהאן א שפרונג, געכאפט זיין אויבערראק, געזאגט שנעל „א גוטע נאכט", און זיין מוח האט איהם געברענט ווי אנגעגאסען מיט הייסען בליי, און ער האט געשפירט אז א גרויסע קאטאסטראפע האט מיט איהם פאסירט.

„ליגנער! כזבן! לומפ!" — האט ער געשריען צו זיך אליין — „ניעדערטרעכטיגער מנובל! פאר וואס האסטו זיי גלייך ניט געזאגט, אז דו האסט געמיינט האלב נאך עלף?..."

דאס פּאָאר

(אַ מדרש־לעגענדע)

פּאָארוויז זיינען אַלע בעשעפעניסען פון דער וועלט געקומען צו נח'ס תבה ער זאָל זיי אריינגעהמען... קיינע אָהן אַ זווג איז ניט אריינגענומען געוואָרען. דען דער בעפעהל פון גאָט איז געווען: „נעהם אריין צו פּאָאר פון יעדער מין וואָס לעבט אויף דער ערד".

און ווען די טהויערען פון דער תבה האָבען שוין געזאָלט צוגעריגעלט ווערען, איז הינקענדיג געקומען צולויפען דער ליגען.

— נעהם מיך אריין אין דיין תבה! — האָט ער זיך ביי נח'ן געקליאַנעט.

— וואו איז דיין פּאָאר? — איז געווען דער ענטפער.

— איך האָב ניט קיין פּאָאר. אַלע פלעגען מיך פערשטויסען וויל איך בין מאוס, — האָט זיך דער ליגען געבעטען — נעהם מיך אריין אליין.

— ברענג אַ פּאָאר אָדער ווער אין מבול דערטרונקען!

און שנעל געלאָפען איז דער ליגען, געזוכט, געפרעגט, ביז ער האָט די קללה בעגעגענט.

— ווילסטו מיין זווג זיין? — האָט דער ליגען געפרעגט.

— וואָס וועסטו מיר אַלס נדן געבען? — האָט איהם די קללה צוריקגעפרעגט.

— איך האָב גאָר ניט. אָבער פאר מיר איז די וועלט אָפען. מען לאָזט מיך אין דער תבה ניט אריין, מיט דיר וועט מען מיך אריינלאָזען. און דאן ווען דער מבול וועט זיין אריבער און איך וועל ווידער אויף דער פרייער וועלט ארויס, דאן וועט אַלץ וואָס איך וועל פערדיענען אין דיין האנד זיין.

און די קללה האָט איינגעשטימט. און נח האָט ביידען אריינ־געגומען.

און ווען זיי זיינען אַרויס פון דער תבה האָט דער ליגען אוצרות געזאַמעלט, רייכטהימער אָנגעשאַפט, אָבער זיין זווג האָט אַלצדינג צוגענומען, אַזוי איז דער אָבמאַך געווען...

און דער ליגען איז תמיד געבליבען אָרעם...

יוסף טונקעל

אין א שניט קראָם

פּערזאָנען:

אב. ראָזענשטיין — קרעמער.
יונגערמאַן — קונה.

אָרט: א שניט־קראָם אויף קאַנעל סטריט, ניו יאָרק.

קונה: ציינט מיר טונקעל גרינעם סאַמעט. האָט איהר עס?

אב. ראָזענשטיין (שמייכעלט גדלות'דיג): וואָס הייסט, ביי אונז וועט ניט זיין קיין טונקעל־גרינער סאַמעט?! אין אזא פירמע ווי אב. ראָזענשטיין'ס זאָל ניט זיין, ווייס איך וואָס דאַרטען, א שטיקעל סאַמעט? דאָס איז דאָך פּשוט א געלעכטער.

קונה: טאָ זייט־זשע אזוי גוט און ציינט מיר.

אב. ראָזענשטיין: וואָס ציינען?

קונה: דעם סאַמעט ציינט מיר.

אב. ראָזענשטיין: אָ, דעם סאַמעט... שוין, שוין, שוין. איין רגע'לע... אָט ווי איהר זעהט, צייג איך אייך אזא סאַמעט, אז איהר וועט פּשוט געהן טאַנצען פאַר שמחה. (ער שלעפּט ארויס א שטי־קעל וואארע פון פּאָליצע, וויקעלט עם פונאנדער און גלעט מיט דער האַנד.) נאָט, איהר ווילט זעהן א שטיקעל וואארע?

קונה: ענטשולדיגט, איהר האָט מיך, וואהרשיינליך, פערהערט. איך האָב אייך געבעטען איהר זאָלט מיר געבען טונקעל־גרינעם סאַמעט און איהר גיט מיר גאָר זייד.

אב. ראָזענשטיין: אָבער וואָס פאַר א זייד! אי, אי, אי!

קונה: אָבער איך ברויך סאַמעט.

אב. ראָזענשטיין: אָ, סאַמעט! טאָ וואָס־זשע שווייגט איהר? זאָגט־שע אזוי. טונקעל־גרינעם?

קונה: טונקעל־גרינעם.

אב. ראָזענשטיין (אַרויפקריכענדיג אויפ'ן לייטער און אַרויס־שלעפּענדיג אַ היבשען קנויל שטאָף): הממממ... איהר, מיסטער, גיט נאָר אַ פּרעג דעם קלענסטען איינגעל אין שטאָדט: מיט וואָס צייכענט זיך אויס אב. ראָזענשטיין'ס פירמע? וועט ער אייך גלייך ענטפערן: מיט זיין טונקעל־גרינעם סאַמעט!... וועלל, אַט האָט איהר עס... זיינט איהר אַ מבין אויף דעם שטיקעל סאַמעט?

קונה: יאָ, אבער ער איז דאָך גאָר שוואַרץ.

אב. ראָזענשטיין: און וועלכען סאַמעט ווילט איהר?

קונה: צום טייוועל, איך האָב דאָך אייך שוין טויזענד מאָל געזאָגט: טונקעל־גרינעם, טונקעל־גרינעם.

אב. ראָזענשטיין: טאָ וואָס־זשע איז דער חלוק? גלעבען, מיסטער, נעהמט אָט דעם, דאָס איז דאָך אויך כמעט גאָר טונקעל־גרין. דאַכט זיך, אז נאָך טונקעלער קען גאָר ניט זיין!

קונה: איך דאַרף ניט קיין שוואַרצען סאַמעט.

אב. ראָזענשטיין: אַלע טראָגען יעצט שוואַרצען סאַמעט. ס'איז יעצט די רעכטע מאָדע!

קונה: עס קען זיין. אבער איך דאַרף טונקעל־גרינעם סאַמעט.

אב. ראָזענשטיין: סאַמעט?

קונה: נו, געוויס, סאַמעט!

אב. ראָזענשטיין: ווייסט איהר וואָס? נעהמט נאָר אַ שטיקעל סאַטין. אַזוי גרין, אַ געוואַלד!

קונה: הערט, דרעהט מיר ניט קיין קאָפּ! איהר האָט טונקעל־גרינעם סאַמעט — איז גוט, אַניט — געה איך אין אַן אַנדער קראָם.

אב. ראָזענשטיין: הי, הי, הי, און נאָך מסתמא צו סעמקע קוטין וועט איהר געהן, וועלכער האָט ערשט יענע וואָך אַרויסגעטריבען זיין טאָכטער, ווייל זי האָט, איהר זאָלט מיר מוחל זיין, עפּעס... אין פּאַרק... אָדער איהר וועט געהן צו דזש. זיסמאַן, דעם שווינדלער מיט די פרישצעס אויף דער נאָז, וואָס וועט אייך אראָבשינדען די הויט און וועט ביי אייך צונעהמען די עטליכע דאָלאַר, וואָס איהר האָט פערהאָרעוועט מיט בלוט און שוויים... וואָס דען? איהר

גנב'עט אייער געלד? געווים פערהאָרעוועטע... אין אַמעריקא דארף מען האָרעווען אויפ'ן דאָלאַר... גוט, גוט, איך וועל אייך באַלד טאַקע צייגען אַ שטיקעל וואַרע, וואָס איהר וועט אַ געשריי טהון: מיסטער ראָזענשטיין! שניידט מיר אָב דערפון הונדערט יאַרד!... אַהאַ, אָט דאָס איז עס... די רעכטע שטיקעל וואַרעלע... אנו, וואָס וועט איהר, אַ שטייגער, זאָגען אויף אַזאַ שעוויאָטעל?... האַ? איך זעה שוין אייערע אויגעלעך בלישצען!... עס געפעלט אייך! אַ־יאָ, עס געפעלט אייך?!

קונה: צום טייוועל מיט אייער שעוויאָט! איך בין אַזוי פערנומען און איהר נעהמט ביי מיר צו די גאַנצע צייט!

אב. ראָזענשטיין: איהר דאַרפט ניט קיין שעוויאָט? נו, גיב איך אייך, וואָס איהר דאַרפט. איהר דאַרפט סאַמעט, זאָגט איהר? — ווייס איך... דער מיסטער דאַרף סאַמעט... גוט! וואָס בין איך עפּעס, אַ גזלן, וואָס איך זאָל צונעהמען ביי אייך אייער צייט?... צייט איז זעהר אַ טהייערע זאַך. זעהר אַ טהייערע זאַך! צייט האָט אַזאַ טבע, אַז עס געהט אַוועק איין מינוט, אַ מינוטקעלע — קעהרט זיך דאָס שוין קיינמאָל ניט אום צוריק... ניטאָ, אַוועקגעגאַנגען און גאָר... יאָ, מיסטער לעבען, פון מינוטען ווערען שטונדען, פון שטונדען, טעג, פון טעג מאָנאַטען, פון מאָנאַטען יאָהרען און פון יאָהרען — — —

קונה: צום טייוועל! (אונגעדולדיג) איהר גיט מיר טונקעל־גרינעם סאַמעט צי ניט?! איך בעט אייך סאַמעט! איהר פערשטעהט?! (שרייט) און דער סאַמעט זאָל זיין טונקעל־גרין!... איהר הערט, וואָס מען רעדט צו אייך?! ניט שוואַרץ, ניט בלוי, ניט געל!... ניט שעוויאָט, ניט לינען, ניט געוואַנד, ניט זייד, ניט סאַטין, נור סאַמעט! סאַמעט! טונקעל־גרינעם סאַמעט!!...

אב. ראָזענשטיין: נאָט איז מיט אייך, מיסטער, צו וואָס בעדאַרפט איהר נאָך שרייען? אַ מעהר, איהר ווילט סאַמעט — וועט איהר גלייך קריגען סאַמעט. אין איין רגע, אין איין אויגענבליק... וויפיעל יאַרד ווילט איהר?

קונה: פיער מיט אַ האַלב.

אב. ראָזענשטיין: פאַר וואָס ניט זיעבען?

קונה: דערפאַר ווייל איך דאַרף פּיער מיט א האַלב.

אב. ראָזענשטיין: שוין, שוין ציינ איך אייך... איין מינוט... אזוי שנעל, אַז אַ שנעל־צוג וועט אונז ניט קענען אָנ־יאָגען... אַט, איהר זעהט? איהר זעהט אַ ביסעל אַ סאַמעט? ער איז אפילו טונקעל־ברוין, אָבער איך ציינ אייך איהם ניט. טונקעל־גרין — איז טונקעל־גרין. נור גלאַט אזוי זיך...

קונה (ארויסגעהענדיג פון געדולד): צום טייפעל! איהר גיט מיר, צי ניט? ! וואָס מאַטערט איהר מיך אַ גאַנצען טאָג? !

אב. ראָזענשטיין: טונקעל־גרין?

קונה: טונקעל־גרין.

אב. ראָזענשטיין: און טאַקע נור סאַמעט?

קונה: סאַמעט, סאַמעט, סאַמעט!

אב. ראָזענשטיין: טונקעל־גרינעם סאַמעט האָבען מיר יעצט ניט. פאַראַן אפילו סאַמעט — איז ער ניט טונקעל־גרין. פאַראַן טונקעל־גרין — איז עס ניט קיין סאַמעט... אפשר דאַרפט איהר עפּעס אזוי זאַכען: זאָקען, שלייקעס, האַלז־טיכער? אַ גרויסער אויסוואהל... ניי־מאָדנע וואַרע, פרישע וואַרע...

קונה (הערכסט אויפגערעגט. אַנטלויפט).

אב. ראָזענשטיין (אונצופריעדען): הממ... אַ חוצפּה'ניק קען! די גאַנצע קראָם צוואוואָרפען. זאָל ער דאָס געבען צו לעזען כאָטש איין סענט!

(פאָרהאַנג)

לאַ מיט אַ ספּאָדיק

אין דער פינסטער

הונגעריג און מיעד זיינען שמעריל און בעריל אָנגעקומען אין שטעדטעל אריין. זיי האָבען זיך דערפרעגט צום רב, צו וועמען זיי זיינען געקומען אין שליחות פון זייער ישיבה, און אזוי ווי עס איז געוועזן פרייטאג פארנאכט, זיינען זיי טאקע דאָרט פערבליבען אויף שבת.

דער רב, דער אמת'ער עהרליכער איד און ענו, האָט זיי אפילו פערטרויט א סוד, אז כהיות אזוי ווי געריכט אויף זיי האָט מען זיך דאָך ניט, וועט זיין אביסעל קנאַפּלעך צו עסען — „נור", האָט ער זיי געטרייסט, „דערפאר וועט איהר אָבער קענען מיטזינגען מיט מיר אַלע זמירות".

ס'איז געקומען צום עסען און מען האָט דערלאַנגט צום טיש א גרויסען קוכען, האָט זיך דער רב, זאָל לעבען, אָנגעשפּאַרט מיט'ן עלענבויגען אויף איהם, אויפ'ן קוכען הייסט עס, און א בעפעהל געטהאָן צו די צוויי בחורים:

— זינגט כל מקדש!...

די שבת־סעודה האָט זיך געענדיגט. די רבי'צען, א זשוואווע אידענע, מיט א כמעט מיידעלשען פנים, האָט צונויפגעקאַשערט דאָס ווייסע טישטוך, צוגעטראָגען עס צו א ווינקעל פון חדר און דאָרטען אויסגעשאָטען אַלע ברעקלעך.

דער רב מיט זיינע אורחים האָבען געבענשט מזומן און, זעהענ־דיג אז די שבת־ליכט האַלטען שוין ביים אויסגעהן, איז מען אוועק שלאָפען יעדער אויף זיין אָרט.

— בעריל! — וועקט איין בחור דעם אנדערען אין מיטען דער נאַכט — דו שלאָפסט?

— יא, איך שלאָף! — ענטפערט איהם בעריל איראָניש.

— געוואַלד, ברודער, איך געה אוים פון הונגער!

— און מיך נאָגט ביים האַרץ... ניט צום אויסהאַלטען...
— וואָס טהוט מען ?
— שלעכט !
— ביטער !...

עטליכע מינוט שפּעטער :

— שמעריל !
— וואָס ?
— ווי געפעלט דיר דעם רבין'ס בתולה ?
— בע... מע... הע... הייסט דאָס, גאָרנישט...
— ביזט אַ יאָלד ! אַ מויד ווי אַ צימעס !
— הם... וויים איך ?... אפשר ביזטו גערעכט. שאַ, ווייסטו וואָס, — רופט זיך אָב בעריל — טאָמער וואָלט געווען אַ פּלאַן מען זאָל אַראָבקריכען פון געלעגער און זעהן צי מען קען ניט עפּעס געפינען צו קייען ?
— איך האָב שוין אויך געקלערט דאָריבער.
— נו ?
— איז אָבער די צרה וואָס ס'איז פינסטער !
— ווייסטו־זשע וואָס ? דו נעהם דעם גאַרטעל, איכ'ל האַלטען איין ברעג און דו דעם אַנדערען... און אַז דו וועסט וועלען צוריקקומען, וועסטו נאָכגעהן נאָכ'ן גאַרטעל.
— ס'אַ פּלאַן ! ווי איך בין אַ איד !

און געטריבען פון דער נויט האָט זיך אונזער בעריל אַוועקגעלאָזען אין דער פינסטער זוכען ברויט...

אַז בעריל איז שוין געווען באַלד ביי דער טהיר פון דער קיך, האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ שאָרך. בעריל האָט זיך שטאַרק דערשראָקען און... אָבגעלאָזען דעם גאַרטעל.

די סיבה פון דעם שאָרך איז געווען די הייז־גויה, וועלכע איז איצט געקומען מאַכען דעם אייוועז און ווייל עס איז נאָך געווען צו פריה, האָט זי זיך דערווייל צוגעלעגט אין קיך־בעטעל.

פון ווייטער זוכען ברויט איז שוין ביי בערלען קיין קלער ניט געוועזען. ער האָט זיך נור געוואונשען צו קומען וואָס שנעלער צוריק אויפ'ן אָרט.

האָבענדיג אָבער אָבגעלאָזען דעם עק גאַרטעל האָט ער זיך נעביך שעהן פערבלאָנדזשעט אזש ביז צום רבין׳ס טאָכטער.

— דו ביזט עס? — פרעגט ער זי, מיינענדיג אז ער שטעהט דאָס נעבען זיין חבר שמעריל.

— איך, איך! — ענטפערט איהם דאָס מיידעל אַ פער־שלאָפענע, און דעקט זיך ניט־ווילענדיג אָב.

שמערלען איז דערווייל די צייט געוואָרען צו לאַנג און ער איז אַראָב פון געלעגער זוכען זיין חבר. און זוכענדיג אין דער פינסטע־רער וועלט ברויט און אַ פריינד, האָט איהם דאָס בלינדע מזל אָבגענארט, איהם געיאָגט פון איין אָרט צום אַנדערען, פון דער האָלץ־קאַמער צו דער היהנער־שטייג, פון דער היהנער־שטייג צום פּיעקעליק, ביז וואַנעט דער שטן, ימח שמו, האָט איהם ענדליך פער־טריבען צו דער רבי׳צין הינטער דער וואַרימער קאָלדרע.

די רבי׳צין האָט געמיינט, אז ס׳איז דער רב, און שמעריל ווידער האָט געמיינט אז דאָס ליעגט ער נעבען זיין חבר בעריל. און ער האָט „איהם" אַ פרעג געטהאָן:

— האָסט עפּעס געגעסען?

די רבי׳צין האָבענדיג איצט די געלעגענהייט זיך אביסעל צו פּיעסטשען פאַר איהר מאַן, האָט ארויסגעבורטשעט מיט אַ נעבעך־קול:

— יא, געגעסען... מען קען טאַקע עסען, אז מען קאָרמעט פרעמדע בחורים!...

— וואָס קען מען זיך העלפען? — ענטפערט בעריל — מען וועט שוין מוזען ווי־עס־איז דורכקומען די נאַכט!

— ניט לענגער זאָל ס׳אידישע גלות „געדאָווערען"! — פּאַ־טאַקעוועט די רבי׳צין און טוליעט זיך צו איהם.

— נאָכ׳ן ערשטען שלאָף האָט זיך דער רב אויסגעטשוכעט און זיך דערמאָנט, אז ס׳איז פרייטאג־צונאַכט.

געהט ער גליך צום ווייב׳ס בעט צו. ער טרעפט שוין דעם וועג אפילו אין דער פינסטער. דערטאַפּט ער אָבער צוויי קעפּ און ער רוקט זיך אָב.

— פערבלאָנדזשעט זיך! — מורמעלט ער אונצופריעדען — אודאי די צוויי בחורים.

געהט ער ווייטער. טאַפּט, טאַפּט ביז וואַנעט ער דערטאַפּט זיך צו נאָך אַ בעט.

— רחמנא לצלן! — בורטשעט ער אין זיך אריין — ווידער פערקראָכען צו די בחורים! מעשה שטן!...

און ער טאַפּט, טאַפּט, ביז וואַנעט ער דערטאַפּט זיך ענדליך צו אַ בעט מיט איין קאָפּ — צו דער הייך־גויה.

אין אַ שעה ארום האָט זיך די הייך־גויה געכאַפּט, אַז ס'איז געווען דער רב, און זי האָט אויפגעהויבען אַ גרויס געוואַלד און געסטראַשעט אַז אויב דער „ראַבין" וועט ניט געהן וואוינען מיט איהר, וועט זי מעהר ניט קומען הייצען דעם אויווען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

י. מאַרינאָוו

צו זכור ברית

(כמעט אַ הומאָרעסקע)

צו „זכור ברית“, ערב ראש השנה פאַרטאָג איז ביי אונז, קליינע קונדסים, געווען ליהודים. מיר פלעגען דאַן גיין „נעהמען מעשר“ פון די גערטנער און סעדער. חברה פלעגט זיך צוזאַמענ־קומען אויפ׳ן שולהויף און פון דאָרטען זיך אַוועקלאָזען גנב׳ענען אוגערקעס, טערקישע ווייץ, אָדער זיך אַריינכאַפּען אין כוועדאָר׳ס סאַד, אַרויפקלעטערן אויף די ביימער און אָנפּילען די בוזימער מיט אויבסט.

איך בין דאַן אַלט געווען צוועלף יאָהר און מען האָט מיך ערשט אַריינגענומען אין חברה. ביי מיר איז דאָס געווען אַ גרויסע עהרע וואָס איך בין אויך איינער פון די „כוואַטעס“, פאַר וועלכע דאָס שטעדטעל האָט ממש געציטערט. און איך האָב באמת געהאַט מיט וואָס צו שטאָלצירען. אונזער חברה איז ניט בעשטאַנען פון אַבי־וועמען: דאָס זיינען געווען אַ מחנה „מאַלאָדיעצעס“ איינס אין איינס. ביי אונז האָבען זיך געפונען אַזעלכע העלדען ווי מאָטעלע זשוקליאַן, קלמנ׳קע מזיק, בערעלע מאַדים, איציקעל קונדס, וועלוועלע זשוליק און אַנדערע מזיקים, מאַדימס און קונדסים. אַריבערצושווימען די „בוכטע“, דערצו נאָך אום תשעה באב, אָדער אַרויסשלאָגען דעם רבי׳ן אַ פּאָאַר ציין בריקענדיג מיט די פיס, ווען ער האָט אונז אַריבערגעוואָרפען איבער׳ן קניע און געשמיסען, איז ביי אונז געווען אַזאַ בעטרעף, ווי אַ שטייגער צו גנב׳ענען אַ בייגעל פון שרה מלכה׳ן דער בלינדער.

נעהמען מעשר פון די גערטנער צו „זכור ברית“, איז ביי אונז געווען די הויפּט־פּאַסירונג פון יאָהר. עפּעס גאָר ווי די סליחה האָט אונז דאַן געצויגען אין די גערטנער. אונזערע אויגלעך האָבען זיך אָנגעצונדען, די הערצלעך האָבען געקלאַפּט האַסטיג, ווען דער שמש האָט אָנגעהויבען וועקען דעם עולם צו סליחות.

אַלס אַ נייעם מיטגליעד, האָט מען מיך לכתחילה ניט געוואָלט מיטנעהמען אויף דיעזער „עקספּעדיציע". ווען מיין טאַטע איז געשטאָרבען (דעם זעלבען יאהר איז דאָס געווען) האָב איך ניט געהאַט אַזוי פיעל עגמת נפש ווי פון דעם, וואָס חברה האָט מיך אויסגעבראַקעוועט. איך האָב זיך אָבער פאַרט איינגעבעטען. אמת, איך האָב דערפאַר טהייער בעצאָהלט. איך האָב זיך געמוזט שיידען מיט מיין „קולייטשיקעל", (אַזאַ מעסעריל) און אַ גאַנצען טוץ יונ'ישע קנעפּ, וועלכע איך האָב אוועקגעגעבען קלמנ'קע מזיק, אונזער „עלטסטען".

* * *

די נאַכט פאַר ראש השנה האָב איך ניט פערזוכט שלאָפען. ביי יעדען שאָרך, וואָס איך האָב געהערט אין דרויסען, האָט זיך מיר אויסגעדוכט אַז דאָס קומט שוין דער שמש וועקען צו זכור ברית. אבער דער שמש האָט זיך געזאַמט. די נאַכט האָט מיר אויסגעוויזען אַ יאהר. וואָס איך האָב ניט איבערגעטראַכט, וואַרפענדיג זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער! ביי מיר איז ניט געווען קיין ספק, אַז מיט'ן שמש האָט געוויס אַ סבה געטראָפען און אַז חברה זיינען שוין לאַנג צווישען די בייטען, אויף די עפּעל־ בוימער, אָדער זיי געהען שוין צוריק מיט פולע קעשענעס און בוזעמער, טראָגענדיג קירבעסען אויף די אַקסלען. מיט גאוה, ווי סאָלדאַטען פון מושטיר געהען זיי און לאַכען אַלע פון מיר, דעם פערשלאָפענעם טרוס. און בין איך דען ניט קיין טרום? כאָטש איך האָב געלייענט קריאת שמע און דער ארבע כנפות הענגט צור קאָפּענס, דאָך ליעג איך און ציטער פאַר שרעק. און פאַר ווענען? פאַר אַ מולטער ראַשטשינע וואָס שטעהט אויפ'ן אויוען איבער־ געדעקט מיט אַ ווייסען טישטוך! ביי אונזערען אַ שכן איז מיט אַ חודש צוריק געשטאָרבען אַ אינגעלע, משה'לע האָט ער געהייסען. איך האָב איהם געזעהען ליעגענדיג איינגעוויקעלט אין תכריכים און ביי דעם שיין פון איינגעדרעהטען לעמפּעל האָט די איבער־ געדעקטע מולטער אויסגעזעהן פּונקט ווי משה'לע איידער מען האָט

איהם אַריינגעלעגט אין קבר׳ל. דאָס כראַפּען און חאָרכלען פון מיין עלטערן ברודער, וואָס איז געלעגען נעבען מיר, און דער ווינד וואָס האָט אַלע ווײַלע אַ ריס געטהאָן די לאָדען, האָט נאָך מיין שרעק פערגרעסערט, מיר האָט זיך נאָר אויסגעדאַכט אַז משה׳לע הייבט זיך פון מולטער און מיט פערגלאָצטע אויגעלעך און אויסגעשטרעקטע הענטלעך לאָזט ער זיך אַרונטער פון אויוועץ, גלייך צו מיר אין בעט. איך האָב זיך איינגעגראָבען אין קישען, האָב זיך צוגעטוליעט צו מיין ברודער און האָב זיך איבערגעדעקט איבער׳ן קאָפּ. אָבער משה׳לען האָב איך געזעהען. איך האָב געהערט ווי ער קריכט פון אויוועץ. ער געהט, ער געהט צו מיר!

„אוי, אוי, מאַמע!“ האָב איך אויסגעשריען ניט מיט מיין קול. דער שמש האָט אין דעם זעלבען מאָמענט אָנגעקלאַפּט אין לאָדען און האָט אויסגערופען: „שטעהט אויף, שטעהט אויף צו „זכור ברית!“

מיין ברודער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ ברום. ער איז אַרונטערגעקראָכען פון בעט און אויפגעדרעהט דאָס פייערל פון לעמפּעל. איך בין געבליבען ליעגען, בעגאָסען מיט אַ קאַלטען שוויים און האָב געסאָפּעט שווער, ווי איך וואָלט געלאָפען אַ מייל, נאָכגעיאָגט פון שקצים מיט אָנגערייצטע הינד.

נאָר מיין שרעק איז אָבער באַלד פערשוואונדען געוואָרען. און ווען מיין מוטער איז אַריינגעקומען פון אַ זייטיגען צימער און האָט, אָבגיסענדיג זיך נעגעל־וואַסער, אַרונטערגענומען די מולטער מיט ראַשטשינע פון אויוועץ, האָב איך זיך פערשעמט פאַר זיך אַליין וואָס איך בין אַזאַ שרעקעדיגער.

מיין ברודער האָט זיך אָנגעהויבען אָנטהון זיצענדיג אויפ׳ן בעט, געגעצענדיג געשמאַק. איך בין אַריינגעשפּרונגען אין די הויזלעך, האָב אַרויפגעוואָרפען אויף זיך דאָס לייבצערדאַקעל און בין שוין געוועזען פאַרטיג. קיין רעקעל האָב איך ניט בעדאַרפט אָנטהון, ווייל איך האָב עס ניט געהאַט.

„געהט, קינדערלעך, אין שול און בעט אויס אַ בעסער יאהר ווי דאָס, וואָס מיר האָבען געהאַט,“ האָט אונז די מאַמע געבעטען, קנעטענדיג די חלה, „זאָגט קדיש נאָכ׳ן טאַטען, זאָל ער זיין אַ גוטער

מליץ פאַר אונז אויף דעם נייעם יאהר. אזא יאָהר ווי מיר האָבען געהאַט זאָל זיך שוין ניט אומקעהרען, רבונו של עולם!"

מיין מוטער האָט געענדיגט איהר בקשה מיט אַן „אוי!" וואָס האָט דורכגענומען אַלע מיינע גליעדער, און אויסווישענדיג די אויגען מיט איהר ווייסען פאַרטוך, האָט זי זיך אָבגערופען צו מיר בעזונדער:

„אזוי, אזוי, מיין קינד, געה אויך אין שוהל, זיי אַ פרומער איד. דעם טאַטען, וועה מיינע יאָהרען, האָסטו פערזינדיגט. געה איצט אין שוהל מיט מענדלען."

די רייד פון מיין מוטער האָבען געמאַכט אַ געוואַלדיגען איינדרוק אויף מיר. מיין ברענענדיגער חשק צו לויפען צו חברה איז אין גאַנצען פערשוואונדען. אויפ'ן הארצען האָט געדריקט אַ שווערער אומעט...

* * *

געהענדיג מיט מיין ברודער אין שוהל, האָב איך זיך דעם גאַנצען וועג געשלאָגען מיט דער דעה צי איך זאָל געהען צו סליחות, אָדער געהען גנב'ענען קירבעסען? מיין ישוב הדעת האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט. אזוי ווי איך בין נאָר צוגעקומען צום שוהל-הויף און האָב דערהערט די שטימען פון מיינע גוטע ברידער, בין איך געווען דער זעלבער קונדס גלייך מיט אַלע. איך האָב געלאָזט מיין ברודער אריינגעהן אין שוהל אליין און איך בין צוגעלאָפען צו חברה.

חברה האָט מיך בעגעגענט מיט אַ „ברוך הבא!" און מיר האָבען זיך שוין געלאָזט געהען, ווען מיר האָבען זיך ארומגעקוקט אז בערעלע מאַדים איז נאָך ניט געקומען. געהן אָהן בערעלע'ן האָט זיך אונז ניט געוואָלט, האָבען מיר געוואַרט אויף איהם.

אין שוהל האָט שוין גערוישט און געשטורעמט. דער עולם האָט שוין געזאָגט סליחות געשמאַק. אַלע הענגלייכטער זיינען שוין געווען אָנגעצונדען און האָבען בעגאָסען די פענסטער מיט גאָלד. אין דרויסען איז געוואָרען דורך דעם נאָך פינסטערער. יעדעם מאָל

ווען א נייער בעל הבית האָט אָן עפּען געטהאָן די טהיר אריינצוגעהן אין שוהל, האָט זיך פון דאָרט ארויסגעריסען א כוואַליע פון מרה־שחורה'דיגע טענער, וועלכע האָבען אויפגעטרייסעלט די פייכטע אַסיען־לופט. ווען די טהיר האָט זיך צוגעמאכט, האָט זיך נאָר געהערט פון שוהל ווי דאָס רוישען פון א וואלד, ווען א שטאַרקער שטורם רייסט די צווייגען מיט רוגזה. לייזער גד דעם חזן'ס שטימע האָט געקלונגען מורא'דיג, ווי דאָס ברומען פון א פער־וואונדעטען לייב ערגעץ ווייט, ווייט אין טיעפען וואלד... אונטער'ן לייבצערדאַקעל האָב איך געפּיהלט א מאָדנעם וועהטאָג. א חוץ דאָס רוישען און ברומען, וואָס האָט זיך געהערט פון שוהל, האָבען אין מיינע אויערן געקלונגען דער מאַמע'ס ווערטער וואָס זי האָט מיר געזאָגט פאר'ן ארויסגעהן פון הויז... אין מח האָבען זיך געפּלאָנטערט פערשיעדענע רעיונות, מעשיות וועגען שדים, מתים, וועגען טאַטעס וואָס קומען שטיקען זייערע קינדער ווען זיי זיינען ניט פרום... מיר האָט זיך ווייטער פערוואָלט אריינצוגעהן אין שוהל און זיך זעצען נעבען מיין ברודער און זאָגען סליחות.

אבער ווי לאָזט מען איבער חברה? זיי וועלען דאָך מאכען פון מיר א פּענזיע! א חוץ דעם, אָט איז דאָך איציקעל אויך דאָ. זיין טאַטע איז אויך ערשטע געשטאָרבען דעם יאָהר. בכן וועט ער אָבשטעהן פון קאָמפּאַניע, וואָס?

פון דער ווייטענס, דורך דער פינסטערניס, האָט פּלוצלונג אויסגעבראָכען א רויטער פונק. ווי אַן אָבגעשייערט יונ'יש קנעפּעל האָט עס לכתחלה אויסגעזעהן. דאַן איז עס געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער און איז צוגעקומען אַלץ נעהנטער.

„העי, קינדער," האָט קלמנ'קע אויסגערופען, „איהר זעהט דאָרטען די לאַנטערנע? דער שמש קומט שוין אין שוהל. עס איז שוין באלד טאָג. קומט, מיר קענען מעהר ניט וואַרטען, היידא!"

איך בין געשטאַנען נעבען קלמנ'קען און ער האָט מיך אָנגעכאַפּט פאר'ן האנד און איז אוועקגעלאָפען מיט מיר פאָראויס און די גאַנצע „מחנה" איז אונז נאָכגעלאָפען.

אין אייניגע מינוטען האָבען מיר זיך אריבערגעוואָרפען איבער'ן פּלאָנקען פון כוועדאָר'ס סאָד, וועלכער איז אויך געווען

אַרומגערינגעלט מיט אַ גאָרטען. ווי די היישעריקען זיינען מיר אַרויפגעפאַלען אויף די בייטען. קלמנ׳קע מיט איציקלען האָבען זיך ווי די קעץ אַרויפגעדראַפּעט אויף אַן עפּעלבוים.

נאָר מיר האָבען נאָך ניט פאַספּייעט אָנצוהייבען נעהמען „מעשר״, ווען פון אַ ווינקעל האָט זיך אַרויסגערוקט אַ מת! איינ־געהילט אין ווייסען האָט ער לאַנגזאַם זיך גערוקט צום בוים אויף וועלכען קלמנ׳קע מיט איציקלען זיינען געווען.

ווי אַזוי איך האָב איבערגעלעבט דאַן דעם שרעק, וואונדערט מיך עד היום. ווי צושראָקענע האָזען האָבען די חברה גענומען לויפען איבער די בייטען, פאַלענדיג איינער איבער׳ן אַנדערען. איך האָב זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט. מיינע פיס זיינען ווי אָבגענומען געוואָרען. איך בין געלעגען בעהאַלטען צווישען צוויי בייטען, מעהר טויט ווי לעבעדיג פון שרעק און האָב ערוואַרטעט דעם טויט יעדע רגע. ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגען ווייס איך ניט. איך בין ערשט געקומען עטוואָס צו זיך, ווען איך האָב דער־הערט איציקעל׳ס בענומענע קולות און תחנונים, אַז דער מת, וועל־כער האָט איהם געשלאָגען מכת רצח, זאָל איהם אָבלאָזען. דער מת האָט איהם אָבער ניט אָבגעלאָזט. ער האָט איהם אוועק־געשלעפּט און איז פערשוואונדען געוואָרען מיט איהם צווישען די בוימער, אין דער פינסטער. איך האָב אַביסעל אויפגעאָטהעמט.

„ס׳איז ענטוועדער טאַקע געווען מיין טאַטע,״ האָב איך געדענקט, „נאָר ער האָט געהאַט אַ טעות, און האָט אַנשטאָט מיך געכאַפּט איציקלען, אָדער עס איז געווען גאָר איציקעל׳ס טאַטע.״

ביסלעכווייז האָב איך אויפגעהויבען דעם קאָפּ און בין פויזענ־דיג אויף אַלע פיער אַרויסגעקראָכען פון גאָרטען, און האָב גענומען לויפען ווי אַ פייל פון בויגען, ניט אומקוקענדיג זיך אויף הינטער. איך בין קוים אַ לעבעדיגער אַריינגעפאַלען אין שוהל, בין צוגעלאָפען צו מיין ברודער אַ פערסאָפּעטער, אַ פערשוויצטער, ציטערנדיג ווי אַ בלאַט. איך וואָלט געשוואוירען, אַז דער מת איז מיר נאָכגעלאָפען דעם גאַנצען וועג. איך האָב זיך צוגעטוליעט צום ברודער און האָב אָנגעהויבען זאָגען סליחות, וויינענדיג מיט ביטערע טרערען...

* * *

אויף מאָרגען האָט זיך כוועדאָר בעריהמט אין שענק ווי ער האָט אָנגעלערנט די „זשידאָקעס", פערשטעלענדיג זיך פאַר אַ מת. איציקלען האָט ער איינגעשפּאַרט אין אַ שייער און האָט איהם דאָרט געהאַלטען ביז זיין מאַמע האָט איהם אויסגעוויינט פון זיינע הענד.

דעם קומענדען יאהר זיינען מיר שוין ניט געגאַנגען גנב'ענען אין כוועדאָר'ס סאָד. מיר האָבען „גענומען מעשר" פון אַנדערע סעדער.

דער מחיה מתים דאָקטאָר

(אַן אמת'ע מעשה, וואָס איז זיך פערלאָפּען אויף אַ קליין־שטעדטעלדיגען בית־עולם אום תשעה־באב)

אין אַ קליין שטעדטעל איז אַמאָל געווען אַ גרויסער דאָקטאָר. חוץ דאָקטאָריע, האָט ער אויך זעהר ליעב געהאַט אַנדערע וויסענשאַפטען און פלעגט פערברענגען טאָג און נאַכט אין לערנען און אין שטודירען. אָבער אין שטעדטעל האָט קיינער ניט געהאַלטען פון איהם. זעהענדיג דעם דאָקטאָר אימער מיט אַ בוך אין האַנד, פלעגען זיינע קליינשטעדטעלדיגע שכנים דרינגען אַזאַ פּשט:

— עט, דער דאָקטאָר וויים ניט פון זיין חיות. אַ סימן, אַז ער האַלט תמיד אין איין שטודירען. און אַז ער שטודירט נאָך, האָט ער דאָך נאָך ניט „געענדיגט". און אַז ער האָט נאָך ניט „געענדיגט", איז צו וואָס־זשע טויג ער?...

אַ דאָקטאָר אָהן אַ פּראַקטיקע, איז, להבדיל, ווי אַ לאָמפּ אָהן קעראָסין אָדער ווי אַ לאָמפּ מיט קעראָסין, נור אָהן אַ קנויט! — מען זאָל גאָר ניט געפּרופט ווערען דערצו! גאַנצע טעג פלעגט נעבעך דער אָרימער דאָקטאָר אַרומגעהן אונגעגעסען. דאָס ניט עסען האָט איהם אייגענטליך ניט געאַרט. — אַבי איך האָב נאָר מיינע ביכער — פלעגט דער דאָקטאָר זיך טרייסטען — לאָך איך זיך אויס פון עסען. און ער פלעגט זיך אריינוואַרפען אין לערנען נאָך מיט מעהר התמדה...

אָבער עס איז פערפאַלען! — „אם אין קמח, אין תורה" — אַז מען עסט ניט, קען מען אפילו ניט לערנען... בקצור, איך וויל אייך לאַנג ניט ברייען, אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען האָט זיך דער דאָקטאָר אַרומגעזעהן, אַז ער קען שוין מעהר ניט לערנען!...

זיצט ער נעבעך איבער אַ בוך, מיט פערטריקענטע ליפּען און טראַכט און טראַכט, ביז ער האָט זיך דערטראַכט צו אַ פּלאַן.

— דער אמת גילט ניט היינטיגע צייטען. דער אמת וועט מיך פאַר דער צייט טרייבען אין קבר! — האָט דער דאָקטאָר מיט ביטערניש גערעדט צו זיך אַליין — איך מוז זיך נעהמען צום שקר, קיין אַנדער ברירה!...

דער דאָקטאָר האָט געהאַלטען וואָרט. ער האָט ארויסגעלאָזען אַ קלאַנג איבער דער גאַנצער סביבה, אַז ניט נור קען ער היילען קראַנקע — דאָס איז ביי איהם אַ קינדער־שפּיעל — ער איז אַ מחיה מתים! ער קען אויפהויבען טויטע פון די קברים!...

דיעזען גרויסען וואונדער האָט ער פערשפּראָכען צו ווייזען אין מיטען העלען טאָג, בפני כל עם ועדה.

דער עולם האָט אפילו פון אָנפאַנג ניט געהאַט קיין גרויסע אמונה אין די רייד פון דאָקטאָר, דאָך האָבען אפילו די גרעסטע אפּיקורסים געזאָגט: „מילא, וואָס קענען מיר דאָ אָנווערען? דעם טעם פון צימעס געפינט מען אויס, ווען מען עסט איהם. ער ליעגט דאָך עפּעס פאָרט אימער איבער ביכער. היינטיגע צייטען ווערען געמאַכט די וואונדערבאַרסטע ענטדעקונגען. אַ קשיה אויף אַ מעשה, אפשר האָט ער טאַקע אויסגעפונען דעם סוד פון מחיה מתים זיין?“

און עס איז געבליבען ביי קהל, אַז דעם קומענדען תשעה באב (וואָס איז אויסגעפאַלען אין אַ וואָך ארום), זאָל זיך דער גאַנצער עולם צונויפקלייבען אויפ'ן בית־עלמין, און זעהן וואָס דער דאָקטאָר קען אויפטהאָן. (אַלטע ווייבער האָבען זיך געֹ'סוד'עט, אַז דער דאָקטאָר וועט לעבעדיג מאַכען דעם גאַנצען בית־עולם, און זיי זיינען געווען שטאַרק בעזאָרגט וועגען דער פראַגע וואו וועלען זיך אַלע מתים אהינטהאָן, ווען זיי וועלען לעבעדיג ווערען?...)

תשעה באב זיינען „קינד און קייט“ געווען אויפ'ן בית־עולם. בלויז אויף אַ פּאָר פרישע קברים זיינען געלעגען אייניגע פרויען און האָבען עכט תשעה־באב'דיג געוויינט. דער גאַנצער עולם אָבער האָט גאָר פערגעסען, אַז עס איז תשעה־באב און האָט מיט דער גרעסטער אונגעדולד געוואַרט אויפ'ן דאָקטאָר.

צו דער בעשטימטער מינוט איז דער דאָקטאָר געקומען. ער האָט זיך דורכגעשטופּט דורך דעם געדיכטען עולם און זיך שטעלענ־

דיג אויף אַן איינגעפאַלענער מצבה, האָט ער אָנגעפאַנגען בזה הלשון:

— רבותי! איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך קען מחיה מתים זיין. איהר מעגט זיין זיכער, אַז איך וועל האַלטען וואָרט. איך האָב אַזוי לאַנג געלערענט ביז איך האָב אויסגעפונען דעם סוד. איך מוז אָבער מיט אייך אויסנעהמען אַ תנאי, נעמליך, אַז ווען איך וועל זיך נעהמען אַרויסרופען פון קבר אַ געוויסען מת, מוזט איהר אַלע מסכים זיין. קיינער טאָר זיך ניט שטעלען דאַגעגען. זייט איהר אַלע צופריעדען אויף דעם תנאי?

דער גאַנצער עולם האָט ווי איין מאַן אויסגערופען:

— מיר זיינען מסכים! מיר זיינען מסכים!

— אַלזאָ, גוט! — האָט דער דאָקטאָר פאָרטגעזעצט — איך נעהם זיך באַלד צו דער אַרבייט. איך זעה פאַר זיך דאָ די קברים פון ר׳ חיים זרח, ר׳ משה געציל׳ס, פון האשה חנה ציפּע און פון האשה יענטע לאה. מיר וועלען געהן כסדר: איך וויל דעם ערשטען אַרויסרופען פון קבר ר׳ חיים זרח. זיינט איהר אַלע צופריעדען? איז קיינער ניט דאַגעגען?

— מיר זיינען אַלע מסכים! — האָט דער גאַנצער עולם געענטפערט. נור חנה ביילע, די אלמנה פון ר׳ חיים זרח, האָט אַרויסגעבליפּעט מיט אַ שוואַכע, פערציטערטע שטימע:

— ניין, טהוט עס ניט, גוטער דאָקטאָר! — מיין חיים זרח׳קע איז געווען אַ גוטער מאַן. איך האָב איהם געלעבט ווי אַ קייסערינע. אַזוי לאַנג ווי מיינע אויגען וועלען האָבען טרעהרען, וועל איך וויינען נאָך איהם. נור... אוי... דערבאַרימט אייך, גוטער דאָקטאָר! לאָזט מיין זרח׳קען ליגען רוהיג דאָ אויפ׳ן הייליגען אָרט, ווייל.... פערשטעהט איהר מיך, דעם שבת נחמו וועל איך אין אַ מזל׳דיגער שעה חתונה האָבען מיט פייוועל דעם קרעמער... די מחותנים זיינען שוין איינגעלאַדען. איך האָב שוין פייוולען געשיקט אַ נייעם טלית און ער מיר — אַ האַלז פּעריל. און... לאָזט מיין זרח׳קען צורוה, גוטינקער דאָקטאָר!

— גוט, כלעבען, וואָס איהר האָט מיך אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם. איך וועל זיך אַלזאָ נעהמען צו ר׳ משה געציל׳ס — האָט

דער דאָקטאָר בעמערקט מיט אַ פילאָזאָפישען שמייכעל. אָבער באַלד האָט זיך פון עולם געהערט אַ שטימע:

— אָ, מיין טהייערער פאָטער! ער איז געווען אַ איד אַ למדן, אַ חסיד, אַ גרויסער ירא שמים; האָט זיך טאָג און נאַכט געוויקט אין ספרים. זאָל ער רוהען אין גן עדן, וואו ער געפינט זיך איצט אודאי. האָט רחמנות, גוטער דאָקטאָר, טשעפּעט איהם ניט! ער וועט זיך, שונאי ציון, אַ מיתה אָנטהאָן, ווען ער וועט דערזעהן ווי מיר, זיינע זעקס בנים, וועלכע ער האָט געגאַרט צו זעהן אין שטענדיגען שלום און אחדות, זיינען איצט צוריסען, צוקריעגט, האָבען צווישען זיך דין תורות יעדען טאָג... דאָס ביסעל אָרימקייט וואָס ער האָט אונז איבערגעלאָזט נאָך זיין טוידט, האָבען מיר צוברעקעלט אויף זעקס קליינע חלקים׳לעך און יעדער פון אונז איז אַ גרויסער אביון און אליין אַ טאַטע פון קליינע קינדער. ער וועט נעבעך ניט האָבען וואו זיין אַלטען קאָפּ אָנצושפּאַרען. האָט רחמנות, ליעבער דאָקטאָר, לאָזט אונזער טהייערען פאָטער רוהען אין גן עדן!

— געערעכט! — האָט דער דאָקטאָר צוגעגעבען מיט אַ סאַר־קאַסטישען טאָן — אודאי וועל איך אייער פאָטער ניט אָראָב־ברענגען פון יענער וועלט, צו ליידען חיבוט הקבר אויף דער וועלט. איך וועל זיך אַלזאָ נעהמען צו חנה ציפּע׳ן, און איך בעט אייך, רבותי, אַז קיינער פון אייך זאָל זיך ניט שטעלען אַנטקעגען.

דער גאַנצער עולם האָט ווידער אויסגעדרונערט זיין הסכמה, אָבער חנה ציפּע׳ס מאַן איז אויפגעשפּרונגען ווי אַן אונטער־געשאָסענער:

— זאָל דער אויבערשטער שומר ומציל זיין, איהר הערט?! ... חנה ציפּע איז געווען מיין ווייב. צעהן יאָהר האָב איך געליטען פון איהר חיבוט הקבר! איז דאָס געווען אַ שלאַק! איז דאָס געווען אַ קליפּה! — דאָקטאָר, הרג׳עט מיר פריהער, איידער איהר מאַכט איהר לעבעדיג!

— אָבער, ליעבער פריינד! — האָט דער דאָקטאָר געפּרופט עפּעס זאָגען.

— קיין אָבער! — איז דער מאַן אריינגעפאַלען מיט רוגזה — עס איז שוין ממילא צו שפּעט. די ארורה האָט מיר איבערגעלאָזט

זעקס קינדער, אַלע געראָטען אין זייער מאַמען. איך האָב מיט זיי גאָר ניט געקענט טהאָן. האָב איך צו זיי גענומען אַ שטיעפמאַמע. אַ נייער בעזים קעהרט גוט. איך האָב ממש די אויגען געעפענט. לאָזט ד'ער ארורה פוילען אין דער ערד!...

— נו, קיין גזלן בין איך ניט — האָט דער דאָקטאָר בעמערקט מיט אַ ביטערען שמייכעל — צוויי ווייבער אין איין הויז, מען זאָל עס שוין אפילו מעגען, וואָלט באמת געווען דאָס שרעקליכסטע וואָס מען קען זיך פאָרשטעלען. אבער, רבותי, איך מוז דאָך אימיצען געפינען, וועמען איך זאָל מחיה מתים זיין. איהר זייט דאָך ניט געקומען אהער צו מאַכען פון מיר שפּאַס. אַלזאָ, זאָגט שוין איהר וועלכען פון אייערע מתים זאָל איך לעבעדיג מאַכען?

— גיטעלען! — גיט מיר צוריק מיין גיטעלען, טהייערער דאָקטאָר, קרוין! גיט מיר צוריק מיין בת־יחידה! — האָט אַ מוטער אויסגעשריען, זיך אויפהויבענדיג פון אַ פרישען קבר.

— אָרימע, אונגליקליכע מוטער! — האָט דער דאָקטאָר אויסגערופען טיעף גערירהרט — איך האָף, רבותי, אז קיינער פון אייך וועט זיך אין דיעזען פאַל ניט שטעלען דאַגעגען!

— חס ושלום! טהוט עס ניט, דאָקטאָר!... — האָט אַ מיידעל זיך אָבגערופען, און צוגעהענדיג נאָהענט צום דאָקטאָר, האָט זי מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען דערצעהלט אין דער שטיל אַזוי, אַז בלויז דער דאָקטאָר האָט געקענט הערען:

— ס'איז בעסער פאַר איהר וואָס זי איז געשטאָרבען. פאַר'ן טוידט האָט זי מיר אַלעם דערצעהלט... נאָך דעם ווי דער לעהרער האָט איהר פעראונגליקט, יאיז ער אַנטלאָפען פון איהר, דער הולטאַי! זי איז געווען אַ טהייערע נשמה. פאַר'ן טוידט האָט זי אונז, איהרע חבר'טעס, געבעטען, אז מען זאָל איהר אויספוצען אין אַ ווייסען שלייער, איידער מען וועט איהר אריינלעגען אין קבר. זי האָט אויסגעזעהן ווי אַ כלה... טעשפעט איהר ניט, גוטינקער דאָקטאָר; שטערט ניט איהר הייליגע רוה, דאָ, אויפ'ן גוטען אָרט!...

— אונגליקליכע מיידעל! — האָט דער דאָקטאָר אויסגערופען, אָבווישענדיג אַ פּאָר טרעהרען פון די אויגען — אָ, וואָס פאַר אַ טרויעריגער צושטאַנד! וואָס זאָל איך דאָ טהאָן מיט אייך, רבותי?

— האָט דער דאָקטאָר געפרעגט מיט פּרעטענזיעס. א פוּה, איך וועל איצט אויפהויבען פון קבר אַזעלכען וואָס האָט ניט איבערגעלאָזט קיין טאַטען, קיין מאַמען, קיין ברודער, קיין שוועסטער, קיין פרוי און קיין קרוב וואָס זאָלען זיין דאַגעגען... אלעס, וואָס ער האָט איבערגעלאָזען, איז אַ גוטען נאָמען און אַ גוטען ביישפּיעל פון מידות טובות, איך מיין אייער אַלטען, גוטען רב, דעם וואָס איהר האָט אַזוי ליעב געהאַט און פערשאַפט אַזוי פיעל כבוד ביים לעבען און אַזוי בעוויינט, ווען ער איז נפטר געוואָרען. זאָל איך אין דיעזען צדיק אריינבלאָזען אַ נשמת חיים און איהם אומקעהרען צוריק צו אייך?...

אַ מורא׳דיגער שטורם האָט אויסגעבראָכען. דער עולם האָט זיך באַלד צושפּאַלטען אין צוויי פּאַרטייען. איין פּאַרטיי האָט געשריען: „יא!" און די צווייטע: „ניין!" די קולות מיט די גוואַלדען האָבען שיער ניט אויפגעוועקט די טוידטע אָהן דעם דאָקטאָר׳ס הילף... ענדליך האָבען די „ניין" שרייערס געזיעגט.

—ווי איך זעה, מיינע פריינדע — האָט דער דאָקטאָר אָנגע־פאַנגען מיט אַ ביטערען פאָרוואורף — ווילען מיר הײַנט ניט קומען צו קיין טאָלק. וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, אַז אַ גאַנצע קהלה זאָל ניט ערלויבען, אַז מען זאָל איינעם פון זייערע טוידטע לעבעדיג מאַכען!... נאָך איין פּראָבע וועל איך מאַכען, און אַז דיעזע וועט ניט געלינגען, דאַן וועל איך מוזען אויפגעבען מיין פּלאַן.

דער גאַנצער עולם איז געשטאַנען מיט די קעפּ ארונטערגעלאָזען פאַר בושה און דער דאָקטאָר האָט ווייטער גערעדט:

— איך זעה דאָרט אַ קליין קבר׳ל בעוואַקסען מיט גראָז און מיט ווילדע בלומען. עס איז זיכער אַ גרויסער צער צו ברענגען אַן אונשולדיגע נשמה׳לע אויף אונזער זינדיגער ערד, דערפאַר אָבער האָף איך, אַז ווענינגסטענס אין ד י ע ז ע ן פ אַ ל וועט מיר קיינער ניט שטערען אין די דורכפיהרונג פון מיין פּלאַן און לאָמיך איך שוין ענדליך בעווייזען מיין וואונדערבאַרע געטליכע קראַפט.

— מיר ווילען אייך ניט שטערען! מיר זיינען אַלע מסכים! — האָט דער גאַנצער עולם אויסגערופען מיט מיטגעפיהל.

אָבער ווען דער עולם איז אַנטשוויגען געוואָרען, האָט זיך

דערהערט אַ שוואַכע, וויינענדיגע שטימע פון אַן אַלטינקער, איינגע־הויקערטער אידענע.

— גוטינקער דאָקטאָר! דאָס עופה׳לע איז מיין אייניקעל, אַ וועהטאָג דער באָבען. מיין טאָכטער האָט עס נאָך ניט געהאַט אַנט־וויינט וועז גאָט האָט עס צוגענומען פון איהר. נור איהר ווייסט דאָך, דער אויבערשטער איז אַ בעל רחמים: מיט איין האַנד שטראָפט ער און מיט דער אַנדערער איז ער זיך מרחם. מיין טאָכטער, זאָל געזונד זיין, האָט שוין אַן אַנדער קינד. צו זויגען צוויי קינדער האָט זי קיין כח ניט. זי איז נעבעך אַ שוואַכינקע, וועה דער מאַמען! אָבגע־בען איין קינד צו אַן אַם, איז זי צו אָרים. טו לאָזט דער אונשולדיגער נשמה׳לע שלאָפען דאָ אונטער׳ן גרינעם גראָז. וועקט עס ניט, טהייערער דאָקטאָר!

דאָ איז שוין דער דאָקטאָר ארויס פון געדולד.

—גענוג פאַר היינט! — האָט ער אויסגערופען שטאַרק אין כעס און אויפגערעגט. מיר מוזען עס אָבלעגען אויף אַן אַנדער צייט. נור וויסען זאָלט איהר, אַז אַזוי גיך ווי איהר וועט איינשטימען וועמען פון אייערע טוידטע איך זאָל לעבעדיג מאַכען, בין איך מוכן ומזומן אייך צו ווייזען מיין וואונדערבאַרע געטליכע קראַפט.

* * *

פון יענעם טאָג אָן האָט דער דאָקטאָר ווירקליך אויפגעטהאָן וואונדער. זיינע קליינשטעדטעלדיגע שכנים האָבען אָנגעהויבען גלויבען אין איהם ווי אין אַ גוטען אידען. מען איז געקומען צו איהם פון נאָהענט און ווייט און ער האָט געהיילט קראַנקע. אמת, מחיה מתים זיין איז איהם ניט אויסגעקומען, אָבער דאָס איז ניט געוועזן זיין שולד, אין דעם איז געוועזן שולדיג די קהלה....

מ. מלמד

איבער׳ן וועג

איהר׳ט לאַכען, אַ יאָ? נור זאָגען זאָג איך אייך, אז ניט געדאַכט זאָל ער ווערען דער דאָזיגער וואָס האָט בעשאַפען אַ פריה־לינג אויף דער וועלט, מיט אַ גאָלדענע זון, מיט גרינע בוימער און געדיכטע צווייגען! מילא די זון איז נאָך צו דערליידען, נור די בוימער מיט די גרינע צווייגען זאָל קיין גוטער איד ניט קענען...

איהר לאַכט, אַ יאָ? איהר׳ט נאָך אפשר אויס׳בטל׳ן אַלע בייזע חלומות צו מיין קאָפּ... איהר זאָלט אָבער וויסען פאַר וואָס איך טראָג אזא בייז הארץ אויף דעם פריהלינג אייערען, וואָס די פּאָעטען אייערע ווערען שיער צוריסען בעזונגענדיג איהם, וואָלט איהר שוין ניט געלאַכט פון מיר... איהר מעגט עס הערען. ס׳איז, זאָג איך אייך, אַ שעהנע מעשה.

געוועזן איז דאָס אין מיטען ווינטער. איך האָב דעמאָלט געזוכט אַ לאָזשי, און איך בין ערגעץ פערקראָכען אין אַן אָפּטאָונער גאַס, אַ רייכע גאַס, אַ ברייטע און אַ שטילע מיט שעהנע, הויכע הייזער און צוויי שורות הויכע בוימער פון ביידע זייטען גאַס, נור מיט טרוקענע צווייגען, געוועהנליך, ווייל ס׳איז דאָך, ווי איך האָב אייך געזאָגט, געווען אין מיטען ווינטער...

טראַכט איך מיר: אָט איז עס וואָס איז זוך: ווייל איך האָב, קען איך אייך זאָגען, פיינד דעם דאַון־טאַון, ווי חזיר!...

הקיצור, כ׳האָב געקראָגען דאָרט אַ רום, שייך צו זאָגען אַ רום — אַ פּאַלאַץ! הויך, מיט׳ן האַנד ניט צו דערגרייכען! ברייט — כאָטש צושטרעק ביידע הענד אַזוי ווייט ווי דו ווילסט, וועסטו אַליץ די וואַנד ניט דערגרייכען!... היינט צוויי ליכטיגע פענסטער צום גאַס צו — אַ מחיה, זאָג איך אייך, אַ גן־עדן!

שטעה איך אַזוי איין מאָל און קוק מיר אַרויס דורכ׳ן פענסטער אין גאַס; אנטקעגען איז אויך אַ שורה הייזער, שטילע, פער־חלום׳טע, שטעהען זיך אַזוי ווי בכבוד׳ע בעלי־בתים. פלוצים דער־

זעה איך ווי ביי איין פענסטער, אויפ'ן צווייטען שטאָק, פונקט אַנט־קעגען מיר, בעוועגט זיך דער פאָרהאַנג, ווער איך דאָך מסתמא פער־אינטערעסירט און נעהם שוין פון דאָרט די אויגען ניט אַוועק. און איך זעה טאַקע — — אזא גרוים שטיק גאָלד זאָל איך האָבען, וואָס פאַר א שעהן, ליכטיג פּנים כ'האָב דאָרט דערזעהן...

וואָס טויג איך מעשיות, ס'איז דאָרטען, אין פענסטער הייסט עס, געשטאַנען אַ מיידעל — זאָל איך שוין האָבען אזא יאהר! אַ פּנים'ל — בלוט און מילך! אויגעלעך — בלוי ווי דער הימעל, און לאָקען לאַנגע, שווארצע, ווי די נאַכט אין סוף חודש... הקיצור — אַ מלאכ'ל!... און קוקען קוקט זי גלייך צו מיר! איך זאָג אייך ס'הארץ איז מיר געוואָרען ברייטער ווי לענגער, און קיין יאָלד, דאַרפט איהר וויסען, בין איך ניט. נעהם איך פּאַוואָלינקע און גיב צו איהר א שאָקעל מיט'ן קאָפּ... נו, נו!...

כ'האָב זיך פערשאָלטען, זאָג איך אייך, דאָס געביין... צו וואָס האָט עס מיר געטויגט, צו וואָס? ווייל ניט נור איז זי באַלד פונ'ם פענסטער אַוועק, נור איך האָב זי שוין מעהר טאַקע אין די אויגען ניט געזעהן... ס'פערשטעהט זיך, אַז איך בין קיין פוילער ניט געוועזען, איך בין טאָג ווי נאַכט געשטאַנען מיט'ן פּנים איינ־געגראָבען אין פענסטער און אַלץ געקוקט אריבער אַהין, צו יענעם פאָרהענגעל, אונטער וועלכען ס'האָט זיך בעהאַלטען דאָס מלאכ'דיגע פּנים'ל, וואָס האָט אין הארצען ביי מיר אָנגעצונדען אַ מורא'דיג פייער אין מיטען ווינטער!... כ'האָב געקוקט, און דאָס הארץ מיינס האָט געגאָגט, געלעכצט, געבענקט, געברענט, גע'שרפה'ט...

און טהיילמאָל איז מיין קוקען טאַקע ניט געוועזען אומזיסט אויך!... ס'איז אמת, איהר פּנים האָב איך אפילו מעהר שוין ניט געזעהן, אפילו איין מאָל אויך ניט, עד היום ניט, איך זאָג אייך אסור קיין ליגען ניט... נור וואָס־זשע דען, איין מאָל, ביינאַכט, ווען דאָרט, אין יענעם חדר, האָט געברענט אַ ליכט, האָב איך דערזעהן איהר שאָטען אויפ'ן פאָרהענגעל... ס'איז געוועזען זי, איך זאָל אזוי זעהן אַל־דאָס־גוטס פאַר מיר... און אז איהר ווילט נאָך מעהר, וועל איך אייך שווערען, אַז זי איז געגאַנגען דעמאָלט אין הוילען נאַכט־העמד. ווי איהר זעהט מיך אַ מענשען אויף דער

וועלט !... אי איז דאָך די קשיא, ווי אזוי ווייס איך דאָס ? — —
נו, זעהט איהר דאָך !...

הקיצור, וואָס טויג איך מעשיות, איך בין שיער משוגע געוואָרען פון בייּנקעניש ; נור וואָס־זשע האָב איך מיר, מיינט איהר, געטראַכט ? אָט וואָס : ס'איז דאָך נאָהענט צו פסח. דער ליעבער, דער טהייערער, דער גאָלדענער פריהלינג וועט דאָך סוף כל סוף קומען און אַלע פערמאַכטע פענסטער וועלען זיך דאָך עפענען, כדי אַריינצולאָזען דעם ליעבען גאַסט, די גאָלדענע זון, דעמאָלט, אָה, דעמאָלט — — און מיין הארץ האָט אָנגעהויבען מורא'דיג צו קלאַפּען, דעמאָלט וועט אויך מיין ליעבסטע איהר פענסטער אויפעפענען, און איהר ליכטיג געשטאַלט וועט זיך בעווייזען צו מיר אין דער גאַנצער פראַכט, און — — —

נור דער פריהלינג, קיין גוטער איד זאָל איהם ניט קענען ; דער ערגסטער שונא האָט מיר ניט געקענט אזוינס אָבטהאָן, ווי דער דאָזיגער גאָלדענער פריהלינג אייערער !...

מילא, כ'דאַרף דאָך איך ניט דערצעהלען, אז כ'האָב קוים מיט די ציין דערצויגען דעם פאַר־פּסח, כ'האָב דערשמעקט דאָס ערשטע וואַרעמע ווינטעל, האָט מיין הארץ אָנגעהויבען וואַקסען אין דער ברייט ! מאַכט זיך אָבער, אז פּונקט ערב פּסח דאַרף איך צוליעב ביזנעס אַוועקפאָהרען אויף גאַנצע דריי וואָכען אין א ווייטען וועג, נור וואָס דען, איך טראַכט זיך אַלץ, אז כ'וועל צוריקקומען פּונקט אין צייט, פּונקט ווען די בוימעלעך גרינען, און די פויגעלעך זינגען, און די לבנה שיינט, און די שטערנדלעך בלישטשען, און דאָס הערצעלע קלאַפּט, און דאָס בעקעלע ווערט רויט... און מיין מלאכ'ל דאַרט... נישקשה, זי וועט נאָך בעסער ווערען...

וואָס טויג איך לאַנגע מעשיות, איך בין צוריקגעקומען אויף מיין לאָזשי פּונקט א וואָך צוויי נאָך פּסח, שפּעט בייּנאַכט בין איך געקומען, און בעת איך האָב זיך געלעגט שלאָפען, האָב איך א צייט לאַנג געטראַכט פון דעם מאָרגענדיגען פריהמאָרגען : כ'וועל עפענען מיין פענסטער, און די גאָלדענע זון וועט מיר אַנטקעגען שיינען. ז י וועט שוין שטעהן ביי איהר פענסטער, אין א מאָרגען־ראָק געוועהנ־ליך, אין א דינעם, א דורכזיכטיגען... מיט ברייטע אַרבעל און

איהרע ווייסע נאַקעטע הענד וועלען זיך אַרויסזעהן ביז נאָך די עלענבויגען... און אַ גאָלדענער שטראַהל וועט זיך שפּיעלען אויף איהרע לאָקען... און אַ זיסער שמייכעל אויף איהרע שעהנע ליפּען... און איך וועל צו איהר אַ זאָג טהון אַזוי — — —

נור אין מיטען־דרינען האָב איך אָנגעהויבען צו כראָפּען.

אויפגעכאַפּט האָב איך זיך שפּעטליך, כ'האָב נור אויסגעריבען די אויגען, בין איך שוין אַראָב פון'ם בעט, און צו צום פענסטער, אין די אונטערשטע בגדים, מחילה, און... כ'האָב דערזעהן... אוי, דער פריהלינג אייערער... אז פער'שרפה'ט זאָל ער ווערען...

ער האָט זיך צוואַוואַקסען, האָט ער זיך: דער דאָזיגער פריהלינג!... צושפּרייט זיך, און צולעגט זיך, אַזוי ווי ביים טאַטען אין ווייןשענק! די בוימער זיינען געוואָרען גרין, די צווייגען בעדעקט מיט גרויסע, גרינע בלעטער, און די דאָזיגע גרויסע צווייגען, מיט די געדיכטע, גרינע בלעטער, האָבען פערדעקט די גאַנצע גאַס מיט די הייזער, און ניט נור דאָס פענסטער פון מיין געליעבטער האָב איך ניט מעהר געזעהן, נור דאָס אפילו האָט ער אויך פערשלונגען, דער דאָזיגער גאָלדענער, טהייערער פריהלינג אייערער!...

ב. צביון

מעטשעם

(אַ מאָנאָלאָג)

האָט איהר אפשר אַ מעטש (שוועבעלע)? — אַ שעהנעם דאַנק אייך. — מסתמא האָט איהר דאָך שוין אַ סיגאַרעטעל אויך? — אָ, אַ גרויסען דאַנק.

איהר זאָגט דאָך, אַז אַ מעטש איז גאָרנישט, ניט מעהר ווערטה ווי אַ טוט־פּיק (צייהן־שטעכער), זאָג איך אייך, איהר האָט אַ טעות במחילה. איהר מעגט זאָגען צעהן מאָל להבדיל. אַ טוט־פּיק איז טאַקע ניט מעהר ווי אַ טוט־פּיק אָהן אַ שום ממשות און אַ מעטש איז שוין עפּעס גאָר אַן אנדער זאַך.

קענט איהר מיר, למשל, זאָגען וואָס פאַר אַ פילאָזאָפיע ליגט אין אַ טוט־פּיק? גאָרנישט מיט גאָרנישט. אין אַ מעטש איז אָבער פאַראַן אַ טיעפער געדאַנק, אמת'ע פילאָזאָפיע. אויב איהר ווילט, זיינען מיר אַלע ניט מעהר ווי מעטשעס, דאָס גאַנצע לעבען איז ניט מעהר ווי מעטשעס.

איהר פערשטעהט?

און אפשר טאַקע צוריקרייידענדיג איז דאָס זעלביגע מיט אַ טוט־פּיק, דער זעלביגער משל מיט דעם זעלביגען נמשל: אַלאַ נישט מעהר, די מעשה, וואָס איך וויל אייך דערצעהלען, איז דוקא מיט מעטשעס, און הערט, וואָס עס קען פּאַסירען.

וועט איהר מיך דאָך פרעגען, וואָס עפּעס דוקא מעטשעס? איז, ערשטענס, ווייל עס איז געקומען צו־רייד; צווייטענס, האָט די מעשה טאַקע פּאַסירט מיט מעטשעס.

האָט איהר אפשר נאָך אַ מעטש? — אַ שעהנעם דאַנק. אייערע סיגאַרעטלעך זיינען גאָר אַ מחיה, וואָווילע סיגאַרעטלעך.

מילא, הערט אַ מעשה.

עס איז געווען אַנומעלט, איך בין נאָך געווען אין רוסלאַנד. למשל, מיט וויפיעל יאָהר צוריק מיינט איהר איז דאָס געוועזן? איהר געדענקט ניט? דאָס מוז זיין א חשבון, לאָמיר זיך דערמאָנען — מילא איך געדענק ניט. — צו דער עיקר המעשה האָט עס אָבער ניט. איך בין, לא עליכם, די לעצטע צייט זעהר שוואַך אויפ׳ן זכרון. אַמאָל, זאָג איך אייך, האָב איך געהאַט אַן אייזערנעם זכרון, אָבער די לעצטע צייט לא עליכם, דאָס איז מיר טאַקע געקומען פון די מעטשעס.

האָט איהר אפשר נאָך א מעטש? — א שעהנעם דאַנק אייך. אייערע סיגאַרעטלעך זיינען גאָר מהודרים.

יא, וועגען די מעטשעס. עס איז געווען ווען מען האָט אין רוסלאַנד איינגעפיהרט אַקציז אויף מעטשעס. געדענקט איהר אפשר אין וועלכען יאָהר דאָס איז געווען? איך בין לא עליכם די לעצטע צייט זעהר שוואַך אויפ׳ן זכרון. וואַרט א ווײַלע! דאָס האָט געמוזט זיין — מילא, איך קען זיך ניט דערמאָנען, איך בין טאַקע לא עליכם זעהר שוואַך אויפ׳ן זכרון. נאָר צו דער מעשה האָט עס ניט. איהר וועט מיר שוין אַזוי גוט זיין געבען נאָך א מעטש. — אָט אַזוי, א שעהנעם דאַנק אייך.

הייסט עס, ווען מען האָט איינגעפיהרט אין רוסלאַנד אַקציז אויף מעטשעס. איך בין דאַן געווען לא עליכם א מלמד, א מקרא דרדקי, הייסט עס, אָדער, ווי מיין ציפּע פלעגט עס רופען — א מקרא גע׳הרג׳עטער. מיין ווייב ציפּע האָט געהאַנדעלט אויפ׳ן מאַרק, מיין עלטער מיידעל איז געגאַנגען נעהען און די איבעריגע זיינען געווען קליינוואַרג... איהר קענט זיך פאַרשטעלען, אז קיין גבירים זיינען מיר ניט געווען. פון אַלעמענס פרנסות און מלאכות איז געווען אין שטוב קדחת.

האָט איהר אפשר שוין נאָך א מעטש? — גיט מיר שוין א סיגאַרעטעל אויך, וואָרום סיגאַרעטלעך אייערע. אָט אַזוי, א שעהנעם דאַנק אייך.

מילא, וואו האַלט איך? יא, ניט געווען קיין גבירים און א איד וויל דוקא זיין א גביר. ווי ווערט מען אָבער אַזוי פּור־פלאָט, דיר נישט, מיר נישט, א גביר? טהוט גאָט א נס און מען מאַכט אין

רוסלאַנד אַן אַקציז אויף מעטשעס. ווי איך האָב נאָר דערוואוסט זיך, אַז מען גיהט מאַכען דעם אַקציז, איז מיר גלייך איינגעפאַלען אַ פּלאַן אין קאָפּ, אַז דאָ קען איך ווערען אַ נגיד. היינו, איך וועל זיך אַביסעל אונטעראייַלען און איינקויפען מעטשעס ווי לאַנג עס איז נאָך קיין אַקציז ניטאָ און נאָכדעם — פערשטעהט איהר דאָך...

איז דאָך די קשיה, וואו נעהמט מען געלד? גיט זיך אַ אייד אַן עצה, אַ גמילת חסד, אַ משכון, אַ קניפּעלע, און ס'ווערט רעכט.

געזאָגט און געטהאָן. איך האָב צונויפגעשקראַבעט עטליכע קערבלעך, קיינעם קיין מעשיות ניט דערצעהלט און אוועקגעגאַנגען און געקויפט מעטשעס.

איז מיין ווייב ציפּע אָבער אויך קיין נאַר ניט, דערצו נאָך אַ אידענע אַ סוחר'טע, פאַלט זי מסתמא אויך אויף דעמזעלביגען פּלאַן, אַז מען דאַרף קויפען מעטשעס. און ווי אַ אידענע אַ סוחר'טע, האָט זי אָנגעשווינדעלט עטליכע קערבלעך און האָט טאַקע געקויפט פאַר'ן גאַנצען געלד מעטשעס.

מיין טאָכטער, רייזעל, זאָל לעבען, אַ מיידעל ניט קיין נאַר, איז אויך געפאַלען אויף דעמזעלביגען פּלאַן. זי האָט אויך פאַר די עטליכע גראָשען, וואָס זי האָט גהאַט אָבגעשפּאָרט פון דער נאָדעל, וואָס זי האָט עס געהאַלטען אין אַ קניפּעלע אויף אַ קלייד צו פּסח, געקויפט מעטשעס.

איהר זעהט אַליין, אַז דאָס איז געווען אַ גאָט־זאַך. מיר האָבען זיך ניט צונויפגערעדט, גאָט אַליין האָט עס ביי אונז אַלעמען אריינגעשיקט אַזאַ מחשבה.

האָט איהר נאָך אַ מעטש? — אַ שעהנעם דאַנק אייך.

יאַ, וואו האַלט איך? הייסט עס, אַז מיר אַלע האָבען געקויפט מעטשעס. איך דאַרף אייך אָבער זאָגען דעם אמת, אַז גאָר קיין גראָמע דירה האָב איך ניט געהאַט. פאַר פּסח איז דאָס געווען, אַ פּאָר היהנער אין שטוב און אַ קאַטשקע, אויב ניט צוויי, האָט מען געקאָרמעט אויף יום טוב, בוריקלעך אין אַ פעסעל אויף יום טוב מוז מען שטעלען, מעד דאַרף מען אויך ברייען, און אַז מען האָט נאָך געבראַכט די קאַסטענס מעטשעס, וואָס איך האָב געקויפט, וואָס מיין ווייב האָט געקויפט און וואָס מיין טאָכטער רייזעל, זאָל לעבען,

האָט געקויפט, איז טאַקע געוואָרען, ווי זאָל איך אייך זאָגען, אַזוי ענגלעך, אַז מען האָט זיך ניט געהאַט וואו אומצודרעהען. דערצו האָט די שוויגער מיינע מיט מיין ווייב'ס שוועסטער, אַ מיידעל, אַ בגרות אין די יאָהרען, וואָס קלייבט שוין עטליכע יאָהר אַ קניפּעלע אויף נדן, וועלכע וואוינען ביי מיר אין דירה, אויך געקויפט מעטשעס; מיין אַלטע מאַמע, וואָס האָט געהאַט אַ בעטעל ביי אַ קרוב נעבען טהיר, האָט פאַר איהרע עטליכע גראָשען געקויפט מעטשעס און האָט עס ביי מיר אַוועקגעשטעלט. בקיצור, וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען, עס איז געווען ליהודים, וואו איהר האָט זיך געקעהרט, זיינען געווען קאַסטענס מיט מעטשעס. פאַר די היהנער מיט די קאַטשקעס און מיינע קונדסים זיינען אפילו די קאַסטענס געווען גאָר שעהנע מחותנים אין הויז. פאַר זיי איז דאָס געווען אַ מתנה מן השמים. דער עולם האָט זיך שטאַרק משמח געווען מיט זיי און האָט בעוויזען אַלערליי מיני קונצשטיק, שפּרינגענדיג אַרויף און אַראָב פון איין קאַסטען צום צווייטען. נאָר איך מיט מיין ווייב ציפּע וועלען האָבען די קאַסטענס אויף אייביג צו געדענקען. מיין ווייב ציפּע, יאָגענדיג זיך איינמאָל נאָך אַ הוהן, האָט זיך, לא עליכם, אַזוי צוקלאַפּט די נאָז אָן אַ קאַסטען, אַז זי איז עד היום געבליבען אַ פּאָנפּאַטע, און איך, וועלענדיג אַריינקאַטעווען ווי געהעריג איז איינעם פון מיינע קונדסים, איז מיר געפאַלען אַ קאַסטען מיט מעטשעס אין קאָפּ און בין, ווי איהר זעהט מיך, ביז היינט געבליבען מיט אַ שוואַכען זכרון, לא עליכם.

איך וועל טאַקע נעהמען ביי אייך נאָך אַ מעטש מיט אַ סיגאַרעטעל. אָט אַזוי, אַ שעהנעם דאַנק אייך.

יא, וואו האַלט איך? — מילא, דאָס וואָלט אַלץ געווען גאָרנישט. איהר דאַרפט ניט פערגעסען, אַז לויט דעם חשבון, וואָס איך האָב געמאַכט אויפ'ן פּאַפּיר, און מיין ווייב ציפּע אויפ'ן קאָפּ, איז אונז געשטאַנען צו פערדינען פון די מעטשעס לכל הפחות נו"ן קערבלעך, אויב ניט מעהר. איהר פערשטעהט, 50 קערבלעך!

האָט אָבער גאָט אויך אַ דעה און זאָגט לא מיט אַ ספּאָדעק. ער זאָגט: בלייב אַ קבצן, אַז ניט פאָהר קיין אַמעריקאַ.

איך וועל אייך ניט אויסדערצעהלען אַלע צרות, וואָס מיר האָבען

געהאַט פון די מעטשעס, איך וועל עס מאַכען בקיצור. ערשטענס האָט זיך דערוואוסט פון מיינע מעטשעס דער בעל הבית פון דער דירה מיינער, דער לענדלאָרד, הייסט עס. ער איז געקומען צו מיר מיט אַ טענה, אַז אַזוי ווי איך האָב פון זיין דירה געמאַכט אַ קראָם, ממילא פערלאַנגט ער אַ רובעל אַ מאָנאַט טהייערער דירה־געלד. און דאָס איז נאָך מיט אַ טובה, אַן אנדערען וואָלט ער גערעכענט אַ סך טהייערער, אַ קראָם האָט גאָר אַן אנדער מקח.

איז אייך דאָס אוועק. האָבען דאָך אָבער אידעלעך אַ גוטע מידה ניט צו פערגינען דעם צווייטען דעם ביסען אין מויל, געהט אוועק אַ שכן, וואָס האָט זיך צוקריגט מיט מיין ציפען, און גיט אָן אַ מסירה דעם אַקציזניק, אַז ביי מיר געפינט זיך אַ גאַנצער סקלאַד מיט מעטשעס אָהן באַנדעראָלען. פערשטעהט איהר דאָך שוין אַליין, אַז דער אַקציזניק קומט און געפינט טאַקע די מעטשעס און עס העלפט קיין טענות ומענות, מען האָט זיך געמוזט פער'משכון'ען, פערקויפען די היהנער מיט די קאַטשקעס און בעצאָהלען אַקציז. אויס גבירות הייסט עס. מיין ציפע ברעכט די הענד, מיין רייזעל, זאָל לעבען, וויינט אויס די אויגען, זיך געבלוטיגט, ניט געמאַכט זיך קיין קלייד אויף פסח, אבי עטליכע קערבלעך צו פערדיענען, און דאָ נאַ דיר פאַר'ן טייוועל.

מיינט איהר דאָך, אַז דאָס איז אַלץ, האָט איהר, זייט מוחל, אַ טעות. דער אַקציזניק, לאַ די, וואָס ער האָט אונז בערויבט און אונגליקליך געמאַכט, האָט נאָך געשיקט די פּאָליציי מיט אַ טענה, אַז אין אַזאַ ענגע דירה ווי מיינע טאָר מען פון זיכערקייט וועגען אַזוי פיעל מעטשעס ניט האַלטען, היות עס קען זיין אַ שרפה. וואָלט מען שוין אפשר מיט דער פּאָליציי ווי עס איז דורכגעקומען, מיין ווייב ציפע איז אַ אידענע אַ בריה מיט אַ צונג, האָט זיך אָבער אריינגעמישט די סטראַכאָווקע, די פייער־אינשורענס, הייסט עס, און דאָ העלפט אייך קיין טאַטע ניט.

וואו לעגט מען אָבער די מעטשעס? מיט גרויסע צרות און פּיין האָבען מיר געקראָגען פאַר אַ רובעל אַ מאָנאַט אַ שטיקעל אָרט ביים בעל הבית אין קעלער. גאָט צו דאַנקען, ליכטיג געוואָרען אין די אויגען. מיר האָבען נאָך קיינמאָל ניט געפיהלט דעם טעם פון אַ

גראַמע דירה, ווי יעמאָלט, ווען מען האָט ארויסגעטראָגען די קאַס־טענס מעטשעס פון שטוב.

מיינט איהר, אַז דאָס איז שוין אַלץ — הויבט זיך גאָר ניט אָן. וואו צו פערקויפען די מעטשעס איז ניט געווען. אַלע זיינען געווען אַזעלכע חכמים ווי מיר, און ווער עס האָט נור געקענט מאַכען אַ קערבעל, האָט אָנגעקויפט מעטשעס. די קאַסטענס האָבען געמוזט בלייבען שטעהן אין קעלער און ווארטען. איז אָבער דאָך גאָט אַ גוטער, שיקט ער ווי אַלע מאָל אויף פּסח, גרויסע געוויסערען, דער טייך האָט זיך צושפּיעלט און האָט פערטרונקען דעם קעלער מיט מיינע מעטשעס.

אָט אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזען אַ טייך פון מיינע נגידות. — האָט איהר אַ מעטש? — אַ שעהנעם דאַנק אייך. איך וועל שוין נעהמען ביי אייך נאָך אַ סיגאַרעטעל, וואוילע סיגאַרעטלעך רויכערט איהר, גאָר וואוילע!...

מ. ציפין

עס סווישטשעט

אונזער „קאָמוניסטישע קאָלאָניע“, ווי מיר פלעגן רופען אונזער קרוזשאָק, האָט געהאַט דעם טאָג אַ גרויסען יום־טוב. ווי אונזער ווירקונג איז ניט געווען שטאַרק אויף די אַרומיגע, וואָס דאָס איז בעוויזען געוואָרען מיט אַזעלכע דייטליכע בעווייזע, ווי דאָס, וואָס די לעצטע צייט קומען אַריין אַלע שבת אין דער זעמסקער ביבליאָטהעק אַ צעהן־פופצעהן פערפוצטע קאַוואַליערען און פריילינס, טאַפען איבער אַלע צייטונגען, איבערהויפט די הומאָרי־סטישע און געהען אַוועק; ווי גרויס מיר זיינען זאָגאַר ניט געווען אין צאָהל, צעהלענדיג: דריי אויפ'ן בית־עולם נעבען פאַרקען; פיער אויף דער קלאַדבישצע אונטער שוואַרצע איינגעבויגענע צלמים; צוויי אין סיביר; זעקס אין אַסטראָג „ביז עפּעס“; איינעם אַ פערפאַלענעם און אַכט אין „לעבען און געזונד“ — מיט איין וואָרט גרויס, שטאַרק און טהעטיג ווי מיר זיינען ניט געווען, פלעגען אין פראַקטישען לעבען ביי אונז טרעפען גאַנץ ווייניג יום טובים, און אַזעלכע אוּדאי.

צוויי פּאַסירונגען האָבען זיך געטראָפען דעם טאָג. סאַשאַ טורין האָט בעקומען דורך פּאָסט 25 רובעל, און דאָס איז געווען אַזוינס, וואָס טרעפט זיך „איין מאָל אין צעהן יאָהר“, ווי ער אַליין האָט געזאָגט. עפּעס אַ קלייניגקייט — 25 רובעל! מיט אַזאַ אוצר מיט גאָלד האָבען מיר געקענט ביי אַלעמען אַרויסטרייבען דעם דלות און איבערלאָזען נאָך עטליכע רובעל אויף אַ פּאָר גוטע ביכער. און צווייטענס, וואָס איז פיעללייכט נאָך וויכטיגער, מישאַ ברעגין'ס אַרטיקעל: „מאַטעריאַלען צום לערנען דאָס לעבען פון די בויערן“ איז אָנגעקומען אַ געדרוקטער אין „וויעסטניק יעווראָפּי“, און כאָטש ער איז אַרויס אַ צוקיילטער און צובייזטער, אָדער ווי מישאַ ברעגין האָט געזאָגט, אָהן הענד און אָהן פיס, איז ער דאָך געווען געדרוקט אין דעם בעסטען זשורנאַל, און דאָס האָט פיעל בעדייטעט פאַר

אונזער קאָלאָניע. מיר וועלען זיך שוין מעהר ניט דאַרפען שטיקען מיט אונזערע מיינונגען דאָ אין אונזער ענגען קרייז, מיר וועלען זיי אַרויסצייגען פאַר דער גאַנצער לעזענדער וועלט.

און נאָכדעם, אַז מיר האָבען זיך גוט אָנגעריסען די העלזער אויף דער טהעמא „די ראָליע פון דעם בויער אין דער אַרבייטער־בעוועגונג" און עס איז געבליבען ווי מישאַ ברעגין האָט געזאָגט, אַז מיר קענען פון דעם בויער אין דער צוקונפט ערוואַרטען פיליכט מעהר פּראָגרעס פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן, ווי פון דעם פערהייליגטען שטאָדט־פּראָלעטאַריער, ווען עס איז געבליבען אַז די פּראָפּאַגאַנדע אין דאָרף איז נאָך נעטהיגער ווי אין שטאָדט און מיט דעם דערלאַנגט אַ טויט־קלאַפּ די סאָציאַלדעמאָקראַטען, האָבען מיר זיך גענומען פאַר דער פראַגע, ווי איינצוטהיילען דאָס געלד.

סאַשאַ טורין האָט קיין אַנטהייל ניט גענומען אין דער לעצטער דעבאַטע, אַזוי ווי דאָ וואָלט זיך גאָר ניט געהאַנדעלט וועגען זיינע 25 רובעל. ער האָט נאָר געצייגט אַ ביל אויף 5 רובעל 80 קאָפּ., און נאָכדעם, ווי עס איז פון דאָרט אויסגעמעקט געוואָרען 65 קאָפּ. אַלס „ניט נעטהיג", אויף וואָס סאַשאַ האָט מיט אַ שמייכעל געענטפערט „חזירים", איז דאָס איבעריגע איינשטימיג איהם בעוויליגט געוואָרען. דאַן האָט יעדער געצייגט זיינע רעכנונגען, נאַטירליך די „גאַנץ נויטיגע", אויסער מישאַ ברעגין, וועלכער האָט „אַבסאָלוט אין גאָר ניט גענויטיגט זיך", און עס איז איבערגעבליבען צוויי רובעל 30 קאָפּיקעס. 30 קאָפּ. האָט מען באַלד פערשוועגדעט אויף נאַשעריי און מען האָט אַוועקגעשיקט נאָך פיער פלעשלעך קוואַס, בייגעל און איין פּיראָזשנע פיר פריילין אַנעטאַ דינערשטיין און די איבריגע צוויי רובעל זיינען געבליבען הענגען אין דער לופטען. מישאַ האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל זיי פערשוועגדען אויף מילל'ס פּאָליטישע עקאָנאָמיע.

— מיר האָבען שוין לאַנג געוואָלט קויפען דעם בוך, און מיר דאַרפען איהם האָבען, — האָט ער געזאָגט, און ביי יעדען וואָרט האָט ער זיך פערהוסט — און דאַרום דאַרפען מיר ניט דורכלאָזען אַזאַ גלענצענדע געלעגענהייט.

עס איז געוועזען אָסיען־צייט, אַ זייגער צוויי נאָכמיטאָג. אין

דרויסען האָט גערעגענט מיט אַ שנײדענדען רעגען און פאַר די אויגען איז געװען דאָס געװעהנליכע הערבסט־בילד: אַ גרויסע אונ־ ענדליכע לוזשע מיט שפּרינגענדע קײקעלעך אין איהר און אַזאַ גרויע פינסטערניס, װעלכע איז דער מיטעלפּונקט צװישען טאָג און נאַכט.

פּלוצים איז אַרוים אַ פּראָטעסט געגען דעם פאָרשלאַג. דער פּראָטעסט איז אַרוים פון ליב חן, אַ לעהרער מיט אַ גאַנצען פּאַק צוגעזאָגטע תלמידים „אויף שפּעטער" און פון יאָשקע באָבראָװ, אַ פעלדשער, װעלכען „עס איז עפּעס ניט געגאַנגען אין פּראַקטיקע". זײ האָבען בײדע בעהױפּטעט, אַז ערשטענס איז מילל איצט גאָר ניט אינטערעסאַנט, װײל פון דער קריטיק װײס מען דאָך שױן אונגעפעהר װאָס ער האָט געשריעבען, און צװײטענס דאַרפען זײ בײדע האָבען טאַבאַק און זײ האָבען עס אַבזיכטליך פריהער פער־ שװיגען, װײל זײ האָבען געדענקט אַז עס װעט ניט סטאַיען קײן געלד.

עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ פײערדיגע דעבאַטע װעגען דעם. ברעגין האָט געהוסט, געטרונקען װאַסער, װידער געהוסט און איז אַלץ בעשטאַנען אויף דאָס זײניגע, אַז מיר מוזען אַמאָל צוזאַמען דורכלעזען מילל'ן, אַז מיר װאַרפען זיך אײגענטליך אַרום מיט אײנ־ צעלנע פליהענדע פראַזען פון איהם, אַז מיר שרײבען איהם אָפטמאָל צו דאָס, װאָס ער האָט גאָר קײנמאָל ניט געזאָגט און אַז ניט נור מען קען אויסקומען אָהן רויכערן, זאָנדערן עס איז זאָגאַר שעדליך פאַר'ן געזונד און ניט עקאָנאָמיש; און די װידער האָבען דײטליך בעװיזען, אַז איצט װען מילל מיט זײן גאַנצער שולע זײנען אַזױ געשלאָגען געװאָרען פון אַלעמען, דאַרפען מיר ניט אויסגעבען אַזױ פיעל געלד אויף אַ בוך, װעלכעס האָט מעהר ניט װי אַ היסטאָרישען װערטה און אַז רויכערן מוזען זײ; בפרט איצט, װען עס איז אַזױ ניט גוט אויפ'ן הארצען און עס פערדיענט זיך ניט קײן צובראָכענער צװײער.

עס איז שװער צו זאָגען װי דאָס װאָלט זיך געענדיגט, דען פון די פּרינציפּיעלע שטרײטיגקײטען איז מען אריבער אויף פּערזענ־ ליכע: ברעגין האָט זײ אויפגעװאָרפען, אַז צוליעב זײער פערגניגען,

וואָס איז אייגנטליך פאַר זיי אליין שעדליך, וועלן מיר דערוויייל ניט האָבן מילל׳ס בוך, און זיי ווידער האָבן איהם אויפגעוואַר־פען, אז צוליעב דעם וואָס איהם ווילט זיך ציטירען פון מילל׳ן א פאַר פראזען פאַר זיין ארטיקעל, דארפען זיי דערוויייל אויסגעהן אָהן א פּאַפּיראָס טאבאק. נאָר סאַשא טורין האָט געמאכט אַן ענד צו דעם.

ער האָט א טרייסעל געטהאָן מיט זיינע גרויסע שווארצע האָאר, האָט אויסגעווישט זיינע ברילען, האָט א הוסט געטהאָן אין פויסט, וואָס דאָס האָט בעדייטעט אז ער רופט צו אָרדער און האָט געזאָגט :

— פריינדע ! איינער א מיטגליעד פון אונזער קאָמוניסטישער קאָלאָניע, דער געאַכטעטער שרייבער אונזערער, מישא ברעגין, וועמעס ארטיקעל איהר האָט היינט געהאט דאָס פערגניגען צו לעזען אין „וויעסטניק יעוראָפּי“, נויטיגט זיך אין שיך. נעהמענדיג אין אנבעטראכט, אז איצט זיינען די וועטערן קאַלט און נאַס און דאָס ער קען נאָך אוועקגעהן צו אונזער ברענטש אויף יענער וועלט און דערמיט מאכען אז די מאַיאָריטעט זאָל זיין אויף זייער זייט, מאַך איך צום פאָרשלאָג, אז די צוויי רובעל זאָלען געהן אויף א פּאָר שיך פאַר איהם.

— בראַוואָ ! בראַוואָ ! — האָט א רעווע געטהאָן די גאנצע קאָלאָניע און ליב חן מיט יאַשקע באַבראָוו, די זעלבע וועלכע האָבען ערשט אַזוי שטארק בעשיצט זייער רעכט אויף רויכערען, האָבען שטארקט געקלאַפּט, דער ערשטער מיט זיין סוקעוואַטען שטעקען, מיט וועלכען ער פלעגט זיך קיינמאָל ניט צושיידען, און דער צווייטער מיט א ביינקעל.

מיר האָבען זיך אַלע א וואָרף געטהאָן צו ברעגינ׳ען און מיר האָבען ערשט איצט אויסגעפונען, אז דאָס וואָס ער טראָגט אויף זיינע פיס איז גאָר קיין שיך ניט, און עס איז א צוויפעל אויב זיי זיינען עס אַמאָל ווען געווען. יעדער פון אונז האָט זיך געקאָכט, האָט איהם געהויבען די פיס און געמאכט איהם פּאָרווירפע וואָס ער האָט „ביז איצט געשוויגען“, אַזוי ווי נאָר אָן דעם האָט זיך געוועטדט.

— קענט איהר אונז ניט ערקלערען, געעהרטער מיטגליעד — האָט סאַשא ווידער געזאָגט, נאָכדעם ווי מיר אַלע האָבען זיך שוין

בערוהיגט און פּערנומען אונזערע פּלעצער — וואָס וואָלט איהר געוואָלט בעסער: שיך אָדער שטיוועל? נאָך דער צייט נאָך וואָלט אפילו בעסער געפּאַסט שטיוועל, נאָר מיר טאָרען ניט פערגעסען אז פאַר דעם קאַפּיטאַל, וועלכען מיר האָבען אין אונזערע הענד, קענען מיר קיין רעכטע שטיוועל ניט בעקומען.

מישאַ ברעגין האָט אַ שמייכעל געטהאָן, האָט זיך צוהוסט, וואָס עס האָט ביי איהם פּערנומען אַ היבשע צייט, און האָט געזאָגט:

— זאָל זיין בעסער מילל׳ס עקאָנאָמיע... איך וועל נאָך אויס־קומען אזוי.

— וואָס אזוי, וואָס אזוי! — האָט זיך ליב חן צושריען, אזוי ווי אימיצער וואָלט איהם אונטערגיסען הייסע וואסער — ס׳געהערט אַ ביסעל! הוסט ווי פון אַ פּאַס, באַלד וועט ער אויסהוסטען די נשמה און... וועט אויסקומען אזוי! נאָך וועניג פערקיהלט זיך!

— יאַ, דו הוסט זעהר שלעכט! — האָט אונזער פעלדשער יאַשקע באַבראָוו בעמערקט. ער, אַלס קענער אין מעדיצין, האָט שוין געקענט אונטערשיידען צווישען גלאַט הוסטען און הוסטען שלעכט.

— אין דער אמת׳ן, וואָס מאַכסטו זיך נאַריש? — איז סאַשאַ טורין אריבער אין אַן ערנסטען טאָן, — דו הערסט דאָך, ווי אַלע זאָגען, אַז דו הוסטסט שלעכט, אַז דו הוסטסט טאַקע... אָט...

ער איז אַנשוויגען געוואָרען, דען מישאַ ברעגין האָט זיך ווידער צוהוסט און דעם מאָל אזוי לאַנג, אז ער האָט אויסגעטרונ־קען דריי גלאָז וואסער מיט דריי שטיקלעך צוקער, וועלכע פּריילין דינערשטיין האָט ארויסגענומען פון אַ קעסטעל (די פערזאַמלונגען פלעגען פּאָרקומען ביי איהר אויף דער קוואַרטיר) און האָט אַ לאַנגע צייט אראָבגעבלאָזען פון זיי די קערענדילך טהעע וועלכע עס האָבען זיך אָנגעקלאַפּט אָן זיי.

— יאַ, — האָט ער זיך אַנגעהויבען אונטערגעבען — אַ ביסעל איז עס ריכטיג, איך הוסט טאַקע, נאָר דאָס וואָלט נאָך אַלץ ניט אויסגעמאַכט, איין זאַך איז פּאַסקודנע וואָס עס סווישטשעט אַ ביסעל, דאָס הייסט, אַז איך געה ארוים פון אַ בלאָטע אויף אַ טרוקענעם אָרט, גיט עס אַ סווישטש אינוועניג אין די שיך, און דאָס איז זעהר ניט אַנגענעהם. איהר הערט דאָך! אָט נעכטען בין איך

אזוי געגאַנגען מיט מיינע מוזיקאַלישע שיך אויפ׳ן טראָטואַר און בין פאַרבייגעגאַנגען עפּעס אַ רייך־געקליידעטע דאַמע, האָט ביי מיר אַ סווישטש געטהאָן און עס האָט איהר בעשפּריצט דאָס קלייד מיט בלאָטע...

ער האָט זיך צולאַכט און האַלב־לאַכענדיג, האַלב־הוסטענדיג האָט ער געענדיגט:

— האָט זי זיך אומגעקעהרט צו מיר און אָנגערופען מיך „חזיר“.

מיר האָבען זיך אַלע צולאַכט, אויסער ליב חן, וועלכער האָט זיך שטאַרק צובייזערט.

— בורזשויען! מען האָט זיי בעשפּריצט מיט אַ ביסעל בלאָטע, קעהרט זיך מיט זיי אַ וועלט! ציטערן פאַר זייערע קליידער... חזירים! ווילען גאָר ניט בערעכענען, אז יענער טהוט עס ניט אומיסטען! אָט איז ביי מיר אויך אין גאַנצען פערשפּריצט די הויזען און איך האָב דאָך צו קיינעם קיין טענות דערפאַר.

אויף צו זיין „פערשפּריצט“ איז ער טאַקע געווען דער גרעסטער בריה. סאַי ווינטער סאַי זומער זיינען זיינע הויזען געווען אין דיקע בלאָטע ביז די קניע און וואו ער האָט עס אָנגענומען און ווי אזוי — דאָס איז אַ זאַך, וואָס ער אַליין האָט ניט געוואוסט. ווען ער פלעגט אַמאָל (און דאָס האָט זיך געטראָפען זעהר זעלטען) מאַכען אַ „גענעראַלנע אָטשיסטקע“ אויף זיינע הויזען און פלעגט זיך געהמען מיט אַלע קרעפטען רייבען זיי אין זיינע הענד, שפּייען און שעלטען גלאַט אין דער וועלט אריין, פלעגט ער אָנמאַכען אזא שטויב אז מיר פלעגען זיך אַלע צולויפען און ער פלעגט עס „לאָזען אויף שפּעטער“.

עס האָט שוין גאָר געהאַלטען אז ער זאָל די בורזשואזנע דאַמע צורייסען ווי אַ הערינג, נאָר מישא ברעגין האָט זי בעשיצט, ער האָט בעמערקט, אז עס קען זיין, אז דאָס איז גאָר געווען ניט קיין בורזשוא, נאָר אַן ארבייטערין אָדער אַ דיענסט, וועלכע איז געוויס געגאַנגען פערשוואַרצט געוואָרען ביז זי האָט צוזאַמענגעקליבען אויף אַ רעכט קלייד. און כאָטש׳עס איז דאָ געגען דעם פּיעלעם וואָס אויסצוזעצען, דאָך איז זי ניט שולדיג אין דעם וואָס אַ שעהן קלייד

איז ביי איהר אַ אידעאַל... אין דעם ציינגט זיך אַרויס איהר פּראַ־טעסט געגען די רייכע, איהר שטרעבען צו שטעהן גלייך מיט זיי, מעהר ניט, זי ווייס ניט פון ראַציאָנאַלע מיטלען צו פּראָטעסטירען.

איצט איז פערבליבען די פראַגע, ווער עס זאָל געהן מיט ברעגינען קויפען די שיך. לאָזען איהם אליין האָט מען ניט געקענט, וויל ער וואָלט געגומען וואָס מען וואָלט איהם געגעבען. יאַשקע באַבראַוו האָט זיך אַרויסגעצייגט צו זיין אַ גרויסער מבין אין שיך, דען ער האָט געוואוינט אין ראָסטאָוו פיער יאהר ביי אַ שוך־קרעמער און „קען שוין גוט די גנבים" און ער איז אַוועק מיט איהם.

עס איז געווען אַרום פינף אוהר ווען זיי זיינען אַרוים. אין דרויסען איז געווען פינסטער און מיר האָבען אָנגעצונדען דעם לאָמפּ און געוואַרט. יעדער האָט געגלויבט, אַז ווען מישאַ ברעגין וועט אָנטהון אַ פּאָר נייע שיך, וועט ער אויפהערען הוסטען, און דאָס האָט זיך אַזוי געוואָלט... זיין הוסט איז שוין געוואָרען אַזוי טרוקען, אַז מיר פלעגען יעדעס מאָל אַ ציטער טהון.

ענדליך זיינען זיי געקומען. יאַשקע באַבראַוו איז אַריין — שנעל, אַריינגע'גנב'עט זיך, שטיל, איינגעבויגען, מיט אַראָבגעלאָזענע אויגען און ברעגין איז אַריינגעלאָפען האסטיג מיט אַ פרעהליכען אימפעט, האָט אַ וואַרף געטהאָן אויפ'ן טיש מילל'ס עקאָנאָמיע, האָט זיך אַוועקגעזעצט און האָט אונז אַלעמען בעגאָסען מיט אַ גליקליכען בליק.

מיר זיינען געווען איבערראַשט און איבערגעקוקט זיך, ניט וויסענדיג ווי אַזוי אַ פּאָר שיך, אויף וועלכע מיר האָבען אַזוי געוואַרט, האָבען זיך פּלוצים איבערגעביטען אין מילל'ס עקאָנאָמיע.

— מיר זיינען אַריין אין צוויי קראָמען. — האָט יאַשקע אָנגעהויבען מיט אַ ניעדריגען קול, זעהענדיג אַז ער וועט סאַי ווי סאַי ניט אויסדרעהען זיך אָהן אַן ענטפער — אין איינער איז געווען אַ גאַנץ גוטע פּאָר שיך, פּונקט צום מאָס, מען האָט געבעטען צוויי מיט אַ האַלב, מען וואָלט אָבגעגעבען פאַר צוויי, זאָגט ער, אַז זיי געפעלען איהם ניט. וואָס ניט געפעלען, ווען ניט געפעלען — איז רעד צו דער וואַנד. וויפיעל איך האָב ניט צו'טענה'ט, וויפיעל דער קרעמער מיט זיין ווייב האָבען אין איהם ניט אַריינגערעדט, און ער

זאָגט אַליין, אַז איהם געפעלט ניט. אַז מיר זיינען אַרויס פון דאָרט איז ער אַריינגעלאָפען אין בוך־געשעפט, האָט געבעטען מילל'ס פּאָליטישע עקאָנאָמיע, די נייע אויסגאַבע, און איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט אויסצורעדען אַ וואָרט, האָט ער שוין בעצאָהלט און איז אַנטלאָפען.

מישאַ האָט זיך צולאַכט.

— גיט אַ שפּיי אויף דעם! — האָט ער זאָג געטהאָן מיט אַ פעסטער און ריינער שטימע — וואָס האָט איהר זיך אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ: שיך און שיך! איך האָב אייך דאָך געזאָגט שוין אַז איך וועל אויסקומען אַזוי. לאָמיר זיך זעצען לעזען. מיר וועלען אָנהויבען פון „רענטאַ", דאָס איז ביי איהם דאָס שטאַרקסטע.

ער האָט זיך צוגערוקט צום טיש, האָט אויפגעעפענט דעם קאַפּיטעל „רענטאַ", און מיר האָבען זיך אַלע פערגעסען אָן די שיך, אָן זיין הוסטען און אָן אַלעס. ער האָט פאָרגעלעזען און מיר האָבען דיספּוטירט איבער יעדען זאַץ, איבער יעדען וואָרט. איין ליב חן איז נאָך, ווי עס ווייזט אויס, געבליבען אונטער דעם פריהעריגען איינדרוק, דען ער איז אַרומגעגאַנגען מיט שווערע טריט איבער'ן צימער, האָט איטליכע ווייל'ע געשפּיגען און האָט אַליין געמורמעלט:

— כאַפּען אַריין אַלעס אין זייערע הענד, און מאַכען דערנאָך גאַנצע נאַטור־געזעצע אויף דעם, גאַנצע לעהרעס, און דו ברעך זיך דעם קאָפּ איבער דעם! עס איז מיין באָבעס דאגה אויב רענטאַ איז קאַפּיטאַל אָדער ניט און ווי אַזוי זי וואַקסט. זי איז ביי זיי אין די הענד, וואַקסט די דערפאַר... אַליין ווערסטו פערפאַלען ווי אַ הונד, האָסט ניט אַ נאַכט וואו איבערצונעכטיגען, און מען דערצעהלט דיר געשיכטעס ווי אַזוי אַ שטיקעל ערד הויבט זיך אין פּרייז... חזירים! בורזשויען!...

אַז מיר זיינען געגאַנגען אַ זייגער צוויי ביינאַכט אַהיים, אָנגעהיצט און איינגעשוויצט פון דער רענטאַ, אונטער דעם קאַלטען רעגען, און אונזערע פיס האָבען איטליכע ווייל'ע געזונקען אין די טיעפע בלאָטעס, האָט ברעגין צו מיר געזאָגט:

— וואָס זאָגסטו, איך האָב זיי אָבגענאַרט! איך בין זעהר צופריעדען, וואָס מיר האָבען געקויפט מילל'ס עקאָנאָמיע... אַזאַ נאַכט ווי היינטיגע אַליין איז ווערטה הונדערט טויזענד רובעל... דו מיינסט אין דער אמת'ן, אַז איך הוסט, ווייל איך געה אין צוריסענע שיך? עס איז גאָרנישט! איך האָב זיך נור צוגעקיהלט, און אַגב הוסט איך שוין פון לאַנג... איין זאַך, זעהסטו, איז פּאַסקודנע, וואָס עס סווישטשעט...

ל. ק.

מיין ווייב׳ס גליקען

1.

זכות אבות פון צווילינג.

פון גראָסערי איז מיין ווייב אריינגעקומען מיט אַ פולען פאַרטוך און דער פּנים איהרער האָט געלויכטען פון גרויס גליק. וואָס איז? אַן עקספּרעס איז ארויפגעפאָהרען אויף אַ פושקארט, די עפּעל, מיט די פּיטשעס, מיט די באַנאַנעס האָבען זיך צוקייקעלט איבער׳ן סטריט, אין רינשטאָק אריין; לויפּערס האָבען זיי צוטרעטען מיט די פיס — און דערווייל איז געוועזען אַ גליק פאַר מיין ווייב. דער פּעדלער האָט צוזאַמענגעקליבען וואָס ער האָט געקענט און פערקויפט די צו־הרג׳עטע, פערבלאָטיגטע סחורה בחצי חנם. פאַר פּיער פּענעס האָט מיין ווייב איינגעהאַנדעלט אַ פולען פאַרטוך מיט גוטע זאַכען. זי האָט עס אויסגעשאָטען אויפ׳ן טיש און געזאָגט: עסט, קינדערלעך, וויפיעל איהר ווילט.

די קינדערלעך זיינען בעפאַלען דעם טיש ווי די היישעריקען און געשלונגען וויפיעל עס איז אין זיי אריין.

— אזוי פיהרט זיך שוין די וועלט — זאָגט מיין ווייב פילאָזאָפיש, — איינעמ׳ס אונגליק איז דעם צווייטענ׳ס גליק. ווער זאָל זיך דאָס ריכטען, אז מיר וועט היינט בעשערט זיין אזא גליק? און חברה האָט געשלונגען.

* * *

פאַרנאַכט אז איך בין געקומען פון דער ארבייט, איז מיר מיין ווייב געלאָפען אנטקעגען מיט נאָך אַ גליק:

— אַ גוטער גליק האָט אונז היינט געטראָפען! זעה ווי די קינדער זעהען אויס! ביי טאָג האָבען אַלע אין איין קול גענומען שרייען: די בייכער! וואָס זאָל איך טהאָן, דאָ בין איך איינע אַליין

אין הויז, און איך זעה, אז די קינדער געהען מיר אויס. אז עס איז אָבער בעשערט אַ גליק, דאַרף גראָד זיין דער דאָקטאָר נעקסט דאָר ביי דעם ווייבעל וואָס האָט געהאַט דעם צווילינג, רוף איך איהם אריין. ער האָט זיי ארומגעקוקט און מיר באַלד געהייסען לויפען נאָך קאַסטאָר־אויל. און פון וואָס מיינסטו איז דאָס געווען? פון די טהייערע פרוכט היינט! גאָט צו דאַנקען, אַבי ס'איז אויסגעגאַנגען צו אַ טאָלער מיט אַ קוואָדער. וואָס טהו איך, אז דער דאָקטאָר איז גראָד ניטאָ נעקסט דאָר ביי דעם ווייבעל מיט'ן צווילינג? אַ גליק, זאָג איך דיר, אַן אמת'ער גליק האָט מיך געטראָפּען!

2.

ארויסגעקומען און ארויסגענומען.

אַ זייגער פינף פאַרטאָג איז מיין ווייב צוגעלאָפען צום פייער־עסקייפּ און מיך גענומען וועקען:

— זעה נאָר, בענע, זעה נאָר, טאַפּ אָן!

איך האָב געעפענט די אויגען — זי שטעהט נעבען מיר מיט דער בייבי אויפ'ן האַנד.

— אַ צייהנדעלע, געלויבט דער אויבערשטער, דער ערשטער צייהנדעלע, — זאָגט מיין ווייב מיט גרויס שמחה. איך זויג אַזוי ס'קינד, מיט אַמאָל איך דערפיהל אַזוי ווי אַ שטאָך מיט אַ נאָדעל, כ'טהו אַ טאַפּ מיט'ן פינגער אין מיילעכעל, כ'זעה אַ צייהנדעלע איז ארויסגעקומען. נאַ, זעה אַליין, טאַפּ אָן.

כ'האָב איהר צוליעב געטהאָן אַ טאַפּ געטהאָן.

— טאַקע, אַ געזונד אין איהם, — זאָג איך גלאַט אַזוי. צו וואָס איהר פערשטערען איהר גליק?

— אז איך וואָלט ניט געווען אַזאַ בעל־חוב, — זאָגט זי, — וואָלט איך געמאַכט אַ „פּאַרע".

— ס'וואָלט אויף נאַמנות געווען אַ יושר, — זאָג איך, און פערמאַך די אויגען.

זי איז אַוועק אין בעד־רום, טאַנצענדיג פון גרויס גליק.

* * *

פאַרנאַכט, אַז איך בין געקומען פון דער אַרבייט, איז מיין ווייב מיר געקומען אַנטקעגען מיט אַ פערבונדענע באַק און מיר דערצעהלט פון אַ נייעם גליק:

— גאָט צו דאַנקען, געלויבט דער אויבערשטער, אַרויסגענומען! פּטור געוואָרען!

— וואָס איז?

— ווייסט דאָך וואָס כ'האָב זיך אָנגעליטען פון מיין צרה'דיגען באַקצאָהן און אַלץ מורא געהאַט אַרויסצונעהמען. היינט נאָך דינער האָט מיר דער צאָהן גענומען דרעהען די אויגען פון קאָפּ, אַז כ'האָב געמיינט כ'געה אויס. דאָס האָב איך זיך צוגעקיהלט היינט בעגינען אַרויסקריכענדיג פון בעט אַ באָרוועסע, ווען איך האָב דיר צוגעטראָגען די בייבי. היינט, האָב איך זיך געקלעהרט, מוז שוין דאָס נעהמען אַ סוף. איך זאָג דיר אַ גליק האָט מיך געטראָפען; אַ יאָך איז מיר אַראָפּ פון קאָפּ! אַ גליק! אַ גליק!

3.

די קינדער וועלען זיין גאַנץ.

— בענע — זאָגט מיין ווייב צו מיר, אַרויפקומענדיג פון סטריט, — טאַקע אַ גליק וואָס איך בין ערשט גראָד אַראָבגעגאַנגען אין סטריט. גראָד דאַרף איך דערזעהן ווי מען מופט. וואָס איז דאָס פאַר רומס? ערשט איך נעהם נאָכפרעגען: ווער מופט, פון וואַנען מופט מען, וואָס איז דאָס פאַר רומס? ערשט איך געפין אויס, אַז מען מופט דאָס פון די פיער רומס פון די בעק, פון טאָפּ פלאָר. מיט דער הויזקיפּערקע בין איך גוט אויפגעטראָגען, רוימט זי מיר איין איך זאָל נעהמען די רומס. און דער חשבון איז טאַקע ריכטיג: דאָ צאָהלען מיר פאַר דריי רומס דרייצעהן טאָלער, דאָרטען קאָסטען די פיער רומס זעכצעהן טאָלער, וועלען מיר פערדינגען אַ רום פאַר זעקס טאָלער, וועט אונז קאָסטען די דריי רומס אַזוי גרויס ווי וויפיעל?

— יע, צעהן טאָלער. אַ גליק וואָס איך האָב גראָד דערזעהן, די הויזקיפּערקע זאָגט, עס זיינען דאָ בעלנים ווי הינד. איין טאָלער וועל

איך לייהען אין גראָסערי, גיב מיר נאָך אַ טאָלער, וועל איך געבען צוויי טאָלער דעפּאָזיט.

איך האָב אויסגעזוכט אַ פּענסעל און אויסגערעכענט, אַז דער חשבון איז ריכטיג, מיר וועלען האָבען דריי רומס פאַר צעהן דאָלאַר. איך האָב אויסגעקראַצט די לעצטע עטליכע סענט, אויף סיגאַרעטס זיך ניט געלאָזען, און איהר אַוועקגעגעבען.

זי איז אַראָבגעלאָפען און באַלד אַרויפגעקומען אַ גליקליכע.

— וואָס האָב איך דיר געזאָגט! צוכאַפּען האָט מען געוואָלט די רומס! די הויזקיפּערקע איז אָבער געשטאַנען און געוואַרט אויף מיר. נאָך אַ גליק, וואָס איך בין גראָד גוט אויפגעטראָגען מיט דער הויזקיפּערקע.

* * *

אַ זייגער זיעבען, אַז איך בין געקומען פון דער אַרבייט, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מיין ווייב האָט היינט געטראָפען נאָך אַ גרויס גליק.

— אַ גליק כאַטש, וואָס ס׳איז אויסגעגאַנגען צו די צוויי טאָלער — דערצעהלט מיר מיין ווייב מיט גרויס בעגייסטערונג. — אפשר איז, די שעה זאָל ניט זיין, מיין הויז בעשערט געווען אַן אונגליק, איז אויסגעגאַנגען צו דעם, און צו דער הויזקיפּערקע׳ס קאָפּ מעג עס אויסגעהן! איך געה אַרויף אַ קוק טהאָן אין די רומס, דערצעהלט מיר די מיסים פון נעקסט דאָר, אַז די רומס זיינען אַ פּענע ניט ווערטה. אין קיטשען איז פינסטער, חשך, טאָג און נאַכט מוז מען פלאַקערען די געז. די מיסעס וואָס האָט אַרויסגעמופט האָט צוויי קינדער — ניט דאָ געדאַכט — אָבגעבריהט איבער די חשך־נעש. אין בעד־רום וואָס איז צו פּערדינגען, וויל אַ הונד ניט אַריינשמעקען, וואָרים וואָסער משוגע׳נער וועט דאָס אַריינמופען אין אַ לעבעל גרויס ווי אַ פייג אָהן אַ ברעקעל ווינדע? קומט עס אויס ליגען אין זעכצעהן טאָלערדיגע רומס און נאָך דערצו פינסטער, חשך און אָבבריהען די קינדער. אַ גליק וואָס עס איז אויסגעגאַנגען צו די צוויי טאָלער דעפּאָזיט, דאָס ווייס איך כאָטש, אַז די קינדער מיינע וועלען מיר גאַנץ זיין.

זי האָט זיך פון גרויס שמחה צעוויינט און געכאַפּט קושען די קינדערלעך.

4.

„שולמית" קומט מיר צו הילף.

קומענדיג אַהיים פון דער אַרבייט, האָב איך באַלד דערקענט אָן מיין אידענע, אַז עפּעס וויכטיגעס, גרויסעס, קאָלאָסאַלעס האָט היינט פּאַסירט. און איך האָב געטראָפען. וואָס איז? די מיסעס פון נעקסט דאָר האָט צוויי טיקעטס אויף היינט ביי־נאַכט, און שפּיעלען שפּיעלט מען „שולמית", און פאַר „שולמית" געהט מיין ווייב פראַסט אויס, דאָס לעצטע העמד וואָלט זי אוועקגעגעבען פאַר „שולמית". מיידעלווייז האָט זי געזעהן „שולמית" אפשר הונדערט מאָל. איז אָבער דאָ אַ גוטער גאָט, און ביי דער מיסעס פון נעקסט דאָר האָט זיך היינט צושפּיעלט די „ראָמאַטעס" און זי קען פון בעט ניט אַראָב, וועט זי שוין היינט אין טהעאַטער ניט געהן, און דער מאַן איהרער וועט די גאַנצע נאַכט מוזען קאָכען הייסע טיכער פאַר איהר — בלייבען ליגען די צוויי טיקעטס פאַר „שולמית", און זי בעט זיך מען זאָל זיי ביי איהר צונעהמען כאָטש אומזיסט. זי וועט נאָך צוצאָהלען, — ערקלעהרט מיר מיין ווייב, — מיר וועלען עס האָבען פאַר אַ ליטעל נאַטינג, ווייס איך דאָרטען, פאַר אַ קליינינג־קייט, פאַר אַ גאָרנישט.

אויף גיך איינגעשלונגען דעם סאַפּער, פערשלעפּערט די קינדער, וועמען מיט גוטען, וועמען מיט בייזען, איינע האָבען מיר געלאָזט וויינענדיג, און אַנטלאָפען צו „שולמית".

מיר האָבען נאָך געפונען דעם טהעאַטער פערשלאָסען און מיר האָבען זיך אַרומגעדרעהט אויף דער בויערי. און, איך שווער אייך, קיין גליקליכערער מענש פון מיין ווייב דיעזען אָבענד האָט קיינמאָל ניט בעטרעטען דעם שוועל פון דיעזען טעמפּעל פון קונסט.

* * *

גאַנץ שפּעט, אַז מיר זיינען געקומען פון טהעאַטער און איך האָב גענומען מיט'ן פּעטענט־שליסעל טאַפּען די טהיר — ס'איז

עפּעס מאָדנע ווייך, כ'טרעף ניט דאָס לעבעל, ניטאָ קיין טהיר. אָנגע־ריבען אַ מעטש — די טהיר איז אָפען. כ'צינד אויף גיך אָן די גאַז — די שופלאָדען פון ביוראָ שטעהען אויף דר'ערד און די חפצים פון אינווייניג צודרעהט אין אַ קאַשע און צושפּרייט איבער'ן פלאָר. הכלל — גנבים. ווי עס האָט אויסגעוויזען זיינען די גנבים געווען מלא רציחה, און זיי האָבען אויסגעלאָזען זייער כעס צו אַ פּאָר אונטערהויזען, מיט רעספּעקט צו זאָגען — דיעזער בגד איז געווען צופאַלמעסט אויף עטליכע טהייל און צוטראָטען מיט די פיס און צוביסען מיט די צייהן.

— ניט מעהר זאָלען זיי לעבען, וואָס זיי האָבען דאָ געפונען צו גנב'ענען — זאָגט מיין ווייב — און דער גליק איז, זאָג איך דיר, וואָס מיין וואַטשקע און דער אַלבום זיינען אין פּאָן שאָפּ; איך וויים גאָר ניט ווי גאָט צו דאַנקען, נאָך שולדיג דעם פּעדלער אויף דעם מעהר ווי העלפט. וואָס וואָלט איך פּאָרט אָנגעהויבען צו טהאָן? אַ גליק, זאָג איך דיר, אַ גליק!

מ. קאַפּלאַן

א צעטעל

(אַ מאָנאָלאָג געהאַלטען אין קאַנצעלאַריע פון וולעדניקער ראַבינער)

וואָהנט דאָ אַ שטייגער דער הערר ראַבינער? דאָ? זיינט איהר דער הערר ראַבינער? ניין? דער שרייבער הייסט דאָס? ניטאָ דער הערר ראַבינער אַליין? ניטאָ איהם? אוועקגעגאַנגען מסתמא בעשווערען סאָלדאַטען, אידישע סאָלדאַטען... גיט־זשע מיר, זייט מוחל אַ צעטעל, מחמת מיין טאָכטער איז געלעגען געוואָרען, געהאַט אַ אינגעל מיט אַ מיידעל, צוויי צעטלעך, הייסט דאָס, גיט מיר. ווילט איהר מסתם וויסען די נעמען, ווארט־זשע אוים אַ ווייליגקע, מיר וועלען זיך באַלד דערמאָנען. מכח דעם דאָזיגען ענין האָמפּערען מיר זיך שוין פון אַ פּאָר טעג. זאָל שוין זיין ווי זי וויל: דעם אינגעל פערשרייבט משה־לעמך און דאָס מיידעל — טעמע־גיטעל. מאַכט נאָר ניט, איך בעט אייך, קיין טעות און פערצייכענט ניט דאָס מיידעל משה־לעמך מחמת מען קען זי נאָך אָבגעבען אין סאָלדאַטען אויך...

אי איז דאָ ביי אייך ווארים! גוט ווי אין גן־עדן. הפּנים מען הייצט ביי אייך, און אַז מען הייצט איז ווארים, און אַז ס'איז ווארים איז מחיה נפשות. איך האַלט דוקא ניט זעהר שטאַרק דערפון. ביי מיר אין שטוב איז אַזוי: אַמאָל הייצט מען און אַמאָל ניט, מעהר ניט איידער יאָ. ווארום ניט? האָב איך אייך שוין געזאָגט, אַז איך האַלט ניט דערפון. און אגב... בתולות גרויסע אין שטוב, דרייצעהן קיין עין הרע, אַלע אין די יאָהרען, אַלע שעהן, מאַסיוו, אויסגעבאַקען, קיין בייז אויג זאָל זיי ניט שאַדען, ווארימען זיי שוין... פערשטעהט איהר מיך.

אר־וואו וויפיעל „קניהעס" זיינען דאָ צושטעלט ביי אייך! אַז איך וואָלט האָבען אַזוי פיעל קערבלעך וואָלט איך שוין חתונה געמאַכט מיין עלטסטע בתולה... אין די דאָזיגע „קניהעס" שטעהט

בעשריבען מסתמא גאַנץ וולעדניק, האַ, ניט אַזוי? כ'וואָלט וועלען זעהן די „קניהע“ וואו איך מיט מיין געזינדעל, קיין עין הרע, שטעהען. זאָגט מיר, איך בעט אייך, איז דאָרט אויסגעמעקט דאָס קליינס, יענער חברה־מאַן וואָס האָט זיך אָבגעטראָגען מיט אַ 12—15 יאהר צוריק פון שקאָרלאַטין? ער שטעהט נאָך מסתמא ביי אייך דאָרט אַ לעבעדיגער, און פּאָניע וועט איהם מאָהנען צום פּריזיוו, און מען וועט מיך פער'משפּט'ן צו 300 קערבלעך שטראָף, וועל איך זיי געבען 300 קדחת און דעם ראַבינער 300 מאָל אין טאַטען אַריין. געהערט אַ רציחה? אויף וואָס דאַרף דיך דאָ וולעדניק גאָר אין גאַנצען? ווערט אימיצער געבוירען — פער־שרייב. שטאַרבט אימיצער — פּערמעק.

און אַז איהר וועט שוין האַלטען ביי יענער „קניהע“ וועט איהר שוין אויף טשיקאַוועס זיך איינקוקען וויפיעל יאָהרען שטעהט זי דאָרטען פערשריבען די עלטערע בתולה מיינע... דער אַלטער ראַבינער, שלוקערצען זאָל זיך איהם דאָרטען אין קבר, האָט ניט געוואוסט פון זיין חיות, און האָט דאָרט מסתם איהר צוגעלעגט עטליכע יאָהר, גאָר ניט געזשאַלעוועט; מאָהלט אייך דאָס איז ניט קיין גרויסע מעלה צו אַ שידוך. קען מען דאָס ניט, איך בעט אייך, מתקן זיין, אַ מעק טהון, אַ שרייב טהון? איך וואָלט אייך בעפריעדיגען דערפאַר.

וואָס איז דאָ ביי אייך פאַר אַ פּאָרטרעטעל אויפ'ן וואַנד? אוי־וואַ, וויפיעל מענשען אויסגעשטעלט! דאָס זיינען די סאָציאַ־ניסטען, מסתמא. איך דערקען שוין די חברה אין זייערע נעזער. זאָגט מיר אקאָרשט, וואָס הערט זיך יעצט ביי זיי, ביי די סאָציאַ־ניסטען? מען הערט שוין פון זיי גאָר ניט! אבי צוגענומען די עטליכע קערבלעך און שאַ, שטיל. איך פלעג אָבער שטענדיג טענה'ן: חמורים, גיט ניט קיין געלד, גיט ניט! האָט מען מיך ניט געפאָלגט און דוקא יא געגעבען. ס'טהוט מיר באַנג וואָס איך האָב זיך אויך ניט צוגעשאַרט צו דער שיסעל. איך וואָלט זיך שוין ניט געלאָזען נאַרען און וואָלט אויך אָבגעלעקט אַביינדעל, בע־בע.

דאָ איז ביי אייך די קאַנצעלאַריע. זאָגט־זשע מיר, וואָס איז דאָרטען? דאָרט וואָהנט דער ראַבינער? אין וויפיעל חדרים

אַ שטייגער וואָהנט דער ראַבינער? די גאַנצע הויז מסתמא בעוואָהנט ער. ווייסט איהר וואָס איך וועל אייך זאָגען: ס'איז גאָר ניט שלעכט צו זיין אַ ראַבינער. אין אַ סך פּרטים איז דאָס נאָך בעסער ווי אַ דאָקטאָר. ווייל אַ דאָקטאָר נעהמט אַ האַלב קערבעל און מוז דערפאַר זעהן דעם צונג, קנעטען דעם בויך און מאוס אַריינקריכען ווייס איך וואו... פּע! אַ ראַבינער אָבער נעהמט זיך אַ קערבעל און פערשרייבט, נאָך אַ קערבעל און פערמעקט...

אַ שטייגער, כדומה למשל, ווען איך וואָלט געענדיגט ראַבינער, בע־כע, ראַבינער, מיינט איהר וואָס וואָלט איך געטהאָן? ראשית חכמה וואָלט איך גאָר קיין געלד ניט נעהמען פאַר די דאָזיגע צעטלעך פון די נולדים. איהר זאָלט נאָר ניט מיינען אַז איך בין דערמיט אויסען מיין צעטעל, חס ושלום! איך וועל סיי ווי ניט בעצאָהלען, ווייל אַז איך זאָל וועלען צאָהלען פאַר אַזוינע שמאָכטעס, וואָלט מיר ניט געסטייעט קורח'ס אוצרות, מחמת מיינע פיער שניר און דריי טעכטער (די אויסגעגעבענע) האָבען צווישען זיך געמאַכט יד אחת אַלע ניין חדשים געלעגען צו ווערען, בע־בע־בע.

והשנית, אַז איך וואָלט געענדיגט ראַבינער, וואָלט איך דאָ אויפ'ן טיש אַוועקגעשטעלט אַ פלעשעלע מיט אַ גלעזעלע, און אָנגעפילט וואָלט איך דאָס מיט שרף טוב, און איטליכער וואָס קומט נעהמען אַ צעטעל פאַר אַ נולד זאָל זיך אָנגיסען פון פלעשעלע אין גלעזעלע און מאַכען אַ ברכה, און דער שרייבער זאָל איהם צו־ווינשעווען לחיים. פערשטעהט זיך, אַז איינער קומט נעהמען צוויי צעטלעך זאָל ער צוויי מאָל טרינקען לחיים...

וואָס נאָך וואָלט איך אויפגעטהאָן, ווען איך וואָלט ענדיגען אויף ראַבינער? איך וואָלט תיכף ומיד חתונה געמאַכט אַלע מיינע דריי טעכטער בתולות אין איין קלאַפּ. ווייסט איהר, ר' קרוב, וואָס בעדייט אַ בתולה חתונה צו מאַכען? נאָר ווי קומט איהר ווייסען וואָס דאָס בעדייט? איהר זיינט דאָך נאָך אַ בחור, מסתמא... דאָס איז, פערשטעהט איהר מיך, אַ געוואַלדיגע און קונציגע שטיק אַרבייט. דאָס קומט אָן בקריעת ים־סוף. ווייסט איהר דעם טייטש דערפון? דאָס הייסט רייסען אַ ים. דאָס האָט געקענט בעווייזען אַ משה רבינו.

אַז איך וואָלט יעצט בעגעגענט אונזער אַלטען משה רבינו, וואָלט איך צו איהם אַזוי געזאָגט: ר׳ משה, ר׳ משה! וואָס טויג דיר מאוס מאַכען זיך מיט דם, צפרדע, שפּאַלטען ים׳ען, ציהען שלאַנגען? ווילסטו ציינען אַ נס, אַ גרויסען נס, מאַך מיר חתונה דריי טעכטער בתולות אין איין טאָג, דאַן, ערשט דאַן וועט די גאַנצע וועלט מודה זיין אַז דו ביזט אַ געטליכער מענש.

וואָס קוקט איהר מיך אָן, יונגער מאַן? וואָרום מאַכט איהר מיר ניט צורעכט מיין צעטעל, מיינע צעטלעך, הייסט דאָס? איהר דאַרפט וויסען אַז איך האָב קיין צייט ניט, זעהר קיין צייט ניט. גוט איז אייך, אַז אייער צייט קאָסט ניט קיין געלד, מיין צייט איז אָבער געלד, מזומן געלד. איך בין אַ איד אַ טרוד, פערשטעהט איהר מיך, אמת, קיין גרויסער פערדיענער בין איך ניט, אָבער קיין קליינער אויך ניט. ניט מעהר, אמאָל פערדיענט זיך עפּעס, און אמאָל ניט. יעצט דוקא פערדיענט זיך גאָר ניט, אבער ווייסט איהר ווי אַזוי גאָר ניט? לחלוטין גאָר ניט! נאָר גאָט איז אַ פאָטער: פון הונגער שטאַרבט מען ניט. און טאָמער פעהלט מיר יעצט אויס אַ ציגאַר טיטון וועל איך דאָס מקבל זיין פון אייך... איהר רויכערט דאָך מסתמא, ניט אמת, הא?... אַזאַ יונגערמאַן ווי איהר, רויכערט אַ גוטען ציגאַר, ניט אמת, הא? האָט איהר אויך אַ שוועבעלע?..

ס׳איז גאָר ניט קיין שלעכטער פּאַפּיראָס, אבער טאַקע גאָר ניט קיין שלעכטער. ניט מעהר, ס׳איז אַביסעל צו גרינג. איך האָב ליעב „קרעפּקע“, נאָר ס׳איז גוט אמאָל איבערבייטען. איך דערקען אָן דעם פּאַפּיראָס אַז דאָס איז אייגענע געמאַכטע... איהר קויפט אַליין מסתמא די גילזען און איהר שטאָפּט זיי אָן מיט טאַבאַק. דאָס איז דוקא אַ שכל. איך האָב ניט לאַנג געזעהן די מאַשינע אויף וועלכע מען מאַכט די גילזען. אר־וואַ, איהר זאָלט אָנקוקען אַ גרוים פון אַ מאַשינע! ס׳איז ביי מיר אַ גרויסער ספק צי זי וואָלט זיך אַריינגעשטעלט אין דעם ווייבערשען שיהלכען. עס האָט אפשר תרי״ג רעדלעך, מיט שרייפלעך, מיט ספּרוזשינקעלעך, מיט פּאַסיקלעך... אַ מאָדנע וועלט געוואָרען, אויף אַלעם דערקלערט מען דיר אַ מאַשינע! כ׳האָב ניט לאַנג געהערט אַז מען האָט שוין אויסגעקלערט אַזאַ דרייעלקע, אַז פון איין זייט וואַרפט מען אַריין

אַ לעבעדיגען אָקס און אין איין רגע קומט אַרויס פון דער צווייטער זייט אַ געבראָטענס שוין פאַרפּראַוועט מיט ציבעלקעס, מיט שמאַלץ, מיט אַלע גוטע זאַכען. רוף איך זיך אָב: פּש! ! ס'אַ וואַזשנע חכמה דאָס איז! אָט זאָל מען מיר אויסקלערען אַ מאַשינע, אַז פון איין זייט זאָל אַריינגעוואָרפען ווערען אַ געבראָטע־נער שטיקעל פלייש, און פון דער אַנדערער זייט זאָל אַרויס אַ לעבעדיגער אָקס! דאָס וואָלט זיין אַ קונץ! אָדער זאָל מען דער־קלערען אַזאַ מאַשין וואָס זאָל אַליין חתונה מאַכען אַ טאָכטער, אַ בתולה, דאָס וואָלט זיין אַן אויפטהו! אַ דרעה דעם ראָד: זש־זש־זש! — און שוין חתונה געהאַט. אָבער אַזאַ ניצליכע זאַך, אַ תוך־זאַך וועט מען קיין מאָל ניט בעקלערען. הײַנט צו וואָס טויגען די אַלע שמאָכטעס, מיט די קונצען, מיט די ספּרוזשינקעס?

איהר שמייכעלט, יונגערמאַן; איהר בעטראַכט מיך און איהר לאַכט מיך אויס מסתמא שטילערהייט; אַרט דאָס מיך אויך ניט. נאָר דוכטען דוכט זיך מיר אַז איהר זיינט ניט קיין היגער, אַ ליטוואַק זיינט איהר, מחמת אַ ליטוואַק האָט אַ טבע איינהערען זיך, גוט איינהערען זיך און שטיל שווייגען... איך מיין ניט צו זאָגען שלעכטס אויף אייך. חס ושלום! פּערקעהרט, איך קען שווערען אַז איהר טהוט קיין מאָל ניט אויס דעם טלית קטן. ווארום? ווייל איהר טהוט איהם קיין מאָל ניט אָן, בע־בע־בע! אָבער איאָ כ'האָב געטראָפען? ווי איהר קוקט מיך אָן בין איך גאָר אַ גוטער טרעפער. בלויז צוויי זאַכען איז מיר שווער צו טרעפען: ווי מען פיהרט אַריין דעם שבת אין שטוב אריין, און ווי מען מאַכט חתונה אַ טאָכטער אַ בתולה...

פון דעסטוועגען האָב איך דוקא האָלד אַ ליטוואַק, און טאַקע מחמת ער הערט זיך צו וואָס מען רעדט. איהר מעגט וויסען אַז איהר האָט ביי מיר זעהר אויסגענומען. אָבער זעהר און זעהר אויסגענומען. טשיקאַווע בין איך נאָר צו וויסען, וויפיעל אַ שטיי־גער פערדיענט איהר דאָ אַ חודש? אודאי אַ פופציגער, און אפשר אַלע זעכציג; הײַנט וויפיעל פעלט אייך שוין אַריין פון דער זייט?... איהר האָט אַ וואוילע פּרנסה. איהר קענט זיך אַזוי ענדיגען אויך — אויף ראַבינער מיין איך, און דאַן איז דאָך אייך

נאָך בעסער פון אַ דאָקטאָר. איך האַלט פון אייך, יונגערמאַן, זעהר שטאַרק, אָבער גאָר שטאַרק. ביטע, קאָמען זי אַריין צו מיר אַמאָל... איך וועל שטעלען דעם סאַמאָוואַר און מיר וועלען זיך דורכשמועסען ווי אייגענע מענשען. גראַדע יעצט האָב איך קיין צייט ניט פיעל צו פערברענגען מיט אייך. געשעפט, פערשטעהט איהר מיך... זעהט־זשע קומט צו געהן צו מיר. איהר וועט זיך ביי מיר אין שטוב פיהלען ווי אין דער היים. אַ וואַרימע שטוב, אַ בעל־הבתישע שטוב. און קינדער שעהנע, לייטישע קינדער... קומט צוגעהן, למען השם!

אצינד גיט מיר, זייט מוחל, מיינע צעטלעך, און זאָל דער אויבערשטער העלפען איך זאָל שוין זוכה זיין קומען אַהער נאָך אַנדערע סאָרטען צעטלעך... חתונה צעטלעך... ביי מיינע טעכטער, הייסט דאָס... און טאַקע ביי אייך אויך... און זייט מיר געזונד, און האָט אייך אַ גוטען תמיד, און אַדיע!...

א. רייזען

דער באַהן־בילעט

(אַ שמועס אין וואַגאָן)

...איהר פאָהרט מיט אַ בילעט? — אַ נאַרישקייט, אַ גרויסע נאַרישקייט: הלמאי זאָל מען פאָניען אָנשטאָפּען מיט געלד? מען זאָגט אפילו, אַז פּאָליאַקאָוו האָט אויך אַ חלק אין באַהן, נאָר וואָס מיינט איהר איז פּאָליאַקאָוו! ער האָט שוין אפילו לאַנג פערגעסען, אַז ער איז אַ איד... נאָר מיר דאַכט, אַז מיט דער ליניע איז ער ניט קיין שותף... און אפשר יא — נאָר אַזוי צי אַזוי, אַ בילעט נעהמען איז אַ נאַרישקייט... ס'איז אַרויסגעוואָרפען געלד! איהר וועט זאָגען יושר! וועל איך אייך פרעגען צוריק, וואו איז ביי זיי יושר? אָט פאָהרען מיר שוין די דריטע סטאַנציע און מיר האָבען נאָך אַלץ ניט וואו צו זיצען! צונויפגעשטיקט ווי גענז... קראַנק זיינען זיי געוועזן צוטשעפּען נאָך אַ וואַגאָן, צי טאָקע נאָך צוויי... און גלאַט ווערעמס כחות איז צו בעצאָהלען פאַר אַ גאַנצען בילעט? מילא איהר פאָהרט איין מאָל אין אַ שמיטה, קענט איהר זיך פערגינען צו קויפען אַ בילעט, אבער איך, פערשטעהט איהר מיך, בין אַ איד אַ קרעמער, פאָהר אַבט מאָל אַ יאָהר נאָך סחורה, און מיר וואָלט מיין גאַנצע קראָם ניט אויסגעטראָגען, איך זאָל קויפען יעדעס מאָל אַ בילעט. אַז איך פאָהר מיט'ן „קאָנדוקטאָר“, מאַך איך אויך ניט קיין גרויסע גליקען. אַמאָל טרעפט זיך, פאָהר איך נאָך אַ פעסעל הערינג, למשל, און איך זאָל נעהמען אַ בילעט, וועל איך שוין מוזען אַרויפציהען אויף יעדען הערינג אַ גראָשען און אַז איהר וואָלט געקענט אונזערע קונדען, וואָלט איהר פערשטאַנען, ווי אַזוי דאָס איז גוט: אונזערע קונדען וועלען אייך אַ יאהר ניט פערזוכען קיין שטיקעל הערינג און וועלען אָבקומען מיט אַ ציבעלע, אַבי דער קרעמער זאָל ניט אויספיהרען. אַזוינע מינים קונדען זיינען דאָ אין שטעדטעל!

פאָהר איך מיר שטענדיג אָהן א בילעט. און הלואי ווייטער! אמת, די ערשטע צייט פלעגט מיר דאָס הארץ קלאַפּען ווי ביי א גזלן, ווען איך פלעג אריינגעהן אין וואַגאָן אָהן א בילעט. א קליינינקייט, מען שפּיעלט זיך דאָ מיט פאַניע'ן! צוריק גערעדט קומט על פּי זאַקאָן דערפאר ניט קיין גרויסער פּסק. על פּי זאַקאָן דאַרפען „זיי" נאָר אראָבוואַרפען ביי א סטאַנציע, און דאָרטען פרעגט דער נאַטשאַלניק-סטאַנציע א פּאַס, דעם נאָמען און מאַכט א פּראָטאָקאָל, אמאָל אז דו פערגעסט דעם פּאַס אין דער היים, צי די האָסט גאָר קיין פּאַס ניט, שיקט מען דיך אָב מיט'ן עטאַפּ, ס'איז אויך ניט קיין גרויס אונגליק... כאָטש ס'ווענדט זיך פאר וועמען... פאר מיר, למשל, וואָלט דאָס געווען א הריגה — מיין קראָם וואָלט אין גאַנצען חרוב געוואָרען. נאָר הלואי ווייטער. מיך האָט מען נאָך קיינמאָל ניט אראָבגעפיהרט, ווייל נאָך אלע זאַכען בין איך פאַרזיכטיג. אמאָל, למשל, האָט זיך געטראָפען אז איך האָב ניט געהאַט קיין בילעט און ס'איז גראָד געגאַנגען א „קאָנטראָליאָר", בין איך געפאַלען אויף א שכל און בין אַרונטערגעקראָכען אונטער א באַנק און גלויבט מיר, אז דאָרטען איז גאָר ניט אַזוי שלעכט — געררוימער ווי אין וואַגאָן. די גאַנצע זאַך איז, וואָס אויך אונטער'ן באַנק ביזטו ניט זיכער. וואָרום אַנאַנדער קאָנטראָליאָר, א שונא ישראל, למשל, הייסט זוכען אונטער'ן באַנק. דעמאָלט האָט מען גראָד ניט געזוכט, איך האָב געהאַט מזל. מען דאַרף צו אלץ האָבען מזל... נאָר דאָס האָט מיר נאָר איינמאָל געטראָפען און יענע נסיעה האָלט איך פאר דער בעסטער: עס האָט טאַקע ניט געקאָסט קיין גראָשען. דעם קאָנדוקטאָר גאָרנישט געגעבען... אַזוי אָבער קאָסט דער קאָנדוקטאָר, קיין סך גיב איך איהם ניט — א צוויי גילדען! ס'איז גענוג פאַר איהם, מאָלט אייך, אז ער האָט אַזוינע ווי איך אין די צעהנדליגער... דאָס רוב זיינען די קאָנדוקטאָרען ניט קיין שלעכטע: גיסט אוועק איהם די צוויי גילדען — זעהסטו, אז ער איז דיינער א פריינד, כאָטש א איד — זיי האָבען יושר... מיינע קאָנדוקטאָרען — אלץ בעקאַנטע — זיינען שוין גאָר פיינע גוים! אין גרונד גענומען, קומט דאָך דעם קאָנדוקטאָר די צוויי גילדען! פונדעסטוועגען בעדאַנקט ער. זאָגט אייך, וואָס איהר ווילט, דאָס

איז אַן איידעלקייט פון אַ גוי... מיט מיר איז איינער פון זיי אַ גוטער ברודער און גראָד קומט מיר דאָס רוב אויס מיט איהם צו פאָהרען — ער ווייסט, ווי מען רופט מיך, קלאַפּט מיר שטענדיג איבער'ן פּלייצע און רופט מיך: מאַלאָדיעץ לייבעל! ער האָט טאַקע פון מיר איבערגענומען אַ היבשע מטבע — שוין פופצעהן יאהר אַז מען פאָהרט אין שטאָדט אריין נאָך סחורה אַכט מאָל אַ יאהר! אַמאָל גיב איך איהם אויסער די צוויי גילדען אַ מתנה: אַ הערינגעל, אַ פּאָר זויערע אוגערקעס — מען קען ניט זיין קיין חזיר... און ער איז טאַקע ווערטה... נאָך אַלע זאַכען טהוט ער אידען טובות, עס קאָסט פּאָרט ביליגער, ס'איז דאָך נאַריש!... איין מאָל נאָר איז ער אויף מיר שיער ניט אין כעס געוואָרען... און ער איז געווען גערעכט. איך האָב מיך אָבער פערכאַפּט: ס'האָט מיך אפילו געקאָסט יענע נסיעה אַ שעהנע פּאָר גראָשען און ווער איז אַלץ שולדיג — עפּעס אַ נארישער איד איינער! אויפ'ן וואקזאַל האָט ער צווישען אונז געמאַכט אַ מהומה: באשר עס פאָהרט זעהר אַ בייזער „קאָנטראָליאָר" און מען מוז נעהמען בילעטען! איך האָב אפילו לכתחלה געלאַכט: וואָס הייסט אַ קאָנטראָליאָר? דער קאָנדוקטאָר וואָלט אודאי גלייך צו וויסען געגעבען, האָב איך איהם אָבער בשום אופן ניט געפונען... מילא פערפאַלען — מען מוז נעהמען אַ בילעט — אַכט בלוטיגע גילדען! הייניטיגע פרנסות! פערפאַלען! גענומען אַ בילעט! איך געה אריין אין וואַגאָן — ס'איז אַ מהומה. עס פאָהרט, זאָגט מען, זיכער אַ קאָנטראָליאָר און יעדער וואָרענט דעם אַנדערען: אַ בילעט, למען השם, אידען, האָט בילעטען! נו, טראַכט איך מיר, אַבי איך האָב! און מיין קאָנדוקטאָר זעה איך ניט! דער צוג נעהמט זיך ריהרען, איך שטעה מיר אָנגעשפּאַרט אַן פענסטער און טראַכט פון די איבריגע עטליכע גילדען און עס רייסט מיר אויס אַ שטיק הארץ; הייניטיגע פרנסות! און גלאַט מוז איך אייך זאָגען, בין איך ניט געוועהנט געווען צו פאָהרען מיט אַ בילעט — געה היט זיך מיט איהם! אַלע ווייל טאַפּ איך איהם אין קעשענע צי ליעגט ער, דער קאָפּ איז פערדרעהט, און צו אַ בילעט בין איך ניט געוועהנט — איך קען איהם נאָך פערליערען

אין אַ פערטעל שעה אַרום, מיר זיינען שוין אָבגעפאָהרען אַ האַלבע סטאַנציע, קומט צו דער קאָנדוקטאָר מיינער! וואו קאָנטראָליאָר, ווער קאָנטראָליאָר — אַן אויסגעטראַכטע מעשה! איך בין אַזוי צוטומעלט געוואָרען, אַז איך האָב ניט געוואוסט, וואָס צו טהון. דאָ הער איך, ווי דער קאָנדוקטאָר רופט זיך אָן: נו, לייבעל, וואָס שווייגסטו? היינט וואָס טהוט מען דאָ? — זאָל איך איהם געבען דעם בילעט, היינט וואָס וועט ער האָבען? ער קען נאָך פאַראיבעל האָבען... מילא, איהר וועט פון מיר לאַכען — איך האָב אַרויסגענומען צוויי גילדען און האָב איהם געגעבען. איך האָב מיך, גלויבט מיר, געשעמט צו געבען איהם דעם בילעט... עס האָט פשוט ניט געפּאַסט!... שטענדיג פאָהרסטו אָהן אַ בילעט, מיט אַ מאָל וועטסטו פריש און געזונד און משוגע און גיסט איהם אַ בילעט... עס פערשטעהט זיך, עס האָט מיך געקאָסט די מעשה געגוג געזונד. איך בין פון דער דאָזיגער נסיעה בדלות געוואָרען. אַרום און אַרום האָט זי מיך געקאָסט 12 גילדען, נאָר טהו, מאַך, איך האָב ניט געקענט מיט'ן קאָנדוקטאָר איינרייסען... עס האָט ניט געפּאַסט... און דער עיקר — איהר וועט מיר גלויבען — איך האָב מיך פשוט געשעמט צו געבען איהם דעם בילעט...

דער הייליגער

אַ שווערע צייט איז דעמאָלט אין דער אָרגאַניזאַציע געווען. מען האָט גערדאַפּט איבערפיהרען „ליטעראַטור" אין די אַרומיגע שטעדטלעך און מען האָט איינעם נאָכ'ן אַנדערען אַרעסטירט אויף די וואקזאַלען. עס האָט ניט געהאָלפען קיין שום קאָנספּיראַציע, פּונקט ווי די מאוס'ע זשאַנדאַרען וואָלטען אין הימעל אַ שר געהאַט און יענער וואָלט אַלץ אויסגעזאָגט.

נאָכדעם ווי מען האָט פינף חברים אַרעסטירט האָט די אָרטיגע אָרגאַניזאַציע געמאַכט אַ פערזאַמלונג צו בעטראַכטען אַן עצה.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס גאַנצע אומגליק בעשטעהט אין דעם, וואָס יעדער חבר גיט זיך אַליין אַרויס מיט זיין אויסזעהען און מיט זיין הילוך און מען האָט אַריינגעטראָגען אַ פאָרשלאַג, אַז בשעת מען פיהרט „ליטעראַטור" מוז מען מתיר מאַכען אנשטאָט אַ בלוזקע טראָגען אַ ווייסע מאַנישקע, מיט אַ קראַגען.

מען האָט גלייך איינעם פון די גענאָסען געשיקט אין אַ גאַלאַנטעריע-געשעפט צו קויפען אַ פּאַפּיערענע מאַנישקע מיט אַ פּאַפּיערענעם קראַגען און מען האָט געוואָרפען גורל ווער עס זאָל עס אָנטהון לשם קאָנספּיראַציע.

דער גורל איז אויסגעפאַלען אויף חיים „דעם אינטעליגענט".

— אוי וועה! — האָט ער אויסגעשריען, דערהערענדיג דעם פינסטערן גורל, און מיט אַ מינע פון אַ פער'משפט'ן האָט ער זיך גענומען אָנטהון די מאַנישקע מיט'ן קראַגען.

נאַטירליך איז עס ביי איהם ניט אַזוי גוט געגאַנגען, און דריי חברים זיינען איהם געקומען צו הילף.

נאָכדעם, ווי ער איז שוין געשטאַנען אָנגעטהאָן און האָט אויסגעזעהען ווי אַ חתן, האָט דער עולם איהם בעטראַכט.

— אַצינד וועט מען איהם ניט אַרעסטירען! — האָט איינער געזאָגט — ער זעהט אויס ווי אַ בעל-הבתיש בחור'ל.

— צו מאָגער זעהט ער אויס. —האָט אַ צווייטער בעמערקט—
דאָס איז זעהר פערדעכטיג.

— נו, דערצו איז שוין קיין מיטעל ניטאָ! — האָט אַ צווייטער
געענטפערט.

דער פאָרזיצענדער האָט אָבער דערויף זיך אָבגערופען:

— מיר דאַכט, אַז עס וואָלט געווען צוועקמעסיג צו האָבען אין
דער אָרגאַניזאַציע אַ מיטגליעד, וואָס זאָל אין גאַנצען אויסזעהען
ווי אַ בורזשוי. מיט אַזאַ וואָלט שוין קיין דורכפאַל ביים איבער־
פיהרען ליטעראַטור ניט געשעהען.

— וואָר־זשע נעהמט מען אַ בורזשוי צווישען אונז? — האָט
איינער טיעפזיניג געפרעגט.

און אַ צווייטער האָט איבערגעשלאָגען:

— וואָס הייסט, וואו נעהמט מען? און אַז דו וועסט יאָ
נעהמען, וואָס טויג אונז אַ בורזשוי? ווי קען מען אַ בורזשוי
אָנטרויען קאָנספיראַציע?

דאַן האָט דער פאָרזיצענדער ערקלערט:

— מען מיינט ניט, נאַטירליך, אַ בורזשוי ממש. מען דאַרף
נור האָבען אַזאַ, וואָס זעהט אויס ווי אַ בורזשוי. אבער, נאַטירליך,
דאַרף ער זיין אונזערער אַ טרייער פאַרטיי־מאַן. אזוי ווי אָבער
ביי אונז זיינען קיין בורזשויען ניטאָ, דאַרף מען אַזאַ מין זעהן אויס־
אַרבייטען, פּראָדוצירען הייסט עס.

די איבריגע מיטגליעדער האָבען דעם פאָרזיצענדען ערשטוינט
אָנגעקוקט.

— וואָס הייסט?

דער פאָרזיצענדער האָט ערקלערט:

— די זאַך איז איינפאַך. מיר מוזען האָבען אַזאַ מיטגליעד
אין אונזער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל קענען פראַנק און פריי ארומ־
פאָהרען איבער די באַהנען, זיך געפינען אין פערשיעדענע וואָקזאַלען
און זאָל האָבען אַ מיאוס אויסזעהן, דאָס הייסט אַן אויסזעהן פון אַ
קאָמי־וואָיאַזשאָר...

— פוי! — האָבען די מיטגליעדער אויסגעשפּיים.

— פוי היינט, פוי מאָרגען! מען מוז! אַנדערש קען מען

ניט טראַנספּאָרטירען קיין ליטעראַטור. די פראַגע איז אָבער, ווי אַזוי ערציהט מען אַזא נפש? אום אויסצוזעהן ווי אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר דאַרף מען האָבען אַן אָנגעגעסענעם פּנים, דערצו פֿאָדערט זיך עסען אַלע טאָג אַ גוטען מיטאָג. היינט פרעגט זיך, צי וועט זיך געפינען צווישען אונז אַזא מיאוסע בריה וואָס וועט זיך ערלויבען, אין דער צייט ווען אַרבייטער הונגערען אָדער לעבען אין דחקות, זיך אָנטהון וואוילטאָג, כדי צו בעקומען אַ פּאָר שעהנע באַקען?

— געוויס ניט!... — האָבען אַלע ווי איינער אויסגעשאָסען.

— און דערצו האָט דער פּאָרזיצענדער פּאָרטגעזעצט — פֿאָדערט זיך צו רויכערען אַ גוטען סיגאַר, שטעהען אין אַ ליכטיגען רייכען צימער אין אַ האָטעל, געפינענדיג זיך אויפ'ן וואקזאל מוז מען שטענדיג זיצען אין ערשטען קלאַס צווישען גראָבע, אָבגעגעסענע בורזשויען...

— אוי, ווי עקעלהאַפט! — האָבען אַלע חברים אויסגעשאָסען.

— אויסער דעם — האָט דער פּאָרזיצענדער ווייטער געדראָהט — מוז מען אויף יעדען אָרים־געקליידעטען, אויף יעדען הונגעריגען קוקען פון אויבען אַראָב, מיט פעראַכטונג.

— ניין, פאַר קיין פאַל ניט! — האָבען אַלע בייז אויסגעשריען.

— אַלזאָ געפינט זיך צווישען אייך קיינער ניט, וואָס וויל זיך אונטערנעהמען שפּיעלען די דאָזיגע ראָלע?

— קיינער ניט! — האָבען אַלע ווי איינער געענטפערט...

נור פּלוצים האָט זיך איינער אָבגערופען, און מיט פרום־פערגלאָצטע אויגען האָט ער געזאָגט:

— איך טהו עס פון דער פּאַרטיי וועגען... איך נעהם אָן דעם פּאָרשלאַג צו לעבען אַ גוטען טאָג...

די מיטגליעדער האָבען זיך איבערגעקוקט און איינער דעם אַנדערן האָט אויסגעדריקט זיינע התפעלות פון אַזא חבר, וואָס וויל זיך אַזוי ווייט אויפאָפּפערן פאַר דער הייליגער אידעע, און ער איז געוואָרען פערערעכענט פאַר אַ הייליגען...

י. רייז

אַן אינטערוויו מיט מײַן ווײַב

א י ך: ביזטו דאָס די געווײסע מיסעס, וואָס האָט חתונה געהאַט פֿאַר אַ פֿענסטער־פוצער מוצאי „לייבאָר־דעי“ אין יאָהר 1903 ?

ז י: ס'טהוט מיר לייד צו זאָגען, אַז יאָ.

א י ך: אויב אַזוי, וויל איך דיך אינטערוויוען.

ז י: אונטער — וואָס ?

א י ך: אינטערוויוען ! אינטערוויוען ! אינטערוויוען !

ז י: זעה נאָר ווי ער האָט זיך דאָס אַביסעל צושריען, דער משוגע'נער קאָפּ ! אונטערוואָיע, אונטערוואָיע, אבי שריי ניט !

א י ך: געהט עס !

ז י: געהט עס !

א י ך: קענסטו מיר ניט ערקלעהרען, מאַדאַם, ווארום ביי דיר איז פֿאַראַן אַזוי פֿיעל פֿליגען און פֿאַר וואָס משעפּען זיי פֿרעמדע מענשען, און פֿאַר וואָס לאָזטו זיי אַרומגעהן הונגעריגע ?

ז י: פֿון דיינע גרויסע פֿערדיענסטען קען מען אפילו א י י ן פֿליג אויך ניט אַנהאַדעווען.

א י ך: קיינע פּערזענליכקייטען, מאַדאַם ! ענטפֿער וואָס מען פֿרעגט דיך.

ז י: משה, וועסט מיר אויפוועקען די קינדער !

א י ך: און ווארום שטעהען ביי דיר די טעפּלעך ניט צוואַוואַשען ? און ווארום ליעגט דאָס בלעטעל לאָקשען אויף אַ קויטיגען האַנדטוך ? און ווארום העגנט ביי דיר דאָס יום טוב'דיגע קליידעל אויף דער קליאַמקע פֿון טהיר ?

ז י: משוגע'נער, מיינע צרות אויף ד י י ן קאָפּ !..

(פּאָוזע.)

איך: האָסטו עפּעס קינדער? אויב יאָ — וויפיל? און אויב ניט — וואָרום ניט?

זי: כ'האָב זעכצעהן קינדער, זאָלען זיי מיר זיין געזונד!

איך: דאָס איז ווירקליך זעהר שעהן פון דיין זייט!

זי: פון אונזער ביידענס זייט, משה!

(פּאַוזע.)

איך: קענסטו מיר פּיליכט זאָגען, אויב דיין מאַן איז צו אירגענד וועלכער צייט, זייט די לעצטע 84 יאָהר, געשטאַנען אין אירגענד וועלכער דירעקטער אָדער אינדירעקטער, אַקטיווער, פּאַסיווער אָדער נייטראַלער פערבינדונג מיט אירגענד וועלכען טראַסט, אינדוסטריעלע קאָמבינאַציע, קאָאָפּעראַציע, אָדער קענדי־סטאָר ביזנעס?

זי: אויף זיכער ווייס איך ניט, אָבער אויף דיר איז אַלעס צו גלויבען.

איך: דו גיסט אַלזאָ צו, אַז דער מאָרד פון דער מיסעס קאַטשקע איז בעגאַנגען געוואָרען אויף דעם דירעקטען בעפעהל פון דיין מאַן?

זי: איך האָב דאָס ניט געזאָגט!

איך: דו האָסט דאָס יאָ געזאָגט.

(פּאַוזע.)

איך: פּרעגעלסטו אמאָל קאַרשען־איינגעמאַכטס?

זי: אמאָל.

איך: אויב אַזוי, קענסטו מיר פּיליכט זאָגען וויפיעל צוקער עס געהט ביי דיר אַוועק צו אַ סאָד מיט ווייסע קאַרשען?

זי: דו ביזט מיר היינט צו קלוג, משה!

איך: כ'זאָל עס דענקען.

זי: אַט האָסטו מיר שוין אויפגעוועקט אייזיק'ען!

איך: נעוועך מיינד אייזיק! האַלט מיך ניט אָב, וואָרום די נעדאַנקען האָבען זיך ביי מיר צוהוליעט. אַלזאָ, צו דער זאַך, וואָס דענקסטו וועגען דער שמיטה־פראַגע אין ארץ־ישראל? דענקסטו אַז

פרץ קען שרייבען אידיש? און ווי אזוי, רעכענסטו, וועלען זיך אויסלאזען די הא־יאהריגע וואהלען? און וואס דענקסטו פון ראש השנה און פון...

זי: כאפ ניט אזוי, משה.

איך: ס'איז אזא לשון ביי מיר... אלזא, וואס דענקסטו וועגען דער כאלעריע, וועגען אונזערע חזנים, וועגען רוזוועלט'ס טור, וועגען אימיגראציע, וועגען קארפוער אתרוגים, וועגען „אחד־העם", וועגען....

זי: כאפ ניט אזוי! אט האסטו מיר שוין אויפגעוועקט פישל'ען אויך.

איך: און וועגען איבסען'ס „בוי־מייסטער" און „העדא גאבלער" און „דאן קיכאט" און קאפיטאן דרייפוס און....

זי: אט ליעגט שוין באשקע אונטער'ן ביינקעל.

איך: נעווער מיינד באשקע! און וואס האלטסטו איבערהויפט פון דיין משה'ן? דענקסטו אז ער איז פעהיג ארויסצוּוואַרפען דורכ'ן פענסטער א מיטארבייטער פון זיין צייטונג?

זי: 'סט סטאפען צי ניין? — געוואלד וועל איך שרייען!

איך: נעווער מיינד סטאפען! און וועגען...

זי: 'סט זיך אבטשעפען אמאל, פרעג איך, צי ניין? אז ניט שיק איך נאך אן אמבולאנס, וועסטו שלעכט פאהרען, משה!

איך: אבער איא איך קען אינטערוויוען? זעהסטו שוין!...

מאַנדלען

(אַ בריעף פון אַ טויטען)

דעם 3טען טאָג פון חודש אב, אין יאָהר תר"ע בין איך קראַנק געוואָרען אויף „מאַנדלען". איך בין אוועק אין שפּיטאָל, וואו מען האָט מיר ערקלעהרט, אז איך מוז האָבען אַן אָפּעראַציע. פאַר דעם בענעפיט פון די, וועלכע רעכענען ווען עס איז צו האָבען צו טהאָן מיט דאָקטוירים, גיב איך דאָ איבער מיינע איינדריקע פון שפּיטאָל.

צוערשט האָט מען מיך אַריינגענומען אין אַ גרויסען זאַאל פול מיט דאָקטוירים אין ווייסע קיטלען. עטליכע פאַר הענד האָבען מיך אַ כאַפּ געטהאָן הינטערוויילעכס און מיך אַרויפגעטאַסקעט אויף אַ גרויסען טיש וואָס איז געשטאַנען אין מיטען צימער. אַ פּראָפעסאָר מיט רויטע באַקען־בערד האָט אַ געשריי געטהאָן: „וואָס שטעהט איהר קאַניבאַלען? פּאָמפּעט!" באַלד זיינען אַרויס־געפלויגען עטליכע יונגען און אין פינף מינוט צייט זיינען זיי צוריק אַריין, זיך אויסגעשטעלט אין אַ שורה מיט אַ גרויסע פּייפּ אויף די אַקסלען.

— אַנו! — האָט זיך ווידער געהערט אַ קאָמאַנדע פון דעם פּראָפעסאָר מיט די רויטע באַקען־בערד.

און גלייך דערויף האָט מען גענומען אין מיר אַריינפּומפּען גאַז.

אביסעל צוליעב עקשנות און אביסעל צוליעב דעם, וואָס איך בין בטבע אַ שטאַרקער מענש, האָט זיך זיי ניט איינגעגעבען מיך אין גאַנצען איינצושלעפערען. אָבוואָהל איך בין זיך מודה, אז איך בין געוועזן אביסעל צוטומעלט; דאָך געדענק איך אַלצדינג, וואָס מיט מיר איז פאָרגעקומען.

דאָס ערשטע האָט מען מיר פונאַנדערגעעפענט דאָס מויל, איןביידע ווינקלען האָבען זיי אַריינגעשטעקט אזעלכע „קלינעס" און

מען האָט גענומען אונטערזוכען מיין האַלז. דערביי האָב איך אונ־טערגעהערט פאָלגענדען שמועס:

דער פּראָפעסאָר: ס'איז שטאַק פינסטער אינווייניג. דער טייוועל זאָל עס נעהמען! די צונג פערשטעלט די ליכט... מען דאַרף זי אַרויסרייסען.

ער האָט א כאַפּ געטהאָן א צוואַנגעל, זיך אָנגעשפּאַרט מיט א קניע אָן מיין בויך, דערלאַנגט א פעסטען שלעפּ — און די צונג איז געוועזן ביי איהם אין די הענד.

— פאַרטיג! — האָט ער געזאָגט, זיך אָבווישענדיג דעם שוויים.

ווידער אַמאָל האָט דער פּראָפעסאָר צוגעשטעלט זיין שפּאַק־טיוו און בעמערקט:

— נאָך אַלץ פינסטער! איך דענק, מען דאַרף מאַכען א לאָך אין דער פאַטילניצע, עס זאָל אריינשיינען די זון!

מיט א גרויסען עגבויער האָט מען מיר באַלד אויסגעדרילעוועט א לאָך אין דער פאַטילניצע.

— אהאַ! איצט האָבען מיר עס! — האָט געזאָגט דער פּראָ־פעסאָר. — איצט ווייסען מיר וואָס דאָס איז — מאַנדלען.

און פון מויל צו מויל איז איבערגעגאַנגען די בשורה: מאַנדלען!

— דער פּאַציענט האָט מאַנדלען — מאַנדלען האָט דער פּאַציענט!

איך בין געלעגען ווי אין א טומאַן.

די ערגעבניש, וואָס די חברה נעהמט די געשיכטע אַזוי ניט ערנסט, די פּאַסקודנע וויצען, מיט וועלכע זיי האָבען זיך דורכגע־וואָרפען, האָבען מיך געמאַכט נערוועז. נור אַזוי ווי ריידען האָב איך ניט געקענט, האָב איך גענומען צאַפּלען מיט א פוס אַלס פּראָטעסט.

— זעהט, זעהט, ער וואָרפט זיך ווי א לעבעדיגס! — האָט זיך געוויצעלט א דאָקטאָר מיט רויטע, גלאַנציגע בעקלעך.

— זעגט איהם דעם פוס אָב. — האָט געזאָגט אַן אַנדערער.

— פּאָמפּעט איהם אריין נאָך גאַז!

— גיט איהם א קנאַק אין קאָפּ!

דאָס לעצטע איז אַלעמען געפעלען געוואָרען צוליעב דער

איינפאַכקייט פון דער זאַך, אַלעמען, חוץ דעם פּראָפעסאָר, וועלכער האָט בעהויפּטעט, אַז דאָס איז געגען די רולס פון האָספּיטאָל. שוין בעסער אָבזעגען דעם פוס.

מען האָט אַריינגעבראַכט אַ גרויסע זעג. צוויי געזונדע חברה האָבען זיך אוועקגעשטעלט איינער אין ד ע ר זייט און דער אַנדערער אין דער צ ו ו י י ט ע ר, זיך פערדרייכערט די ליולקעס, אָנגעשפּיגען אין די הענד און גענומען זעגען.

איך בין געוואָרען נאָך מעהר נערוועז און גענומען צאַפּלען מיט דעם צווייטען פוס.

— זעגט איהם אַרונטער דעם צווייטען פוס אויך! — בעפעהלט דער פּראָפעסאָר.

„עי", טראַכט איך זיך, „אַז סע געהט שוין יאָ אין עקשנות, וועט איהר שוין ביי מיר קייען די ערד!" און איך האָב אָנגעהויבען וואַרפען מיט דער רעכטער האַנד.

— זעגט זי איהם אַרונטער! — בעפעהלט ווייטער דער פּראָפעסאָר. — זאָל ער וויסען, אַז פון דאָקטוירים מאַכט מען ניט קיין חוזק!...

ווערט מיר די זאַך אַביסעל פערדראָסיג און איך נעהם אויף צו־להכעיס וואַרפען מיט דער לינקער האַנד.

— עפּעס אַ פריקרע איד, דער דאָזיגער! — ווערט שוין דער פּראָפעסאָר אין כעס, — נור ער וואַרפט זיך! כאַפּט איהם אַרונטער די צווייטע האַנד אויך!

דערווייל הויב איך זיך אָן פּיהלען זעהר ניט בעקוועם.

„קאַניבאַלען!" טראַכט איך זיך, „איהר ווייסט ניט, מיט וועמען איהר האָט דאָ צו טהאָן! איהר שפּיעלט זיך מיט פייער!" און איך נעהם כאַרכלען מיט אַלע כחות.

— שניידט איהם איבער דעם גאָרגעל! — בעפעלט דער פּראָפעסאָר.

„עי", טראַכט איך זיך, „אַז סע געהט שוין יאָ אין עקשנות, וועסטו שוין, מאָהל זיך, ביי מיר נ י ט אויספּיהרען", און איך נעהם פּינטלען מיט אַן אויג.

— פאַרעט איהם אויס ס'אויג מיט הייסע וואסער! — בע־פעהלט דער פּראָפעסאָר.

חברה ברענגט אריין א טשייניקעל מיט הייסע וואסער און כליאפּ! גלייך אין אויג אריין. מאַך איך זיך כלא ידע און נעהם פינטלען מיט דעם צווייטען אויג.

— פאַרעט איהם אויס דאָס צווייטע אויג אויך!

„אוי“, טראַכט איך, „ס'א ביטערע מעשה. די חברה קענען מיך נאָך חלילה מאַכען פאַר א קאַליקע“.

אָבער צו מיין גליק האָט זיך פּלוצים דערהערט א פייף פון א פאַבריק, און איבערלאָזענדיג מיך אין מיטען דער ארבייט, האָבען זיך אַלע א שאָט געטהאָן עסען אָנבייסען.

איך האָב אויסגענוצט די געלעגענהייט און דערוויל אויסגע־הויכט מיין נשמה.

„פון דעמאָלט אָן (אזוי ענדיגט דער געעהרטער טויטער זיין בריעף), פיהל איך זיך פאָלשטענדיג קורירט אויף די מאַנדלען.“

גיט איהם פינפערלעך!

(אַ סצענע אין אַ איסט־סייד באַנק־געשעפט)

אויסגעפּוצט אין די שעהנסטע מלבושים, מיטביידע הענד אויף דער רעכטער קעשענע, איז מיסטער באַלאַמוט, דער קאַסטאַמער־שניידער, אוועק דעפּאַזיטען זיינע ערשטע 65 דאָלאַר.

— וואו איז דער פּרעזידענט? — האָט ער מיט אַ וואַזשנעם טאָן אַ פרעג געטהאָן ביים ספּעשעל פּאָליסמאַן וואָס איז געשטאַנען ביים טהיר — איך וויל דעפּאַזיטען מיינע געלדער.

דער ספּעשעל פּאָליסמאַן האָט איהם מיט גרויס כבוד ארויפגעפיהרט אויפ'ן ערשטען פלאָר צום פּרעזידענט.

— דיעזער דזשענטעלמען וויל דעפּאַזיטען זיינע געלדער אין אונזער באַנק — האָט דער ספּעשעל פּאָליסמאַן פאָרגעשטעלט באַלאַמוט'ען פאַר'ן פּרעזידענט פון דער באַנק.

— עס פרעהט מיר זעהר אייך צו קענען — האָט איהם דער פּרעזידענט בעגריסט און האָט געפרעגט: — אַלזאָ, וויפיעל?

— 65! — האָט באַלאַמוט געענטפערט שטאָלץ.

— 65 טויזענד? — האָט דער פּרעזידענט איבערגעפרעגט.

— וואָסערע טויזענד! — האָט באַלאַמוט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען — ביי די לויזיגע שניידערייִ האָט איהר געוואָלט איך זאָל מאַכען טויזענדער? מען מאַכט היינט מיט די זייטען, מיסטער!

— טו וויפיעל? — האָט שוין דער פּרעזידענט געפרעגט אונגעדולדיג.

— 65 קאַרבאַטשעס, ווי די רעדער.

— דזשים! — האָט דער פּרעזידענט אַ רוף געטהאָן אַן אָפיס באָי — פיהר אַרונטער דעם דזשענטעלמען אונטען. ער וויל מאַכען אַ דעפּאַזיט.

דזשים האָט אָנגענומען דעם קאַסטאָמער־שניידער פאַר אַן אַרבעל און איהם איבערגעגעבען צוריק צום ספּעשעל פּאָליסמאַן.

— מיסטער מענעדזשער, דער דזשענטעלמען וויל דעפּאזיטען זיינע געלדער! — האָט דער „ספּעשעל" איבערגעגעבען די ידיעה ווייטער.

דער מענעדזשער, א יונגער מענש, מיט גלאַנציג־שווארצע האָר און וואָנצעס, האָט זיך באַלד בעוויזען.

— וואו איז דער דזשענטעלמען וואָס וויל דעפּאזיטען זיינע געלדער? — האָט ער געפרעגט ארויסקומענדיג פון אונטער די גראַטקעס, מיט א בלייפעדער אונטער'ן אויער.

— אָט בין איך! — האָט באַלאמוט אויפגעהויבען די האַנד.

— וויפיעל?

— פינף און זעכציג.

— הונדערט?

— וואָסערע הונדערט? ביי די לויזיגע שניידעריי קען מען מאכען מיט די זייטען, ניט קיין הונדערטער.

— טו וויפיעל?

— פינף און זעכציג קארבאַטשעס, ווי די רעדער!

— סיי, מיסטער רודערמאַן! — האָט דער מענעדזשער א רוף געטהאָן דעם קלוירק — דער מאַן וויל דעפּאזיטען זיינע געלדער. און צו באַלאמוט'ען האָט ער געזאָגט: — געהט, זייט מוחל, צו צו יענעם פענסטערעל, וועט מען ביי אייך צונעהמען דאָס געלד.

— וויפיעל? — האָט געפרעגט דער קלוירק.

— פינף און זעכציג קארבאַטשעס, ווי די רעדער!... ביי די לויזיגע שניידעריי קען מען מאכען מיט די זייטען, ניט קיין טויזענדער! — האָט ער אָבגעזאָגט אַלץ מיט אַמאָל.

דער קלוירק האָט מיט א שמייכעל ארויסגענומען א קארטעטשקע, אויפגעצייכענט אַלע נויטיגע זאכען און געבעטען באַלאַמוט'ען אונטערצושרייבען.

— ניט געטראָפען דעם קאָסטאָמער! — האָט באַלאמוט געזאָגט, צוריקוויזענדיג דאָס קארטעל — מיר פערשטעהען די טריקס...

— וואָס'ערע טריקס?

— אָט די טריקס מיט דעם אונטערשרייבען.

— אָבער איהר מוזט אונטערשרייבען. ס'איז אזא רול ביי אונז!

— נעווער מיין רולס! מיר האָבען שוין געזעהן גרעסערע רולס!

— אָבער, מיסטער, מיר האָבען ניט קיין צייט זיך צו באַדערען. איהר ווילט אונטערשרייבען, צי ניין?

— איך'ל אונטערשרייבען, אָבער נור מיט א י י ן האנד!

— אָל־רייט!

— ווי אזוי ספּעלט איהר מיין נאָמען?

— פון וואנען זאָל איך וויסען ווי אזוי איהר ספּעלט אייער נאָמען?

— אויב אזוי — מאכט באלאמוט, — זייט איהר דאָך טאקע א שווינדלער!

— מיסטער, „בעהייווט" זיך אביסעל!

— נעווער מיין בעהייוועןן! מיר האָבען שוין געזעהן גרעסערע קנאַקערס!

— מיסטער, איהר ווילט דעפּאזיטען דאָס געלד, צי ניין?

— אָט וועל איך זיך טאקע כאַפּען און אייך „אָנגעטראָוועןן" מיינע געלדער!

— טו געטרויט נ י ט! ווער הייסט אייך?

— נעווער מיין, ווער הייסט אייך! פאר מיינע געלדער בין איך גלייך מיט „עניבאָדי"!

— טו דעפּאזיט!

— וויפיעל?

— וויפיעל איהר ווילט!

— 60 וועט זיין גענוג?

— אפילו 40!

— אפשר 30?

— לאָז זיין 20!

— 10 וועט איהר ניט נעהמען?

— גיט אהער 10!

— נאט אייך 5!

— לאָז זיין 5!

— איהר ווילט טאקע, ע? קוק עם אָן! — איז באַלאַמוט אַרוים פון די כלים — גיב איהם געלד, דעם ראָצער! פאַר וואָס קומט דיר געלד, פאַר וואָס?

— מיסטער, געהט אַרוים פון דאַנען און בעליידיגט ניט קיין מענשען!

— שאַראַפּ! רעד נאָך א וואָרט, קריגסטו א פּלעם איבער'ן פרעסער!...

און ביי די דאָזיגע ווערטער איז ער אַרוים, בורטשענדיג:

— האָסטו געזעהן אַזוינס! — גיב איהם פינפערלעך — גיב איהם!...

לאפּטאַש

— אויב איהר האָט צייט, קומט אַריבער מאָרגען ביינאַכט, וועלען מיר אַביסעל פּערברענגען!

אַזוי האָט מיר געשריבען מיין קאָלעגע, דער בעקאַנטער שרייבער לאַפּטאַש, און בענוצענדיג זיך מיט זיין איינלאַדונג, בין איך אַרום אַכט אַ זייגער פאַרנאַכט אַוועק קיין בראָנזוויל.

די געגענד, וואו מיין קאָלעגע לאַפּטאַש האָט זיין וואוינונג, איז זעהר אַ שעהנע.

אַ ברייטע גאַס מיט קליינע פּריוואַט־הייזלעך, שעהנע גאַניקעס און בוימער אויף ביידע זייטען.

אַז איך בין אַריינגעקומען אין לאַפּטאַש׳עס דירה, בין איך געוואָרען איבעראַשט פון דער רייכקייט, וואָס האָט געבלישטשעט אין אַלע ווינקעלעך, פון די שעהנע מאַסיווע מעבעל, אַזוי גוט ווי פון די קליינע קונסט אַנטיקלעך וואָס זיינען געווען צושפּרייט איבער זיין שרייבטיש.

— אָבער איהר וואוינט דאָך גאָר ניט ווי קיין אידישער שרייבער! — האָב איך אויסגערופען ענטציקט, איהם דערלאַנגענדיג די האַנד.

— איך מיין עפּעס! — האָט ער געענטפערט, און גענומען זיך פּאָרען מיט זיינע כתבים וואָס זיינען געווען צושאָטען איבער אַ טישעל פון שווארצע עבענע־האָלץ.

—זעהט איהר — האָט מיר לאַפּטאַש געזאָגט, אָנווייזענדיג אויף די טהייערע מעבעל, — דאָס האָב איך אַלץ אָבגעשפּאָרט פון מיין ליטעראַרישער אַרבייט!

— הייסט דאָס, אַז די אידישע ליטעראַטור האָט זיך אָנגעהויבען בעצאָהלען?

— אַלץ הייסט בעצאָהלען! — האָט ער אויסגערופען, און אָנגענעהמענדיג מיך פּאַר אַן אַרבעל, האָט ער מיך גענומען אַרומפיהרען איבער׳ן צימער, זיך אָבשטעלענדיג ביי יעדען שטיקעל מעבעל.

— איהר זעהט די דאָזיגע סאָפאַ? — האָט ער אַ קלאַפּ געטהאָן מיט אַ פויסט איבער דעם לעדערנעם איבערצוג — דאָס האָב איך געקויפט פאַר מיינע „געשענדעטע ווייבער“ אין צוויי פאַרטזעצונגען.

קוים זיינען די ווערטער ארויס פון זיינע ליפּען, האָט זיך די סאָפאַ אָנגעהויבען לאַנגזאַם בעוועגען, האָט זיך אַ דרעה געטהאָן ארום זיך אליין און איז ארויס פון צימער.

— און דאָס איז נאָך גאָר ניט! — האָט לאַפּטאַש זיך אומגעקעהרט מיט בעגייסטערונג צום ענין, ניט בעמערקענדיג וואָס דאָ האָט פּאַסירט מיט דער סאָפאַ, — איהר קוקט אָן דעם דאָזיגען טיש — אימפּאָרטירט פון אויסטראַליע! דאָס האָב איך געקויפט פאַר מיין אָריגינעלען אַרטיקעל „די היסטאָריע פון אונגאַרישע פלוימען“.

— פלוימען! — בין איך נתפּעל געוואָרען, — ווי קומט איהר צו זיין בעקאַנט אין אַזעלכע זאַכען?

— „אין אַזעלכע זאַכען,“ — האָט מיך לאַפּטאַש איבערגעקרימט מיט גרינגשעצונג. הלמאי איך שרייב איצט אַ בוך איבער „די פּסיכאָלאָגיע פון לעמבערגער קראָליקעס“.

— און וואו נעהמט איהר דעם מאַטעריאַל? — האָב איך געוואָלט וויסען.

— וואָס מיר מאַטעריאַל! ווער מיר מאַטעריאַל? — האָט ער געענטפערט, — ביי מיר איז אַלצדינג פון קאָפּ!...

ביי די דאָזיגע ווערטער האָבען זיך אַלע פעדערען וואָס זיינען געלעגען אויפ׳ן שרייבטיש אויפגעשטעלט דובאָם, מיט די שפּיצען ארויף, דאָס קליינע טישעל האָט געגעבען אַ טרעשטשע, דאַן אַ בריק מיט די הינטערשטע פיסלעך און גענומען זיך ארויסרוקען פון צימער. און נאָך איידער איך האָב געהאַט צייט צו קומען צו זיך פון שרעק, האָט מיך לאַפּטאַש אַ ציה געטהאָן צום אויבערשטען ווינקעל פון קאַבינעט, וואו עס זיינען געשטאַנען צוויי געגילדערטע שטוהלען און אָנווייזענדיג אויף זיי מיט׳ן פינגער, האָט ער בעמערקט מיט גרויס בעגייסטערונג: דאָס האָב איך געקויפט פאַר מיין געלונגענעם אַרטיקעל איבער „יאַפּאַנישע שפּריץ־בעדער“.

ארויסגעזאָגט די ווערטער, האָבען די שטוהלען גענומען נער־וועז שאַרען מיט די פיסלעך, האָבען עטליכע מאָל א שפּרונג געטהאָן אין דער לופטען, און געאַרעמט א פיסעל אין א פיסעל האָבען זיי דעמאָנסטראַטיוו פערלאָזען דעם צימער.

אָבער לאַפּטאַש איז געווען אזוי בעגייסטערט פון זיינע „פּאַר־ביטשור״ און זיין ליטעראַטור, אַז ער האָט גאָר ניט בעמערקט וואָס עס קומט פאָר ארום איהם.

— איצט וועל איך אייך ווייזען אַן אנטיקעל, — האָט לאַפּ־טאַש מיט פרישער בעגייסטערונג מיך א ציה געטהאָן צום „מענטל־פיעס״, וואו עס איז געשטאַנען א בראָנזענע פיגור פון משה מענדעלסאָן — אָט דאָס האָב איך געקראָגען א פּרעזענט פון דעם רעדאַקטאָר׳ס ווייב פאַר מיין אָבהאַנדלונג איבער „קעז מיט הער־נער״, א וואויל ווייבעל, — האָט ער צוגעגעבען מיר א קלאַפּ טהאָנדיג איבער דער קניע — כע־כע!

נאָך איז זיין ציניש ער „כע־כע!״ ניט פערקלונגען אין צימער, ווען די בראָנזענע פיגור האָט א ציטער געטהאָן, ווי איינער וואָס ערוואכט פון א לאַנגען שלאָף, האָט אויפגעעפענט דאָס מויל און א שפּיי טהאָנדיג גלייך אויף לאַפּטאַש׳עס פּליך, איז זי האַסטיג ארויס פון צימער.

אין לאַפּטאַש׳עס קאַבינעט איז דערווייל געוואָרען גערא̈ם. אחוץ דעם קאַרפּעט אונטער די פיס און צוויי בילדער אויף די וואַנד איז קיין זאַך ניט געבליבען.

— איצט וועל איך אייך ווייזען אַן אנטיקעל שבאַנטיקלעך,— האָט ער מיר אָנגעצייגט אויף איינע פון איזראַעל׳ס פישער־מיידלעך מיט צופלאַטערטע האָר און פערברענטע באַקען, — דאָס האָב איך געקויפט פאַר מיין „פראַנצויזישע פּאָליטיק אין טערקישע הארעמס״.

דערהערט זיין בעהויפּטונג, איז דאָס פישער־מיידעל געוואָרען בלאַס, איהר מילד, שמייכלענד געזיכט האָט אָנגענומען דעם אויסדרוק פון טיעפער בעליידיגונג, און א וואונק טהאָנדיג צו איהר שוועסטער אויף דער וואַנד געגענאיבער, זיינען זיי ביידע אראָבגעשפּרונגען אויף דר׳ערד, אָנגענומען זיך פאַר די הענד און

מיט די נעצען אויף די פּלייצעס האָבען זיי גראַציעז ארויסגע־שוועבט פון צימער.

— איצט, — האָט לאַפּטאַש געזאָגט, — ווארפט, זייט מוחל א בליק אויף דעם קארפּעט. זאָגט צי האָט איהר נאָך געזעהן עפּעס עהנליכעס ביי אירגענד וועלכען אידישען שרייבער! דאָס האָט מיר אַ פעדליעבטע לעזערין געשיקט אַלס אַ פּרעזענט פאַר מיינע „ליטעראַרישע הארץ־פּלאַסטערס".

פּלוצים האָב איך דערפיהלט ווי עפּעס ריהרט זיך אונטער מיינע פיס, און נאָך איידער איך האָב געוואוסט וואָס עס איז געשעהן, זיינען מיר ביידע געלעגען אויף דעם בלויזען פלאָאר און זיך אנגעקוקט ווי די העהנער.

— אַן עק! אַ סוף! — האָב איך געזאָגט קומענדיג צו זיך,— אַט איז שוין אייער קארפּעט אויך אוועק!

לאַפּטאַש'עס פּנים איז געוואָרען פערפינסטערט. זיינע הענד האָבען זיך נערוועז געפּאָרעט מיט דעם קראַגען פון העמד, ווי עפּעס וואָלט איהם געקוועטשט, און מיט אַ קול וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט טרעהרען האָט ער געזאָגט:

— איצט בין איך געבליבען עלענד ווי אַ שטיין!

— אַ מצוה אויף דיר, דו הונד! — האָב איך געזאָגט, — זיי ניט אזא „פּאַסקודנער בלאָפער"! — און אַ בריק טהאָנדיג איהם אין הינטען, בין איך אויף שנעל ארויסגעלאָפען פון דעם פער־שאָלטענעם הויז...

35 צו 1

(א היסטאריש־געזעלשאפטליכע דראמא אין פאסטאל־קארדס)

מיכל צו יאסלען.

ברוקלין, 15טען יאנואר, 1911.

ליעבער חבר יאסעל!

איך מוז אייך בעטען א גרויסע טובה מיר אבצושיקען די 35 דאלאר וועלכע איך האב אייך אנטליהען.

איך גרייט זיך יעצט צו די עקזאמענס און איך דארף בעצאה־לען שכר לימוד אין קאללעדזש, בין איך זעהר פערארייגט אין געלד. וואס מאכט אייער פום?

מיט גרוים ליעבשאפט,

מיכל.

יאסעל צו עוזיאל׳ן.

ברוקלין, דעם 16טען יאנואר.

ליעבער פריינד עוזיאל!

עס טהוט מיר וועה אייך צו זאגען, אז איך נויטיג זיך אין די 30 דאלאר וועלכע איך האב אייך אנטליהען אויפ׳ן קענדי סטאר. דער מענש ביי וועלכען איך האב געבארגט דאס געלד איז יעצט זעהר פעראייגגט און די 30 דאלאר וואלטען איהם שטארק צוניץ קומען. וואס הערט זיך בייעס? שאפט איהר עפעס די צייטען?

יאסעל.

עוזיאל צו משה ליב'ן.

ניו יאָרק, דעם 17טען יאנואר, 1911.

ליעבער, טהייערער קאָלעגע משה ליב!

איך בעט אייך געפעליגסט מיר אָבצושיקען די 25 דאָלאר וועלכע איך האָב אייך געבאָרגט אויף אַן אויבעררָאָק און אַ סום. דער מענש ביי וועמען איך האָב געקאַפט דאָס גמילות חסד'ל נויטיגט זיך דערין זעהר שטארק...

אפּראָפּאָס! האָט איהר געלעזען דעהמיל'ס נייע ליעדר? די דייטשען האָבען עס אַ כח — פּשאָ־קרעוו!

מיט קאָלעגיאַלען גרוס,

עוזיאל.

משה ליב צו לעאָן.

ניו יאָרק, דעם 18טען יאנואר, 1911.

דו, יונגע!

שיק אָב די 20 דאָלאר וועלכע איך האָב דיר געבאָרגט. איך קען נים ווארטען לענגער. ווער מיינסטו בין איך דיר — ווער? איך בין דאָך נים קיין „משה מחויב" דיר נאָכצולויפען נאָך מ י י ן געלד! האָסטו געזעהן אזוינס!

משה ליב.

לעאָן צו משה יונה'ן.

ניו יאָרק, דעם 19טען אפּריל, 1911.

פּעי, ים־קאַטער!

שיק מיר אָב די 15 דאָלאר — אז נים וועט דיך כאַפּען די כאָלעריע... מען טורקעט מיך פון אַלע זייטען...

אין „פּאוסט" בין איך שוין אריינגעקראָכען גאַנץ טיעף!

לעאָן.

משה יונה צו לעאָן.

ניו יאָרק, דעם 27טען יאַנואַר, 1911.

ליעבער לעאָן!

איך שיק דיר דאָ 12 דאָלאַר אויף דעם חוב. די 3 דאָלאַר וועל איך דיר אָבשיקען ווען־עס־איז שפּעטער. איך בין יעצט „מאַכולע־דיג". ענטשולדיג.

משה יונה.

לעאָן צו משה ליב'ן.

ניו יאָרק, דעם 17טען פעברואַר, 1911.

וואָס האָסטו זיך אַזוי צובייזערט, דו פּיפּערנאָטער מיט דער גלאַנציגער נאָז? איך האָב שוין איבערגעזעהן מעהר געלד ביי מיין טאַטען ווי דו האָסט צייהן אין מויל. איך שיק דיר דאָ 10 דאָלאַר. דאָס איבריגע וועל איך דיר צוּוואַרפען ביי דער ערשטער געלעגענ־הייט.

לעאָן.

משה ליב צו עוזיאל'ן.

ניו יאָרק, דעם 21טען פעברואַר, 1911.

דעם חוב אַלס אַזעלכען וואָלט איך אפילו ניט בעדאַרפט בעצאָהלען — שוין דערפאַר אַליין וואָס דו שרייבסט אין אַ מין גלאָקען־געלעכטערישען טאָן, צו וועלכען איך בין ניט געוואוינט. איך בין אַן אריסטאָקראַט, פערשטעהסטו מיך; און אַלס אַזעלכער שיק איך דיר דאָ 7 דאָלאַר. דאָס איבריגע וועל איך דיר אָבגעבען מיט דער צייט. די אייביגקייט איז נאָך ווייט און גאָט לעבט!

משה ליב.

עוזיאל צו יאָסלען.

ניו יאָרק, דעם 23טען פעברואר, 1911.

ליעבער קאָלעגע יאָסעל!

כ'האָב גרויסע יסורים דערפון, וואָס איך קען ניט בעצאָהלען דעם גאַנצען חוב. קוים מיט צרות צונויפגעסקראָבעט 4 דאָלאר. אזוי גיך ווי די ביזנעס וועלען זיך פערבעסערען וועל איך אָבשיקען דאָס איבריגע מיט א דאַנק.

עוזיאל.

יאָסעל צו מיכל'ען.

ברוקלין, דעם 21טען פעברואר, 1911.

מיין טהייערער חבר מיכל!

איך שעהם זיך פשוט צו ווייזען דאָס פנים פאר אייך. איך פערשטעה ווי שטארק איהר נויטיגט זיך אין דעם געלד, אָבער צו מיין גרויס עגמת־נפש האָב איך דאָס געלד אוועקגעליהען צו אן אַנדערען מענשען און יענער איז נעבעך יעצט אויף גרויסע צרות... איך שיק אייך דערוויל א דאָלאר.

האָט קיין פאראיבעל ניט.

אייער פער'צרה'טער חבר,

יאָסעל.

סעמעטערי

אַ מעשה מיט אַ טויטען רב, וואָס האָט געהאַלטען אין מופען פון איין קבר צום אַנדערען.

(מאָנאָלאָג פון אַ פּשוט'ען אידען)

סעי, פּעטער, ווייסט איהר אפשר עפּעס פון אַן אנשטענדיגע סעמעטערי פאַר אונזער „אנשי זוקף כפופים לאַדזש נומער 333, אינדעפּענדענט אָרדער פרי סאָנס אָוו יקום פורקן״? וואָס, איהר חידוש'ט זיך וואָס אזא לאַדזש, קיין עין הרע ניט, ווי אונזערע, וואָס אין דער קורצער צייט פון איהר עקזיסטענץ האָט זי שוין געהאַט 32 דאָלאַר הוצאות אויף האַמערס און אויף פיקסען אונזערע „אַרגור־מענטס״ — מיין איך, די צובראָכענע ביינקלעך; אַ לאַדזש, ווי זאָגט איהר, וואָס האָט 7 עקס־פּרעזידענטען, 19 טראָסטיס, 11 טרעזשורערס, 4 באַלאָט־באָקסעס, 5 סעקרעטערים, 2 אינערע און 2 אויסערע „וואָכעס״, 12 טויזענד בעדזשעס און 25 דאָלאַר קעש, זאָל נאָך ניט האָבען קיין קרקע?

דאַרפט איהר זיך ניט חידוש'ען, מיין ליעבער איד. וואָרים מאָהלט אייך, אז די „זוקף כפופים לאַדזש, נומער 333 אינדעפּענ־דענט אָרדער פרי סאָנס אָף יקום פורקן״, וועט ניט זיין אָהן קרקע — אַ מינוט... נור וואָס־זשע דען? אונזער קרקע איז קיין קרקע ניט... אי, די קשיא: סטייטש? איז דער תירוץ אז פערברענט האָט געזאָלט ווערען אייער אַמעריקא מיט די אַגענטען איהרע! קיין גוטער איד זאָל זיי ניט קענען — די זשוליקעס! זיי קענען אייך פערפיהרען אַ מענשען אין שאול תחתיה אריין, די ממזרים.

הערט, אדרבא, אַ מעשה, וואָס האָט זיך פערלאָפען מיט אונזער לאַדזש — דאָ ניט לאַנג צוריק.

אַנומעלטען בייַנאַכט, איך שטעה אזוי און באַד די בייבי (מיינע, מוזט איהר וויסען זיין, איז אַ „סאַנפראַנציצקע״, ווי זיי

רופען עס דאָ, זי וויל וואָוטען, האָט זי ניט קיין צייט זיך אָבצוגעבען מיט קינדערייען !...), עפענט זיך די טהיר, און עס קומט אריין א יונגערמאַנטשיק און שטעלט זיך מיר פאַר אלס אַן אגענט פון א „סעמעטערי ביזנעס“, און אַזוי ווי, זאָגט ער, ער האָט געהערט, אַז אונזער „ווערטהע זוקף כפופים לאַדזש, נומער 333, אינדעפּענדענט אָרדער פרי סאָנס אָף יקום פורקן“ שטעהט אין קויפען „סעמעטערי“, קרקע, הייסט דאָס, האָט ער פאַר מיר — פאַר אונז הייסט דאָס, א שטיקעל קרקע, וואָס עס איז, זאָגט ער, נור צום פערנוצען געזונטער־הייט. ערשטענס, דאָס אָרט אַליין ! הויך אויף א בארג און טרוקען ווי פעך... און צווייטענס, זאָגט ער, — און דאָס איז דער עיקר, — ליעגט דאָרט אויף דעם שטיקעל פעלד א רב, גאָר־גאָר פון די גרויסע... אַן אייניקעל פון „גערער“ און א לייבליכער פעטער פון דעם גאון ר׳ שמואל זייגערמאכער ע״ה. און ער האָט מורא, זאָגט ער, אויב ער איז ניט א גליעד־גליעד געשוועסטער־קינד פון דעם בעל שם טוב אַליין...

דערהערט די מעשה מיט׳ן רב, איז מיר די זאך שטארק אין דער נאָז אריין.

גלייך צו־מאָרגענס, בין איך און נאָך צוויי „זוקף כפופים־ניקעס“ אוועק אויף דער סעמעטערי.

געקומען אהין און איבערגעלייענט דעם רב׳ס מצבה, בין איך געוואָרען א פערציטערטער. הערט וואָס דאָרטען טהוט זיך :

פ״נ

הרב החסיד, הגאון, המופלג בתורה, חד בדורו, מאור הגדול, פטיש החזק, העמוד הימיני, ר׳ פישעל בן עמרם, נכד הרב ר׳ מעשיל הקטן מסאדעגורע. תנצב״ה.

געה איך שוין ניט אהיים, נור איך לויף ! ביינאכט קלאַפּ איך באַלד צונויף א ספּעשעל מיטינג פון די בעאַמטע פון די „זוקף כפופים לאָדזש נומער 333 אינדעפּענדענט אָרדער פרי סאָנס אָף יקום פורקן“, און מיר בעשליסען באַלד אויפ׳ן אָרט צו קויפען דאָס סעמעטערי פאַר 500 דאָלאַר.

אַז ס'איז אוועקגעגאַנגען אַ פּאָאַר טעג, מאַכט זיך, אַז עס שטאַרבט אַ ברודער, אַן ארבעס־פּעדלער, און אַזוי ווי איך בין אויך איינער פון די חברה קדישא, געה איך דאָך מסתּא מיט'ן עולם אויפ'ן בית עולם.

איך קום אַרויף אויפ'ן בית עולם, און גיב אַ קוק אויף מיין רב, פעלט מיר איין, אַז עפּעס שטעהט ער ניט ווי עס דאַרף צו זיין...

מילא, טראַכט איך זיך, אַ מענש טאָר אויף זיך אַליין ניט בויען... אפשר דוכט זיך מיר נאָר אַזוי? אַ חוץ דעם, קלער איך זיך, אַ קשיא אויף אַ רב — אפשר איז איהם ניט געפעלען געוואָרען דער שכן? אפשר דער אָרט? ווער קען וויסען?

מילא, גאָר ניט, טראָג איך דערוויילע די זאַך אין זיך און זאָג קיינעם ניט אויס. עס געהט ניט אוועק קיין צוויי וואָכען, שטאַרבט ווייטער אַ ברודער, אַ בלעכער, געה איך ווייטער אויפ'ן בית־עולם. איך גיב אַ קוק — די מצבה שטעהט שוין אביסעל ווייטער — צום גדר צו.

וואָס זאָל דאָס זיין? טראַכט איך. אַ רב זאָל עס דיר האָבען אַ טבע אַרומצושפּאַצירען! און בכדי צו זיין זיכער, אַז איך האָב ניט קיין טעות, מאַך איך זיך אַ סימן: רייס אויס אביסעל גראָז ביי אַלע פיער ווינקעלעך פון דער מצבה און וואַרט וואָס דאָ וועט ווייטער זיין.

עס געהט ניט אוועק אַ וואָך, העלפט גאָט, עס שטאַרבט ווידער אַ ברודער, אַ „טאָפּ־קלאַפּער". געה איך דאָך מסתּמא ווייטער אויפ'ן בית עולם. איך געה זוכען מיין רב. וואו האָסטו אַ רב? דער רב איז שוין אויף יענער זייט גדר — ביי די „אהבת דיעווקא לאָדזש".

עי, טראַכט איך זיך, ס'אַ מיאוסע מעשה! מילא דו רוקסט זיך אָב פון אַ שכן — גאָר ניט... דאַרויף ביזטו זיך אַ רב; מסתּמא פערשטעהסטו בעסער. אָבער אין גאַנצען אוועקמופען צו די „אהבת דיעווקא" — אַי, פע!

דאָס איז געוועזן מיטוואָך.

דאָנערשטאָג נעהם איך און קלאַפּ צונויף אַ ספּעשעל מיטינג פון

אונזערע „זוקף כפופים׳ניקעס“ און שטעל זיך אויף און ערקלער זיי באשר אזוי און אזוי: דער רב האָט אוועקגעמופט...

הויבט זיך אויף, ווי געוועהנליך, אַ שטורם, אַ סומאַטאָכע צווישען די ברידער. דער נייגטער עקס־פּרעזידענט, אַ איד מיט בוימעלדיגע אויגען און אַ בליך פּנים, הויבט זיך אויף און זאָגט אזוי:

— מיינע ווערטהע ברידער! איך זעה דארין אַן אצבע אלקים... מסתמא האָט מען מיט עפּעס־וואָס־ניט־איז פּוגע געוועזען דעם כבוד פון דעם גרויסען מת... איך מאַך אַ פאָרשלאָג מען זאָל אפּאיינטען אַ קאָמיטע פון צעהן עהרליכע אידען, וואָס זאָלען געהען בעטען מחילה פון דעם גרויסען מת...

בקיצור, דער פּאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרען מיט אַ מאַדזשאָריטי.

פערשטעהט זיך, אַז איך בין געוועזען איינער פון דער קאָמיטע.

געקומען אויפ׳ן בית עולם, גיבען מיר זיך דאָך גלייך אַ לאָז צו די „אהבת דיעווקא“. מיר גיבען אַ קוק: אונזער רב איז אויס־געטריקענט געוואָרען. ניטאָ קיין סימן פון קיין רב!..

נאָך אַנדערטהאַלבען שעה ארומזוכען, האָבען מיר איהם קוים דערטאַפּט ערגעץ העט־העט נעבען וואַלד, ביי די „הרי־חושך־יאַנג מענס“, אַ גוטע האַלבע מייל פון אונזער קרקע...

פערשטעהען מיר דאָך, אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַטיג די מעשה. לויפען מיר (די גאַנצע קאָמיטע פון צעהן מאַן) אוועק צום אַגענט פון די סעמעטערי און מיר פאַלען אריין אין אָפּיס אריין מיט אַ גרויס געוואַלד: וואו איז דער רב?

— וואָס פאַר אַ רב? זאָגט ער.

— וואָס הייסט, זאָגען מיר, וואָס פאַר אַ רב? דער **גאָל־דענער** רב! דער רב וואָס איהר האָט אונז פערקויפט פאַר 500 דאָלאַר מיט קרקע!

— אַ רב?... —זאָגט ער— ער הויבט גאָר ניט אָן צו גערעדנקען, ער זאָל אונז אַמאָל האָבען פערקויפט אַ רב! איבריגענס, זאָגט ער, עס איז ניט זיינע ביזנעס, אַז דער רב וויל ניט איינליעגען אויף אַן אָרט. ס׳איז, זאָגט ער, אַ גאָט׳ס זאַך!

און אזוי ווי מיר שטעהען אזוי און האמפערן זיך, קומט אריינ־צולויפען נאָך א קאָמיטע פון די „אהבת דיעווקא" מיט א שטורם:

— וואו איז דער איידזשענט? מיר ווילען פון איהם מאכען קרעפּעל־פלייש; ער האָט ביי אונז אוועקגע׳גנב׳עט דעם רב!

— וואָס פאַר א רב, זאָגט ער, האָב איך ביי אייך אוועק־גע׳גנב׳עט?

— דעם זילבערנעם רב! דעם רב וואָס איהר האָט אונז פערקויפט פאַר 800 דאָלאר מיט קרקע!...

זעהט דער בחור, אז עס האַלט שמאָל, פּרופט ער זיך ארויס־מאכען. לאָזען מיר איהם ניט, נור מיר שפּארען איהם צו צו דער וואַנד און מיר שרייען אַלע אין איין קול: דעם רב, דו „סאַנעווע־גאָן"! דעם רב גיב אונז!

און אזוי ווי מיר האַלטען אזוי אין שרייען, קומט אריינצולוי־פען נאָך א קאָמיטע (פון די „הרי חושך יאַנג מענס") פערסאַפּעט ווי די גענז:

— דאָ איז עס דער מאכער וואָס מופט דעם רב? מיר ווילען איהם זאַטשמעליען מיט א שייט האָלץ — ווילען מיר איהם!

*

הכלל, וואָס טויג עס אייך — וואָס האָט זיך ארויסגעוויזען? עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז דער איידזשענט האָט יעדען איינעם פון די חברות אריינגערעכענט אין נדן דעם „רב", וועלכער איז גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען, און נאָכדעם ווי ער האָט אָבגענומען דאָס געלד, האָט ער אריבערגעפּעקעלט די מצבה אויף אן אנדער אָרט.

איצט פערשטעהט איהר שוין, פאַר וואָס מיר זוכען א סעמעטערי?

האלט אפ די פרעס!

(א פאר סענזאציעס פון א געשוויטען רעפארטער.)

ערשטער רעפארט.

3 אוהר נאכמיטאג (פער טעלעפאן):

— העללא! דער אפיס פון „באראבאן“?

— יעס...

— איך האב שוין.

— וואס האט איהר?

— א געוואלדיגע סענזיישען... איך בין יעצט אפטאון. איך שטעה און וואטש ווי א מיידעל פוצט די פענסטער פון 16טען שטאק... איך ערווארט יעדע מינוט, אז זי זאל אראבפאלען... האלט אב די פרעס.

3.20 נאכמיטאג:

— העללא! דער „באראבאן“?

— יעס!

— אט־אט בויגט זי זיך ארויס... איך האב שוין די קאפיע. האלט אב די פרעס!...

— 3.30 נאכמיטאג:

— דער „באראבאן“?

— יעס!

— דאס בין איך דער רעפארטער, זי פוצט שוין דאס צווייטע פענסטער... איך פרוף פייפען צו איהר... אפשר וועט זי ווערען צוטומעלט... האלט אב די פרעס!

4 אוהר נאכמיטאג:

— דער „באראבאן“?

— יעס!

— זי איז שוין אויף א שטאָק העכער... איין שטופּ ווען אימיצער גיט איהר, זיינען מיר גערעטעוועט... האַלט אַב די פּרעס.

5 אוהר נאכמיטאג:

— דער „באַראַבאַן“?

— יעס!

— אַט־אַט־ט... נאָך א סעקונדע... האַלט אַב די פּרעס!

5.30 נאכמיטאג:

— דער „באַראַבאַן“?

— יעס!

— איהר קענט שוין געהן צום פּרעס, זי איז שוין ארונטערגעקראָכען...

צווייטער רעפּאָרט.

6 אוהר פאַרנאכט (פּער טעלעפאָן):

— דער „באַראַבאַן“?

— יעס!

— איך בין יעצט אין מעדיסאָן סטריט. סע געהט א פערד־קאַר (טראַמוואַי). איך לויף גלייך נאָך א אידען אויף אונטערצוּוואַרפען אויף די שינעס (טרעקס), וועט זיין א סענזיישען... האַלט אַב די פּרעס!

6.10 נאכמיטאג:

— דער „באַראַבאַן“?

— יעס!

— דאָס בין איך . איך האָב שוין א אידען, נור ער לאָזט זיך ניט! האַלט אַב די פּרעס!

6.20 נאכמיטאג:

— דער „באַראַבאַן“?

— יעס!

— איך בין שוין א צובלוטיגטער... ער לאָזט זיך ניט דער „סאָנאָוועגאָן“... אבער איך וועל איהם נעהמען... די קאַר איז שוין אין מאָנטגאָמערי סטריט. האַלט אַב די פּרעס!

7 אוהר אבענדס:
— דער „באראבאן" ?
— יעס!
— ער ליעגט שוין אויף די טרעקס... די קאר איז אין גאנצען צוויי בלאָק פון דאנעט... העכסטענס נאָך א האלבע שעה איז ער פארטיג... האלט אָב די פרעס!
9 אוהר אבענדס:
— דער „באראבאן" ?
— יעס!
— די קאר געהט נאָך. דער איד איז נעבעך איינגעשלאָפען אויף די טרעקס. כ'האָב מורא, אז עס וועט זיין צו שפעט פאר היינטיגען נומער, איהר קענט שוין געהן צום פרעס.

דריטער רעפּאָרט.

5 אוהר פארטאָג:
— „באראבאן" ?
— יעס!
— איך בין יעצט אין סאָפאָלק סטריט אויף א רוף. עס געהט א רויך פון א קוימען. עס וועט פּאָזיטיוו זיין א שרעקליכער פייער. טויזענדער מענשען וועלען נעבעך פערברענט ווערען. 3—4 יונגע פייערלייט וועלען בעגראָבען ווערען אונטער די חורבות... די גאז וועט עקספּלאָדירען. ס'וועט זיך טהון חושך — האלט אָב די פרעס!
5.10 פארטאָג:
— „באראבאן" ?
— יעס!
— אָבער אזוי ווי דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט... ס'פליהען שוין פונקען. א ווינד בלאָזט פון איסט ריווער. דאָס וואסער איז מסתמא פערפרוירען. גאנצע בלאָקס וועלען ארונטער — גרייט אָן א קארטון...
5.20 מארגענס:
— „באראבאן" ?

— יעס!

— איך האָב שוין ווידער געזעהן אַ פונק. די גאַנצע איסט סייד וועט אַוועק מיט'ן רויך! די געשרייען פון די היימלאָזע וועלען שפּאַלטען די הימלען. הילף איז נויטיג. האַלט אָב די פּרעס!

5.30 מאָרגענס:

— „באַראַבאַן“?

— יעס!

— אַט־אַט־אַט־אַט... אָט איז נאָך אַ פונק... מאַנהעטען איז פערפאַלען... ראַטעוועט הארלעם!

5.35 מאָרגענס:

— „באַראַבאַן“?

— יעס!

— הארלעם וועט אויך אַוועק... ראַטעוועט די בראָנקס — אָט איז נאָך אַ פונק... קיין האָפנונג מעהר פאַר בראָנקס! ראַטעוועט יאָנקערס!

7 אוהר מאָרגענס:

— „באַראַבאַן“?

— יעס! וואָס הערט זיך מיט יאָנקערס?

— ניט בעשערט! דער רויך האָט שוין געסטאָפּט. אַ שאָד! וואָלט געוועזן געקענט זיין אַ שעהן שרפה'לע! איהר קענט שוין געהן צום פּרעס...

איך און נאָך אימיצער

(אַ שוידערהאַפטע מעשה)

דאָס האָט פּאַסירט אויף מיין רייזע נאָך גאַליציע.

עטליכע טעג דורכאַנאַנד האָב איך זיך געהאַט געפּלאָגט אויף די באַהנען — ניט דערעסען, ניט דערשלאָפען און אַ מיעדער, אַן אויסגעמאַטערטער האָב איך זיך איצט (די דריטע נאַכט פון מיין יאַזדע) אויסגעצויגען אויף דער האַרטער באַנק און אונטערלעגענדיג די פיסטען צוקאָפּענס, האָב איך צו זיך אַ זאָג געטהאָן מיט אַ וואונק פון לינקען אויג: איצט, ברודערל, ביזטו איינער אַליין אין אַ וואַגאָן — קענסטו זיך רוהיג אויסשלאָפען פאַר אַלע דריי נעכט מיט אַמאָל!

דער לאָקאָמאָטיוו האָט געסאָפּעט און גערוישט, זיך שניידענדיג אַ וועג איבער ווייס־לעהמיגע בערג און איינגעוויעגט פון דעם ריטמישען „טאַר־טאַר־טאַר“ פון די באַהן־רעדער, האָב איך לאַנגזאַם גענומען איינדרעמלען — ווען פּלוצלונג האָט זיך דער צוג אָבגעשטעלט ביי אַ סטאַנציע און דורכ׳ן פענסטער פון מיין וואַגאָן האָבען גענומען אַריינפליהען פערשיעדענע פּעקלעך און קלומקעס.

אין אַ פּאָאר מינוט אַרום האָט זיך אין טהיר פון מיין „קופּע“ בעוויזען אַ קאָפּ און באַלד נאָך דעם קאָפּ אַ שווער־סאָפּענדיגע אידענע מיט אַ באַנקע נאַפט אונטער׳ן אָרעם.

דערזעהענדיג ווי איך ליעג אויסגעצויגען אויף דער באַנק, האָט זי מיך אָהן צערעמאָניעס אַ טורקע געטהאָן פאַר אַ פוס און געזאָגט:

— איהר זיינט, דוכט זיך מיר, יוזיפעל פון קרעמעניץ — ר׳ פייוועלע קרעמעניצער׳ס אַ זוהן...

— איך? — האָב איך אויסגערופען פערוואונדערט — איך בין פון אַמעריקא... און איך וויל שלאָפען.

— טאַ־קע? — איז מיין אידענע געוואָרען אַ פרעהליכע — איהר קומט פון „נימעריקע“? אויב אַזוי האָט איהר דאָך דאָרטען

מסתמא בענגענט מיין הערשלען... ער איז אַן אַגענט פון מאַשי־נעס... אַ געשטופּעלטער אַביסעל... און...

— איך קען ניט קיינעם! — האָב איך געבורטשעט — איך וויל שלאָפען!

— און מיין קיילע׳ן האָט איהר אויך ניט געזעהן — מיין קיילע׳ן?

— טשעפּעט זיך אָב פון מיר, ליעבע אידענע! איך וויל שלאָפען!

— און יאָסעל דעם פּראָפּינאַטאָר׳ס האָט איהר אויך ניט בענגענט?

— איך קען ניט קיינעם, — האָב איך געזאָגט שוין מיט כעס... איך וויל שלאָפען! איהר הערט, צי ניין? שלאָפען וויל איך!

— וואָס הייסט איהר קענט ניט קיינעם? — איז זי צו מיר צוגעשטאַנען, — איהר זיינט דען חלילה געבוירען פון אַ שטיין?

— נאָך ערגער, — האָב איך געזאָגט — איך בין אַ יתום. איהר׳ט לאָזען שלאָפען, צי ניין?

— אַ יתום! וועה איז מיר! — האָט די אידענע גענומען שאָקלען מיט׳ן קאָפּ... מסתמא זיך אויפגעהאָדעוועט ערגעץ ביי אַ פעטער... און דער פעטער איז מסתמא געווען אַ בייזער און די מוהמע — די פּאַסקודסטווע — האָט מסתמא געזשאַלעוועט ברויט... און...

— איהר האָט אַ טעות, מיין ליעבע אידענע, — איז מיר איינ־געפאַלען איהר איבערצושלאָגען די רייד — מיך האָבען מענשען־פרעסער קליינערהייט ארויסגע׳גנב׳עט פון וויעגעל!

— פון וויעגעל?!

—יאָ.

— צו וואָס האָבען זיי עס געטהאָן?

— גלאַט אַזוי זיך... זיי האָבען הפנים געבענקט נאָך אַ קינד...

— און גע׳הרג׳עט האָבען זיי אייך ניט?

— ניין. אדרבה, איינער פון די חברה פלעגט מיך אַ גאַנצע נאַכט וויעגען מיט אַ פוס... און אַ צווייטער פלעגט מיר קייען לעקעכלעך.

— און וואָס איז געוואָרען פון אייער מאַמען?

— דער׳הרג׳עט אויף טויט!...

— אי, אַ בראָך איז מיר! — האָט זיך די אידענע געכאַפּט פאַר׳ן קאָפּ, — דער׳הרג׳עט נעבעך!

מיט אַ שפּיץ פון איהר קאָפּ־פאַטשיילע האָט זי אויסגעווישט די טרערען פון איהרע אויגען און מיט אַ קול וואָס איז געווען האַלב־פערשטיקט האָט זי געפרעגט:

— און איהר האָט עס צוגעזעהען מיט אייערע אייגענע אויגען?

— יאָ.

— און וואָס האָט איהר געזאָגט דערצו?

— איך האָב געלאַכט ס׳גרעסטע געלעכטער!

— געלאַ־כט? — האָט זיך מיין אידענע דערשראָקען אָב־גערוקט פון מיר — ווי אַזוי לאַכט מען עס עפּעס אין אַזאַ צייט?

—הלמאי איך האָב געקוילעט דעם טאַטען? — האָב איך זיך בעריהמט.

— גע־קוי־לעט דעם... דעם טאַטען?

— און אַריינגעוואָרפען דריי ברידערלעך אין אַ ברענענדיגען אויווען!

די אידענע איז געוואָרען בלאַס און אָנגעהויבען ציטערען ווי אַ בלאַט, נור איך האָב ווייטער גערעדט:

— ביי מיר — האָב איך געזאָגט — איז אַ נאַטור אַז איך מוז זעהן בלוט! איהר זעהט אָט דאָס דאָזיגע „קניפּיקעל״? — האָב איך איהר אָנגעוויזען אויף אַ קליין מעסעריל וואָס איך האָב אַרויס־גענומען פון קעשענע — צוויי הונדערט און פופציג מענשען, אַ חוץ ווייבער, האָב איך שוין געקוילעט דערמיט...

— צוויי הונדערט און פופציג מענשען אַ חוץ ווייבער? — איז די אידענע געוואָרען אויסער זיך פון שרעק — און מיט אַזאַ פּיצעלע מעסעריל?

— יאָ. איין שניט איבער׳ן האַלז — „חיק!״ און אַ גוטען טאָג! — איהר ליעגט שוין אַ געקוילעטע...

ביי דער אידענע האָט געגומען קלאַפּען אַ צאָהן אָן אַ צאָהן.

— ווייבער קוילעט איהר אויך ? — האָט זי געפרעגט כמעט מיט א פרעמדען קול.

— הערסטו ! — האָב איך געזאָגט — אנו גיט מיר נאָר אזוי פיעל ווייבער וויפיעל איך וואָלט געקוילעט... איבערהויפט פ ע ט ע ווייבער !...

ביי די דאָזיגע ווערטער איז מיין אידענע אויפגעשפרונגען פון אָרט און גענומען האסטיג צונויפקלייבען די פעקלעך.

— איך... איך'ל זיך אריבערקלייבען אין אן אנדער וואגאָן, — האָט זי קוים ארויסגעבראכט פון מויל — איך וויל אייך ניט שטערען פון שלאָף...

סצענקעס אין אַ ציימונגס־אָפּיס

(אמת'ע פּאַסירונגען)

זי סטראַשעט.

קומט זיך אריין אַן עלטערע אידענע, מיט אַ פּאַרוק, איהר פּנים איז בלייך און פעט און איהר פיגורעל איז צושוואומען און פיער־עקיג.

— דאָ איז דער פּייפּער וואו מען שטעלט אריין פערשוואונ־דענע מענער?

— ניין. נעקסט דאָאר!

— גוד־באַי!

— געהט געזונטערהייט!

אין אַ מינוט ארום איז זי דאָ צוריק מיט אַ פּרעטענזיע:

— ס'איז דאָך יא דאָ. פאַרוואָס האָט איהר מיך אָבגענאַרט... פ'איז עפּעס אַ קונץ אָבנאַרען אַן עלטערע פרוי, האַ?

— אבער מיסעס לעבען, איהר מיינט מסתמא דעם „פאָר־ווערטס" — דאָ איז דער „קונדס".

— דער... וואָס?

— דער „קונדס"!

— גוד באַי!

— געהט געזונטערהייט!

אין צוויי מינוט ארום זי איז ווידער דאָ מיט אַ טענה:

— זעהט, איך בעט אייך, צו וואָס זאָלט איהר מיר פערצאַפּען די בלוט... מיין געציל איז דאָך אַנטלאָפען פון מיר... איבער־געלאָזט מיך אָהן אַ פּעני... רעגט דארף מען בעצאָהלען... היינט געז... אַ קליידעל... אַ שיכעל... און דאָ פיהל איך אליין אויך ניט ווי אַם בעסטען. אַן אויער האָט זיך ביי מיר צושפּיעלט...

— אבער, ליעבע אידענע, מען האָט דאָך אייך געזאָגט, אַז ביי אונז איז ניט דער פּלאַץ דערפאר... איהר ווילט מסתמא אריינשטעלען אַ „פּיקטשע" פון אייער מאַן... טו געהט נעקסט דאָאָר.

— גוד באַי!

— געהט געזונטערהייט!

עס געהט ניט אוועק קיין פינף מינוט, זי איז ווידער דאָ, אַ צופלאַמטע און אַ צוקאָכטע פון כעס:

— איהר זיינט רויבערס, זיינט איהר! היצלעס זיינט איהר... ניט קיין פּייפּער! איהר האָט ניט קיין רחמנות אויף קיינעם... ס'עפּעס אַ קונץ מאַכען פון אַ מענשען „פּענזע"?... ווען איהר וואָלט געהאַט מיינע צרות, וואָלט איהר אַנדערש גערעדט... ס'זאָל אייך אַזוי שיסען אין אויער ווי ס'שיסט מיר, און אייערע קינדער זאָלען פון אייך אַזוי רייסען די הויט, ווי מיינע קינדער רייסען פון מיר, און...

— וואָס זיינט איהר זיך געקומען שעלטען, מיסעס?

— שעלטען איז ווייניג! — מאַכט די אידענע און אין איהרע אויגען בעוויזט זיך אַ פּערדעכטיגער פונק — איך'ל אייך נאָך אָבשפּיעלען אַן אַקט, אַז איהר'ט מיך האָבען צו געדענקען!...

— דהיינו, וואָס פאַר אַן אַקט?

די אידענע קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען, רוקט זיך צו נעהנטער צו דער טהיר, נעהמט אַן הינטען־אַרום די קליאַמקע, און אַז זי שטעהט שוין מיט איין פוס אין דרויסען, רופט זי אויס מיט נצחון: איך'ל חתונה האָבען מיט'ן הויזקיפּער!!

דער „למדן".

— קען איך זעהן דעם רעדאַקטאָר?

דער בעל הבית פון דער דאָזיגער פראַגע איז אַ איד פון אַ יאהר פופציג, טראָגט אַ פרינץ אַלבערט, אַ הויכען קאַפּעליוש און אַ ברייטע, שעהן־פערקאַמטע באָרד.

— יעס. וואָס דאַרפט איהר? — קומט איהם דער רעדאַק־טאָר אַקעגען.

— איך... דאַרף... דאָס הייסט איך וויל זיך מיט אייך דורכ־רעדען אַביסעל... פערשטעהט איהר מיך, איך בין אַן איידעלער מענש... אַ שטיקעל בר־אור און — ווי זאָגט ער... האָב אַ ידיעה אין אַ גמרא מיט תוספות און פלפול איז מיין גאַנץ לעבען...

— טו וואָס־זשע ווילט איהר? — פרעגט דער פער'ביזי'טער רעדאַקטאָר אונגעדולדיג.

— גאָרניט, וואָס זאָל איך וועלען? — ענטפערט דער איד און צונעהמט זיך די באָרד אין צוויי העלפטען — גלאַט אזוי זיך... א י ך בין אַ למדן — א י ה ר זיינט אַ למדן, וועלען מיר זיך אַביסעל דורכ־שמועסען...

— אָבער, מיין ליעבער איד... איך בין יעצט צו ביזי... מען דאַרף באַלד געהן צום פרעס...

— אַ־זוי, צום פרעס... — חזר'ט דער איד איבער, און נעהמט אַ שפּיץ באָרד אין מויל אריין — אַנו, לאָמיר נאָר אַ קלער טהאָן וואָס דאָס הייסט... (ער מאַכט צו אַן אויג און זאָגט מיט אַ גמרא־ניגון): גע־העָן צו־הים פרע־העס... אי איז דאָך די קשיא — האַ?...

— אָבער, ליעבער איד...

— האַ? איהר זאָגט עפּעס? — האָט זיך דער איד אויפ־געכאַפּט ווי פון שלאָף.

— יעס... מיר וואָלטען אייך געוואָלט בעטען איהר זאָלט קומען אַן אַנדערס מאָל...

— וועלען מיר שוין קומען... וועלען מיר שוין קומען... וועלען מיר שוין קומען! אַלע טאָג וועלען מיר שוין קומען אַביסעל... — האָט ער פערזיכערט — ווי זאָגט ער? פאָרט אייגענע מענשען... א י ך בין אַ למדן — א י ה ר זיינט אַ למדן... — און גלעטענדיג די באָרד, איז דער למדן כמעט טאַנצענדיג אַרויס פון אָפיס...

דורכ'ן טעלעפאָן.

— העלאָו! דער אָפיס פון „קונדס“?
— יעס.
— איך בין מיסטער אראָנסאָן, איך האָב אייך צוגעשיקט א הומאָרעסקע — איז זי שוין אריין אין פרעס?
— דאכט זיך אזוי...
— דאָס וועט אייך קאָסטען ניט ווייניגער ווי פופצעהן דאָלאר.
— זי איז ניט אריין — קומט זי אָבנעהמען!
— איך וועל עס מאכען פאר 10... ווייל עס איז שוין אויפ־געזעצט...
— ס'איז ניט אויפגעזעצט. איהר קענט עס קומען אָבנעהמען.
— מילא... לאָז שוין זיין 5...
— מיר קענען זיך דערמיט ניט בענוצען אפילו אומזיסט...
— טו לאָז שוין זיין א דאָלאר... ס'א מציאה...
— אז עס האנדעלט זיך ניט וועגען דעם.
— טו דרוקט־זשע עס אומזיסט...
— אויך ניט...
— וועל איך אייך צושיקען 2 דאָלאר...
— ס'איז ווייניג...
— דריי!
— לעגט עפעס צו!
— פיער!
— נאָך א דאָלאר!...
— אָלרייט... וועט איהר עס דרוקען?
— יעס...
— אויף וועלכען פלאַץ?
— צווישען די אדווערטייזמענטס!
— גוד באַי!

פערפעלשלינגער

(אַ הומאָריסטישע קאָמעדיע)

(אַ פראַנט־דום ביי די מענטשיקאָפס. דער געוועהנליכער „פּאַרלאָר סעט“, איבערגעצויגען מיט געשטרייפטע „קאָווערס“. אין הינטער־גרונד צוויי גרויסע פּאָרטרעטען אויף „סטענדס“. ביי אַ ווייס־געדעקטען קיילעכדיגען טיש זיצען: מיסעס מענטשיקאָפ (אַן על־טערע אידענע מיט אַ פּאַרוק), מיסטער מענטשיקאָפ (אַ ניעדריג־געוואַקסענער „קרעפּקער“ אידעל מיט אַ רונדען בערדיל. אויפ׳ן שפּיץ נאָז בלישטשען ביי איהם טראָפּענס שוויים). מיסס מענ־טשיקאָפ (אַ מיידעל פון אַ יאהר 25, די נאָז און דער שטערען זייגען ביי איהר מורא׳דיג ווייס, קענטיג צוגעקאַלכט. די האָאר זיינען ביי איהר פערקאַמט נאָכ׳ן סטייל — מיט „פּאָפּס“ און אַנדערע מאַכערייקעס). מיסטער פערפעלשלינגער (אַ בחור פון אַ יאָהר 23, טראָגט אַ שוואַרץ העמד, פון די האָאר הענגען ביי איהם אַראָב עטליכע „לעקלעך“ פון פּאָרענט, אויפ׳ן סאַמע מיטען שטערען).

מענטשיקאָפ: הייסט עס, איהר ווילט נעהמען מיין ביילקען!

פערפעלשלינגער (דלאָבעט זיך די נאָז): אַזוי הייסט עס!

מענטשיקאָפ (מיט אַ טאָן פון אַ ביזנעסמאַן): קענט איהר „אפּאָרדען“ חתונה צו האָבען?

פערפעלשלינגער: יעס!

מענטשיקאָפ (וואַזשנע): ביי וואָס איז אייער ארבייט?

פערפעלשלינגער (שטאָלץ): ביי פּיקעלס!

מענטשיקאָפ: אויך ניט קיין שלעכטע מלאכה... דער עיקר, הייסט דאָס, איז... (פערהוסט זיך).

מיסעס מענטשיקאָפ (העלפט איהם אַרויס): צי האָט איהר עפּעס פון „די דאָזיגע“ (מאַכט אַ בעוועגונג מיט צוויי פינגער, אַזוי

ווי זי וואָלט געפּרובט אַ שטיקעל זייד).

פערפעלשלינגער: געוואַלד! (נעהמט ארויס פון בוזעם־קעשענע צוויי ביכלעך און גיט עם דעם אַלטען): אָט איז עס!

מענטשיקאָף (גיט עס איבער צו דער טאָכטער): נו, וואָס זאָגסטו, ביילקע?

מיסם מענטשיקאָף (פערקרימט די נאָז): ניט מעהר ווי 200 דאָלאַר? איך האָב גערעכענט, אז דריי הונדערט.

פערפעלשלינגער (קאַלטבלוטיג): געפעלט אייך ניט, הייסט דאָס? גיעה איך מיר! (לויפט ארויס).

מיסעס מענטשיקאָף (צום מאַן): וואָס זיצסטו ווי אַ גולם? זעהסט דאָך, אז ער איז אַוועק!

מענטשיקאָף (לויפט ארויס. אין אַ ווײַלע ארום קומט ער מיט פערפעלשלינגער'ן).

מיסעס מענטשיקאָף (זעהר העפליך צו פערפעלשלינגער'ן): פּליעז, מיסטער פערפעלשלינגער, זעצט זיך צו... און געניסט עפּעס!

פערפעלשלינגער (פערסאָפּעט): איך בין ניט פון די מענשליך, קאָטאָרי, וואָס מען זאָל זיך דאַרפען וואַרפען... (זעצט זיך אַוועק און נעהמט שלינגען איין עפּעל נאָכ'ן אַנדערען).

מענטשיקאָף (פריינדליך, געהט מיט איהם ווי אויף גלאָז): כ'האָב אייך געוואָלט פרעגען — הם! — און וויפיעל פערדיענט איהר אַ וואָך?...

פערפעלשלינגער: אַכט־און־אַ־האַלב דאָלאַר רעגעלע וויי־דזשעס... אַ חוץ וואָס איך קריעג יעדען פרייטאָג אַ באַרעלע מיט זויערקרויט, אַ מאַה זויערע פּיקעלס, פיער טוץ פעפערלעך און אַ „גראָם" זויערע עפּעל.

מיסם מענטשיקאָף: ניט מעהר ווי פיער טוץ פעפערלעך?

פערפעלשלינגער: געפעלט אייך ניט? גיעה איך מיר. (נעהמט עטליכע עפּעל אין די קעשענעס און לויפט ארויס).

מיסטער מענטשיקאָף (צו זיין ווייב): וואָס שטעהסטו ווי אַ קובעלע? לויף איהם נאָך!

מיסעס מענטשיקאָף (לויפט ארויס. אין אַ 15 מינוט ארום קומט זי צוריק מיט פערפעלשלינגער'ן. דער לעצטער שטאַרק פער־

שוויצט, נעהמט ארויס פון פּאַקעט די עפּעל און לעגט זיי צוריק אין דער פּרוכט־וואַזע).

מיסטער מענטשיקאָף (געהט ארום מיט דער האַנד ארום דער באָרד, ווי ער וואָלט זיך וועלען איבערצייגען צי איז זי נאָך דאָ אויפ'ן אָרט. צו פּערפּעלשלינגער'ן): בערוהיגט זיך אביסעל, מיסטער פּערפּעלשלינגער, בערוהיגט זיך! (פּאַכט אויף איהם מיט זיין יארמולקע).

פּערפּעלשלינגער (מעשה וואוילער יונג): ער מיינט טאַקע, אַז איך מאַך זיך פון איהם א צימעס! ביי מיר געהט עס נים. פערשטעהסטו מיך!... (נעהמט „רייבען" די קיכלעך).

מיסעס מענטשיקאָף (זעהר פּאַרזיכטיג): איך האָב אייך געוואָלט פרעגען צי איהר טרינקט בראַנפען?

פּערפּעלשלינגער (פאַלקסטהימליך): ניין־ניין! איך גים אונטער'ן אויער!

מיסעס מענטשיקאָף (גיט א קלאַפּ אין טיש): שוין זאָל ער זיך געהן פון וואַנעט ער איז געקומען — קיין שיכורים דאַרפען מיר נים!...

פּערפּעלשלינגער: אָלראַיט! אָלראַיט! געה איך מיר! (כאַפּט אין פּאַקעט אריין אלע „קייקלעך" און לויפט ארויס).

מיסס מענטשיקאָף (פערוואַרפט מיט'ן קאָפּ).

מיסעס מענטשיקאָף (בעמערקט עס): אוי, א בראָך איז מיר! בינעם, ס'קינד חלש'ט!...

מיסטער מענטשיקאָף (ברענגט וואסער, מען גיסט אויף איהר, די מוטער קוועטשט איהר די שלייפען און בלאָזט איהר אין דער נאָז אריין).

מיסס מענטשיקאָף (אויפכאַפּענדיג זיך פון חלשות, קוים וואָס מען קען הערען): לאָז מען איהם צוריקברענגען!

מיסטער מענטשיקאָף (כאַפּט דעם ראָק און לויפט. אין א האַלבער שעה ארום קומט ער צוריק מיט פּערפּעלשלינגער'ן. דער אַלטער איז שטאַרק אבגעמאַטערט, פאַלט אריין אין שאַקעל־שטוהל ווי א טוידטער).

מיסעס מענטשיקאָפ: פּליעז, זעצט זיך, מיסטער פּערפּעל־שלינגער, און מאַכט זיך היימיש!...

פּערפּעלשלינגער (ווישט זיך דעם שטערען מיט'ן ארבעל): אַט זעץ איך מיך! (זעצט זיך).

מיסעס מענטשיקאָפ: ווען דענקט איהר מירטשעשעם מאַכען די חתונה?

פּערפּעלשלינגער (תקיפ'דיג): ווען סע וועט זיך מיה גלוסטען.

מיסטער מענטשיקאָפ (ווינקט איהר פון ווייטען): פּסט! שט! (צו פּערפּעלשלינגער'ן) ווי געפעלט אייך עפּעס אונזער דירה?

פּערפּעלשלינגער: אַט אזוי זיך. (קייט א ראַגעלע).

מיסעס מענטשיקאָפ: און ווי געפעלען אייך מיינע ראַגעלעך?

פּערפּעלשלינגער: חזיר'שע ראַגעלעך!

מיסעס מענטשיקאָפ (לאָזט ארויס א שרעקליכען קוויטש און פאַלט איין חלשות).

מיסס מענטשיקאָפ (צושרייט זיך, ציטערט אזש פון כעס): לאָז ער זיך ארויסגעהן פון דאַנעט — דער פאַרשיווער הונד! וואָס האָט ער זיך צוגעטשעפּעט? (כאַפּט אָן די מוטער פאר'ן פאַרוק און טרייסעלט זי מיט אלע כוחות).

פּערפּעלשלינגער (כאַפּט אלע ראַגעלעך אין קעשענע): אָלל־ראַיט, געה איך מיר! (געהט זיך פּאַמעלעך ארויס).

מיסעס מענטשיקאָפ (האַלב אָבגעמינטערט): מאַמעלעך מיינע! וואָס טהו איך מיט דעם משולחת!

מיסס מענטשיקאָפ: שאַראַפּ, מאַמע! רעד ניט אזוי! ס'איז ניט דיינע ביזנעס...

מיסטער מענטשיקאָפ (מיט א טיעפען זיפץ): נאָך אלעמען איז ער א גאַנץ פיינער באָי!...

מיין רעגען־מאַנטעל

(אַ מעשה מיט אַ פּעסימיסטישען מוסר השכל)

נעכטען האָט גערעגענט — האָב איך זיך היינט געקויפט אַ רעגען־מאַנטעל.

איך זיינען בעקאַנט יענע ביליגע מאַנטלען, וואָס בלישטשען ווי זייד און מאַכען אָן אַ גערודער ווי עפּעס רעכטס? וועלל, אַט אַזא מין „כאַלאַמידע" האָב איך זיך איינגעהאַנדעלט.

ווי געזאָגט, האָט נעכטען גערעגענט, און אַזוי ווי איך בין בטבע אַ שטיק פּעסימיסט נאָך פון דער היים אויס, האָב איך געהאַט אַלע אורזאַכען צו ערוואַרטען, אַז עס וועט מאָרגען אויך רעגנען און איבערמאָרגען און איבער־איבערמאָרגען — בקיצור, נאָך מיין חשבון האָט עס געדאַרפט גיסען מיט עמערס פאַר די קומענדע עטליכע חדשים.

און אַז אַ רעגען האַלט אָן, זאָגען מיר, צעהן־עלף חדשים דורכ־אַנאַנד, קען מען זיך עפּעס בעגעהן אָהן אַ רעגען־מאַנטעל? איז עפּעס אַ תירוץ וואָס מען האָט ניט קיין געלד? א. ז. וו.

האָב איך זיך, אַלזאָ, געקויפט אַ מאַנטעל.

אַז איך בין אַהיים געגאַנגען פון דעם „רעגען־געשעפט" מיט מיין „כאַלאַמידע" אונטער'ן אָרעם, האָט שוין, דעם אמת געזאָגט, דער רעגען געהאַט אויפגעהערט, אבער אויפ'ן הימעל זיינען נאָך ארומגעלאָפען שטיקלעך ווייסע כמאַרעס.

„מאָרגען וועט גיסען מיט עמערס! אַ מבול, אַ „רעגעלער" מבול וועט זיין!" — אַזוי האָב איך געזאָגט צו זיך. און בכדי זיך אַליין צו איבערצייגען, אַז איך מיין וואָס איך זאָג, האָב איך זיך געלעגט שלאָפען אין מיין גומענעם מאַנטעל.

אין דער פריה איך שטעה אויף און גיב אַ קוק אויף מיין הימעל, ווערט מיר פינסטער אין די אויגען! אַ מין ליכטיגקייט! אַ מין בלויקייט! אַ מין זון! — איך האָב נאָך אַזוינס ניט געזעהן.

נאָר אונטערגעבען — גיב איך זיך נאָך אַלץ ניט אונטער.

— עס וועט רעגנען, — זאָג איך צו זיך מיט מיין ברוגז'ען קול — עס מוז רעגנען, ווען דער רוח זאָל עס אפילו נעהמען! און איך לעג זיך צוריק שלאָפען און רוק אָן די קאָלדרע איבער די אויגען.

אָבגעשלאָפען ביז מיטאָג, כאַפּ איך זיך אויף און כאַפּ ווידער א קוק אויף דעם שעהנעם הימעל אויף מיינעם — עך—הי! ער פלאַמט... ווי א כלה פאַר דער חופּה פלאַמט ער! און די זון! זי האָט זיך צוגאָסען ווי ביים טאַטען אין וויינגאַרטען און וואַרפט מיט די שטראַהלען מיט איהרע — גלייך גאָר ניט זי!

אין אנדערער אויף מיין אָרט וואָלט אפשר אויפגעגעבען די האָפנונג אויף א רעגען, אָבער ניט איך — אין אַלטער פעסימיסט מיט א נייעם רעגענמאַנטעל! איך האַלט זיך ביי מיינעם: עס וועט רעגענען! עס מוז רעגענען! און ניט נור רעגנען — נור גיסען! און מיט די דאָזיגע געדאַנקען לעג איך זיך צוריק אין בעט אריין.

אָבגעלעגען ביז פאַרנאַכט, מאַך איך אויף איין אויג און גיב א קוק אויף מיין הימעל — אוי, געקווילעט בין איך! אויס־געלייטערט... שייך צו זאָגען אויסגעלייטערט! ווי א קריסטאַל! און די שטערען — א מין בלישטשעניש אויף זיי! א מין... א מין... טפו זאָל עס ווערען!

הייסט דאָס הפנים, אז עס וועט ניט רעגענען! — זאָג איך צו זיך און נעהם זיך אויסקנאַקען די פינגער — היינט וועט ניט רעגענען, מאָרגען וועט ניט רעגענען, איבערמאָרגען וועט ניט רעגענען, איבער־איבער־מאָרגען וועט ניט רעגענען! א. ז. וו., א. ז. וו. אָהן א סוף.

דאַרף איך, הייסט דאָס, אוועקוואַרפען דעם רעגען־מאַנטעל!

— טאָמער פערקויפען איהם? — האָט א ביזנעס־געדאַנק מיר אריינגעשושקעט אין אויער.

— עס מאַכט מיך צו לאַכען! — האָב איך זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון געלעכטער — פערקויפען? צו וועמען? אז בסך־הכל האָב איך דיר שוין אפשר טויזענד מאָל בעוויזען, אז מאָרגען

וועט ניט רעגענען און איבערמאָרגען וועט ניט רעגענען א. ז. וו. — מען קען זאָגען, אז היינטיגס יאהר וועט שוין אבסאָלוט פריי זיין פון רעגען, טו וועלכער משוגענער וועט עס געהן אַרויסוואַרפען געלד אויף אַ רעגען־מאַנטעל?

האָב איך איהם, אַלזאָ, דערלאַנגט אַ שליידער אַרויס!

„דעם רעגענשירם אויך!“ — האָט מיך אַ פּעסימיסטישע שטימע „אונטערגעהוידעט“ — „צו וואָס דאַרפסטו אַ רעגענשירם, אַז דער רעגען איז שוין כמעט אין גאַנצען אָבגעשאַפּט געוואָרען?“

האָב איך, אַלזאָ, דעם רעגענשירם אויך ארויסגעוואָרפען!

איצט, אַז די נערוועז האָבען זיך ביי מיר אַ ביסעל בערוהיגט, האָב איך זיך אָנגעטהאָן אין מיין העלען זומערדיגען אַנצוג און זיך געלאָזען געהן צו מיין חבר ג. (אויך אַ פּעסימיסט פון דער היים אוים), איהם דערצעהלען פון מיין נייער פּעסימיסטישער ערפאַה־רונג — אָבער פּלוצים האָב איך דערפיהלט אַ וואַרעם שפּריצעל אויף מיין פּנים... דאַן אַ בליץ... אַ דונער — טעריבים! טעריבום! אָט האָסט דיר! עס גיסט ווי מיט עמערם!...

די מויד

(אַ מתנה צו אחד העם און דר. נתן בירנבוים)

1.

פון וואַנעט זי האָט זיך גענומען — האָט מען ניט געוואוסט.

אָנגעטהאָן איז זי געווען אין אַ פּראָסטען ציצענעם קליידעל, אַ פּנים אַ פרישׁ'ס און געזונד'ס, נור אַ ברכה צו מאַכען; אויגען — ברוינע, ליכטיגע, בריסט — הויכע, מיט אַ קאָשׁיק פּאַזימקעס אין דער רעכטער האַנד, האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פּראָסטען, נור חנ'עוודיגען דאָרפס־מיידעל.

אַן אַלטע פארצייטיגע בעל־הבית'טע, מיט אַ גרויסען שטערען־טיכעל אויפ'ן קאָפּ און אַ ברוסט־טוך אויפ'ן האַרץ, איז געווען די ערשטע, וואָס האָט זי מקבל פּנים געווען בעת זי האָט זיך בעוויזען אויפ'ן מאַרק.

— דו, מויד! — האָט זי איהר אַ וואונק געגעבען מיט אַ ציטער־דיגען פינגער — אַנו, וואָס האָסטו דאָרטען אין דיין קאָשׁיק?

— פּאַזימקעס, ליעבע האַרינטע! — האָט דאָס מיידעל געענטפערט.

— פּאַזימקעס גאָר! און איילבירטען האָסטו ניט? און פייגען... און באָקסערען און אתרוגים?

דאָס מיידעל האָט געענטפערט, אַז אַזעלכע פּירות וואַקסען ניט אין די „היעגע" גערטנער.

— חצופה! — האָט די אידענע אַ טופּע געטהאָן מיט'ן פוס און זיך אָנגעצונדען פון כעס — צו וועמען רעדסטו דאָס אַזוי?

— אַ צודרעהטער קאָפּ עפּעס! — האָט דאָס מיידעל געלאַכט מיט אַלע צייהן, און איז אַוועק איהר וועג.

2.

אָנגעטראָפען צו דער וואוינונג פון א אידישען סוחר, האָט זי ניט אָנגעקלאַפּט אין טהיר, נור איז גלייך אַריין אינוועניג.

— אַ גוטען אייך! — האָט זי געזאָגט צו דעם אידען וואָס איז געזעסען ביים טיש, מיט אַ זיידענעם קאַפּעל אויפ'ן קאָפּ און געפיהרט מיט אַ בלייפעדער איבער אַ צעטעל מיט ציפערען, — כ'האָב פּאָזימקעס צו פערקויפען!

— פּאָזימקעס! פּאָזימקעס! — האָט זיך דער נערוועזער מענש צושריען און געמאַכט מיט די הענד — כסדר נור פּאָזימקעס און פּאָזימקעס... אויסצוהאַלטען איז שוין ניט פון די קבצנים מיט זייערע... מיט זייערע... — ער האָט געזוכט אַ שאַרפען וואָרט, נור ער האָט ניט געקענט געפינען — מיט זייערע פּאָזימקעס, גיט מיר גרייפּ־פרוכט, פיין־עפעל, באַנאַנעס, וואָטערמעלאָן — וועל איך עס ביי אייך קויפען מיט פלעזשור!

— איהר דאַרפט ניט אַזוי שרייען, — האָט געזאָגט דאָס מיידעל — איך האָב אייך ניט געקוילעט די קאַפּאָטע! און, צודעקענדיג צוריק די פּאָזימקעס מיט די עטליכע לאַפּוך־בלעטער, איז זי אַוועק אָהן אַ זיי־געזונד...

3.

— טאָמער דאַרף עמיצער פון אייך פּאָזימקעס? — האָט געפרעגט דאָס מיידעל, שטעהענדיג אין אַ רעדאקציע פון אַ אידישער צייטונג.

— סטראָובעררים, די שעהנע פרוכט פון דער יונגפרויליכער ערד! — האָט זיך דער רעדאַקציאָנס־פּאָעט גענומען צו די כלים, — ווי אַ שפּיגעל־ווינד צופּאַטשט דאָס רוהיגע וואַסער פון אַ בוכטע, אַזוי צוטרייבט דאָס ערשיינען פון דיזער פרוכט די מעלאַנכאָלישע לעבענס־מאָנאָטאָניע, וועלכע בעווירקט און רופט אַרויס פער־שיעדענע איקאָנאָקלאַסטישע היפּערבעלען...

— ס'א משל קאַבאַק! — האָט זיך אַריינגעמישט דער לייט־אַרטיקעל שרייבער. די פראַגע מוז בעהאַנדעלט ווערען מעהר עפּיגראַמאַטיש... די רויטע פּרוכט פון דר'ערד אין פּאַראַלעל צו די רויטע פּרוכט פון הימעל.

— איך פערשטעה ניט, וואָס איהר רעדט. — האָט געזאָגט דאָס מיידעל און איז אַרויס אַביסעל פערשעהמט.

4.

— פיינע פּאַזימקעס?

איצט איז זי געשטאַנען פאַר דער טהיר פון אַ אידישען נאַציאָ־נאַליסט און השפּעה'דיגען אינטעליגענט.

דערהערט אזא פּראָסט וואָרט ווי פּאַזימקעס, האָט דער אינ־טעליגענט אַרויסגענומען די אויגען פון דעם גראָבען בוך אין וועלכען ער איז געווען פערטיעפט און אויסקנאַקענדיג זיך דיא פינגער איינע נאָך די אַנדערע האָט ער געזאָגט מיט אַ צדקה'דיג שמייכעלע:
הם... הייסט דאָס... דאַרפען — דאַרף איך דאָס ניט... נור פער־שטעהסטו מיך, מיידעלע, דיר צוליעב... וועל איך ביי דיר נעהמען עטליכע אומזיסט...

— אַ דאַנק אייער טאַטען! — איז שוין דאָס מיידעל געוואָרען אויפגעבראַכט און דאָס קויבערעל מיט פּאַזימקעס האָט געציטערט אויף איהר אָרעם — איך בין אייך מוחל די טובה!...

5.

— פּאַזימקעס, געליעבטער?

דער מענש, צו וועמען זי האָט איצט אָנגעבאָטען די פּרוכט, איז געווען אַ בלאַסער בחור'ל, מיט שוואַרצע אויגען, אין וועלכע עס האָט זיך געזעהן די גרויסע בענקשאַפט פון זיין האַרץ אָבגע־שפּיעגעלט — די בענקשאַפט נאָך ברויט און לעבען.

— ס'אַראַ גוטינקע דו ביזט, — האָט געזאָגט דער בחור'ל, דריקענדיג דאָס מיידעל צו זיין האַרץ — אַ גרויסען דאַנק דיר פאַר

דיין פרוכט און נאָך אַ גרעסערען דאַנק פאַר דיר אַ ל י י ן !...

— גאָה, ביזט אַ שייגעץ ! — האָט זי איהם מכלומרשט געגעבען אַ פעטשעל איבער'ן פּנים...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אונטער דעם שאָטען פון אַ שטאַרקען און איינזאַמען דעמב איז געשלאָסען געוואָרען דער שידוך צווישען דעם פּאָרעל — דאָס פאָלקס־קינד און די אידישע שפּראַך !...

די מוהמע רישע

אין הערבסט פון פאָריגען יאָהר, — דערצעהלט מיינער א חבר, א יונגער מענש, — האָב איך זיך צוגעקיהלט און בין געבליעבען אויף עטליכע טעג ליעגען צו בעט. די קראַנקהייט איז געווען א לייכטע — א ביסעל קאָפּשמערצען און פיעבער פון צייט צו צייט. יעדעס יאהר אין הערבסט, בעת דאָס וועטער ענדערט זיך און עס הויבען זיך אָן די קאַלטע אָסיען רעגענס, לייד איך אויף דער זעלבער קראַנקהייט און אזוי געוועהנט בין איך שוין דערצו, אז איך געה אפילו ניט צו קיין דאָקטאָר.

פאר־א־יאָהרען אָבער, האָט פּאַסירט א זאַך, וועלכע האָט געגעבען מיין קראַנקהייט אַן ערנסטען כאראַקטער און איך בין זאָגאר געווען אין א געפאַהר צו שטאַרבען.

דאָס איז געווען א פריהמאָרגען פון דעם דריטען טאָג פון דער צייט וואָס איך בין געלעגען צו בעט. מיין געזונד האָט זיך שוין געהאַט פערבעסערט אויף אזוי וויית, אז איך האָב גערעכענט דעם אנדערען טאָג געהן אין פאַבריק — ווען פּלוצים האָט דער רוח אָנגעטראָגען מיין מוהמע רישע פון בראַנזוויל. די שווארצע אַטלעס־סענע יופּקע אויף די פּלייצעס און דעם „ראָספּער" אָן א זייט, איז זי אריינגעפאַלען אין שטוב מיט א גרויס געוויין:

—דאָ איז איציק — ווערה איז מיר?

— דאָ! וואָס איז מוהמע? האָב איך געפרעגט פון אונטער דער פּערענע.

— וואָס? דו לעבסט נאָך? — איז מיין מוהמע איבערראַשט געוואָרען — „אוי!" און ביי דעם וואָרט „אוי" האָט זי זיך א כאַפּ געטהאָן מיט ביידע הענד פאַר דעם גאָלדענעם בראָשעל וואָס איז געהאַנגען אויף איהר ברוסט.

צוויי קיילעכדיגע טרערען האָבען זיך געשטעלט אין איהרע גרויסע בהמה'וואַטע אויגען. זי האָט זיי אויסגעטונקען מיט דעם

קליינעם פינגעריל און אוועקגעוואָרפען, אויף דעם אופן ווי מען טהוט עס ביי „דם צפרדע" אין דער הגדה.

דאַן האָט זי אָראָבגענומען איהר יופעל, ארויסגענומען פון קעשענע צוויי מאַראַנצען און גענומען עסען.

פאַרטיג געוואָרען מיט די מאַראַנצען, האָט זי זיך אָבגעווישט די ליפען מיט אַן ארבעל פון איהר פלושענעם שפּענצער און מיך אַ פרעג געטהאָן:

— אויף וואָס בעקלאָגסטו זיך, איציק?

— אויף דעם בויך — האָב איך געענטפערט פון אונטער דער פּערענע.

— אויף דעם בויך? נו־נו, ס'איז גאָר מ י י ן פּעקעל... — האָט מיין מוהמע רישע פאַטאַקעוועט. עס דרעהט דיר אזוי אינ־ווענינ? און עס דאַכט זיך דיר אַלץ, אַז דו וואָלסט עפּעס געוואָלט?

איך האָב געזאָגט, אַז יאָ.

— נאַ, ס'איז גאָר נישט. — האָט מיך מיין מוהמע רישע געטרויסט — מען קען דערמיט אויסלעבען אַלע יאהרען... אָבער אויסקורירט ווערען דערפון קען מען ניט.

מיר איז געוואָרען אומעטיג.

אין אַ ווײַלע ארום האָט זי ווידער געפרעגט:

— אַז דו אָטהעמסט, טהוט דיר וועה אָט־אָ־דאָ־אָ, אונטער'ן לעפעלע, האַ? נו־נו! ס'איז גאָר מ י י ן פּעקעל, און אין האַלז איז דיר אזוי טרוקען... און די צונג — אָנו, ווייז די צונג!...

איך האָב איהר געוויזען די צונג.

— ס'איז גאָר נישט, — האָט מיין מוהמע געזאָגט — ס'איז בלויז א י י ן לונג אביסעל צוגעפוילט... שטאַרבען דערפון קען מען ניט, נור ס'איז שוין א ז ו י אויף אַ וויסט לעבען...

איך האָב ארויסגעשטעקט אַ האַלבען קאָפּ פון אונטער דער פּערענע און אַ קרעכץ געטהאָן.

ווידער אַמאָל האָט מיך מיין מוהמע אָבגעלאָזען אויף אַ ווײַלע. דורך דער צייט האָט זי זיך אויף אַ הויכען קול געקריגט מיט מיין ווייב פאַר וואָס זי „טענדעט" מיך ניט און בשעת מעשה

האָט זי איהר געגעבען אָנצוהערען, אַז איך וועל שוין סאַי ווי־סאַי לאַנג ניט ציהען.

דערנאָך האָט זי אַרויפגעלעגט איהר פליישיגע האַנד אויף מיין שטערען און געפרעגט:

— הייץ האָסטו? און עס איבעלט דיך מסתמא... און דער קאָפּ דרעהט זיך דיר אַלץ... און דו ווילסט שלאָפען...

— יאָ! — האָב איך אויסגעקרעכצט. אין דעם דאָזיגען מאָמענט בין איך געווען גרייט צו גלויבען אַלסדינג וואָס אַ מענש וואָלט נאָר זאָגען וועגען מיר — אפילו אַז איך בין אימשטאַנד צו מאַכען אַ לעבען פאַר אַ ווייב מיט קינדער.

— אויב אַזוי, — האָט מיין מוהמע פעסטגעשטעלט — איז עס זיין קראַנקהייט — ווי האָט ער אַקאָרשט געהייסען? — ברוך גדליה... נאָך איידער ער איז געשטאָרבען, דער ברוך גדליה, אונז אויף צו לאַנגע יאָהר, האָט ער מיר דערצעהלט, אַז בשעת ער איז געווען אין די וואָרם־בעדער האָט איהם דער פּראָפעסאָר קאָוואַל־סקי געזאָגט: „ליעבער יודע, — האָט ער געזאָגט — זיי האָבען אַ פערפלוקסטעם קרענק!...“ די פּיס „טערפען“ דיר אויך?...

— יאָ.

— נו, ס'איז גאָר דאָס פעקעל וואָס לאַפּאַטשאַנסקי, זאָל זיך מיהען, האָט געהאַט אויף זיך... אויף שונאי ציון געזאָגט געוואָרען! מען האָט דאָך פון איהם געשניטען שטיקער לעבעדיגערהייט און דער סוף איז געווען, אַז ער איז געשטאָרבען אונטער'ן מעסער... אַזאַ יונגער בוים נעביך... דאָס האַרץ קלאַפּט דיר אויך?...

— עס קלאַפּט! עס קלאַפּט! — האָב איך זיך צושריען. עס איז ניט געווען קיין ליגען. דער שרעק פאַר'ן טויט האָט געמאַכט מיין האַרץ קלאַפּען אונרעגעלמעסיג.

— אַזוי־אָ מאַכט עס, האַ? — האָט מיר מיין מוהמע געוויזען מיט דעם הענטעל פון איהר רעגענשירם, אַזוי ווי אַ דיריגענט פון אַ קאַפּעליע צייגט אָן אַ געוויסען טאַן — טיק־טאַק, טיק־טאַק! האַ? ס'אַ האַרץ־קראַנקהייט אַזאַ — אַ בראָך איז מיר!... ערשט פאַר־אַ־יאָהרען אַ לאַנדסמאַן מיינער — אַ איד אַ דעמב — פּלוצים

אוועקגעפאלען אין מיטען גאס פון אזא קראנקהייט... אין דער נאז פיהלסטו אמאל א בייסעניש אויך ?... דאס איז —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך וויים ניט, האט מיין חבר פערענדיגט, וואס איך האב ווייטער געענטפערט, ווארום נאך דעם זעלבען טאג האט מען מיך ארייגעטאטשקעט אין אן אמבולאנס און מיך אוועקגעפיהרט אין האספיטאל שטערבליך קראנק.